STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00455

HANTBUKH FUN YIDISHN TEATER

Zalmen Zylbercweig

Permanent preservation of this book was made possible by
Goldie Y. Lansky
in memory of
Merton W. Lansky

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן זילבערצווייג

האַנטבוך פון יידישן טעאַטער

אַ שטודיר־בוך

אַרויסגעגעבן פון זלמן זילבערצווייג יובל־קאָמיטעט
ביים ייווא אין לאָס אַנדזשעלעס

מעקסיקע סיטי 1970

אַרייַנפיר

דאָס סטאַבילע יידישע טעאַטער ווערט באַלד 100 יאָר אַלט. עס האָט זיך אָנגעהויבן ניט אויף קיין רעגולערער טעאַטער־בינע, נאָר אויף אַ צונויפגעשטאָבעט געשטעל אין אַ גערטנטל מיט 2 שפּי־לער, מיט אַ קנאַפּן עולם. עס איז אויסגעוואַקסן אין אַ וועלט־פאַרנעם. עס האָט אַנטוויקלט סיי אַן עולם, סיי אַקטיאָרן און סיי שרייבער פאַר טעאַטער־שטיק און סיי טעאַטראַלן. אַ צייט איז די אַנטוויקלונג געגאַנגען לאַנגזאַם, דערנאָך ראַפּטום, שפּעטער האָבן פאַרשיידענע סיבות אָנגעהויבן אונטערגראָבן די עקזיסטענץ און עס דערפירט צו אַ צושטאַנד פון אַזאַ רעגרעס ווי כמעט אין די ערשטע יאָרן פון דער יידישער בינע, ווען עס האָט ניט געהאַט ניט קיין באַזוכער, ניט קיין אַקטיאָרן און ניט קיין שרייבער.

ביי דעם אַלעם קאָן מען ניט און מען טאָר ניט מינימיזירן די גרויסע ראָל, וואָס עס האָט געשפּילט די רעוואָלוציע, וואָס עס האָט געמאַכט אין אונדזער גייסטיק קולטור־לעבן. אָט די ראָל איז אָן שום ספק אַן אויפגאַבע צו שטודירן. מען קאָן דערפון אַרויסטראָגן זייער אַ סך באַשלוסן, ניט נאָר וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט, נאָר אויך פאַר דער צוקונפט. ווען עס קומט אָבער צום שטודירן אָט די ראָל פון יידישן טעאַטער, אין אַלע זיינע פאַזן און אויף אַלע זיינע געביטן, בלייבט מען צעטומלט און פאַרווירט. ביזן היינטיקן טאָג איז ניטאָ קיין אַלץ־אַרומנעמענדיקע געשיכטע פון יידישן טעאַטער. עס זיינען ניטאָ קיין קלאָרע קוואַלן צו וועלכע מען זאָל געריכטעט ווערן ווי אַזוי זיך צו באַקענען מיט די אַלע געשעענישן און פאַקטן, מיט דער היסטאָריע און אירע קאָנסעקווענצן. גאַנץ אָפט פּאַסירט עס, אַז אַפילו די, וועלכע שרייבן אויף דעם געביט אַ גרעסערע אָדער אַ קלענערע אַרבעט, קאָנען עס ניט טאָן פּערפעקט, ווייל זיי זיינען ניט באַקאַנט מיט די מקורות פון וועלכע זיי וואָלטן געקאָנט שעפּן די נייטיקע ידיעות. עס טרעפט ניט זעלטן, אַז אַ שרייבער בויט זיין אַרבעט אויף אַ שמועס מיט דעם אָדער יענעם אַקטיאָר אָדער טעאַט־ראַל, וואָס איז אַליין אויך זייער ווייניק באַהאַוונט אין דאָזיקן געביט

און זיין גאַנצע אינפאָרמאַציע דריט זיך אַרום אים, אָדער אַלנפאַלס ווי מיט אים אַלס דער וויכטיקסטער אָביעקט און פאַקטאָר פון דער אינפאָרמאַציע.

אָט דער חסרון קאָן נאָר אויסגעבעסערט ווערן ווען מען האָט אַ וועגווייזער, וואָס זאָל באַקענען דעם פאָרשער אָדער דעם תלמיד, וואָס וויל באמת לערנען די יידישע טעאַטער-געשיכטע גענוי, מיט די מקורות, די קוואַלן צו וועלכע ער זאָל זיך קאָנען ווענדן פאַר זיין אינפאָרמאַציע. גאַנץ באַזונדערס דאַרף אַזאַ וועגווייזער ברענגען נוצן די, וועלכע אַרבעטן אויף דיסערטאַציעס געבויט אויף אַרבעטן וועגן יידישן טעאַטער, און פאַר תלמידים פון העכערע יידישע שולן אָדער קורסן.

אַלס אַזאַ וועגווייזער, האָף איך, וועט דינען אָט דאָס „האַנטבוך פון יידישן טעאַטער". דאָס בוך נעמט אַריין דורך קורצע אינהאַלטן, די אַלע ביכער אין יידיש, העברעיש, ענגליש, רוסיש, דייטש, פויליש, פראַנצויזיש און שפּאַניש וועגן יידישן טעאַטער, וואָס זיינען דערשי־נען זינט מ'האָט גענומען שפּילן יידיש טעאַטער, און אויך אַלע בי־כער אין יידיש, וואָס באַהאַנדלען אַלגעמיינע טעאַטער-פּראָבלעמען און געשיכטע, ווי אויך פילם.

דאָס „האַנטבוך פון יידישן טעאַטער" גיט איבער דעם אינ־האַלט פון די אַלע ביכער לויטן א״ב פון די מחברים, אָבער צוליב שטודיע-צוועקן וועלן די דאָזיקע ביכער סיסטעמאַטיזירט ווערן לויט זייער כאַראַקטער און זשאַנר.

אַלס אַזעלכע וועלן זיי געטיילט ווערן אין:

א) געשיכטע

181, 176, 157, 27, 48, 54, 51, 9, 124, 123, 7, 11, 51, 98, 154, 26, 39, 85, 50, 1, 122, 7, 70, 71, 98, 13, 138, 57, 160, 59-67, 153.

140, 156, 155, 58, 80, 86, 118, 99, 119, 120, 163, 164, 116, 3, 92, 101, 117, 126, 107, 104, 178, 142, 78, 52, 56, 55, 31, 30, 29, 75-73, 45, 49, 36, 113, 177, 111, 18, 77, 82, 78, 130, 97, 37, 149, 38, 6, 19, 91, 170, 4, 40, 133, 134, 137, 57, 159, 152, 177, 171, 172, 53, 5, 95, 108, 16, 173, 2, 144, 145, 90, 28, 93, 94, 17. 167, 168, 33, 34, 128, 98, 169, 123.

ב) ביאָגראַפיעס

51, 54, 99, 124, 85, 57, 138, 70, 71, 13, 153, 2, 93, 95, 143, 58, 80, 174, 17, 28.

151, 175, 73-75, 45, 100, 116, 31, 102, 117, 29, 30, 179, 18, 77, 111, 113, 94, 56, 59-67, 158, 87, 162.

ג) קריטיק

1, 3, 8, 12, 16, 20, 24, 37, 42, 44, 81, 88, 101, 104, 107, 110, 113, 119, 120, 121, 122, 128, 133, 136 137, 135, 139, 140, 142, 146, 147, 159, 162, 166.

ד) זכרונות

אייראָפּע:

50, 143, 120, 121, 58, 80, 45, 73-75, 116, 31, 30, 29, 6, 82, 38, 113, 178.

אַרגענטינע:

158, 151, 123.

אַמעריקע:

50, 70, 69, 71, 138, 57, 160, 59-67, 2, 95, 174, 109, 93, 118, 55, 152, 94.

4, 5, 26, 47, 90, 53, 34, 33, 11, 52, 56, 77, 180.

12, 20, 21, 23, 24, 76, 88.

ה) טעאַריע

15, 16, 19, 43, 44, 72, 81, 89, 101, 105, 106, 115, 128, 142, 157, 166, 172.

ו) פאָלקלאָר

50, 56, 6, 13, 137.

ז) פּיעסן

163, 46.

ח) ראָמאַנען

183, 35.

ט) איקאָנאָגראַפיע

53, 149.

י) ביכער וועגן אַנדערשפּראַכיקן טעאַטער און פילם

וועגן העברעישן טעאַטער: בן אריס „הבימה“ (ז. 19), וועגן שעקספּירן — 3 ביכער (41, 89 און 115), וועגן ראַשעל — 3 ביכער (162, 167 און 87), וועגן הענריק איבסען — 1 בוך (21), וועגן מאָסקווער מלוכה־טעאַטער — 1 בוך (161), וועגן סאָוויעטישער דראַמאַטורגיע — 1 בוך (81), וועגן פּילם — 2 ביכער (112, 103), וועגן טעאַטראַליע — 7 ביכער (22, 31, 101, 105, 106, 142 און 172).

אָט די דאָזיקע סיסטעמאַטיזירונג גייט כראָנאָלאָגיש ניט לויט דעם א'ב פון די מחברים און ניט לויט די דאַטעס ווען די ביכער זיינען אַרויס, נאָר לויט די געשעענישן. ווען איינער, אַ שטייגער, זאָל זיך וועלן באַקענען מיט דער יידישער טעאַטער־געשיכטע, וועט ער זיך דאַרפן באַקענען ניט מיטן ערשטן בוך, וואָס וועגן אים ווערט רעפערירט אין דעם „האַנטבוך“, ניט לויט דער נומערירטער אָרדנונג אין דעם בוך, נאָר מיט ביכער וועגן יידישער טעאַטער־געשיכטע לויטן אַנווייז אין רובריק א. און גיין כסדר לויטן אָנווייז, וואָס ווערט ווייטער געבראַכט, און אַזוי מיט אַלע אַנדערע זשאַנרן.

אַ סך ביכער וועגן יידישן טעאַטער זיינען אָבער ניט באַגרענעצט צו איין זשאַנר. מאַנכע זיינען אַ געמיש פון פאַרשיידענע זשאַנרן, באַזירנדיק איין זשאַנר אַלס יסוד און די אַנדערע אַלס בייזייטיקע. אין אַזעלכע פאַלן וועלן די ביכער טאָפּלט אָדער מערפאַכיק קאַטאַלאָגירט ווערן, קודם כל מיט גרעסערע ציפערן פון דעם נומער פון דעם זייטל וועגן הויפּט־סוזשעט, דער עיקר זשאַנר, און מיט קלענערע ציפערן דעם נעבן־זשאַנר, אַזוי, אַז דער רעזולטאַט וועט זיין, אַז יעדער אָביעקט וועט פולשטענדיק באַהאַנדלט ווערן.

נאַטירלעך דאַרף מען אָננעמען, אַז ביי דער צעשפּרייטקייט פון דער יידישער ליטעראַטור איבער דער גאַנצער וועלט, און נאָכן חורבן, וואָס די נאַציס ימ"ש האָבן געמאַכט אין אייראָפּע אין דער יידישער געדרוקטער ליטעראַטור, איז אומפאַרמיידלעך, אַז דאָ אָדער דאָרט

זאָלן מיר ניט האָבן דורכגעלאָזט אַ געדרוקט בוך (אָט, אַ שטייגער, ווייסן מיר וועגן צוויי אַזעלכע ביכער, וועלכע ס'האָט זיך בשום אופן ניט איינגעגעבן צו געפינען אַ שפּור: אַ טעאַטער־ראָמאַן פון יצחק פּערלאָוו און אַ בראָשור וועגן דער אומגעקומענער שוישפּילערין קלאַ־ראַ סעגאַלאָוויטש).

אויסער די ספּעציעלע ביכער איז נאָך פאַראַן אַ ריזיק גרויסע טעאַטראַליע אין די פאַרשיידענע ספּעציעלע יידישע טעאַטער און קונסט־זשורנאַלן, פּראָגראַמען פון געוויסע טעאַטערס, די צאָלרייכע קריטיק, רעצענזיעס, אַרטיקלען, אינטערוויוס וועגן יידישן טעאַטער אין דער יידישער און ניט־יידישער פּעריאָדיקע, גאַנץ באַזונדערס אין די אומצאָליקע זכרונות און עפּיזאָדן פון יידישע טעאַטראַלן, וואָס פאָדערט אַ גאַנץ באַזונדערע פאָרש־אַרבעט און דאָקומענטאַציע.

וויפל ביכער ווערן באַהאַנדלט אין דעם בוך?

די אַלגעמיינע צאָל באַטרעפט 179, דערפון זיינען 155 אין יידיש, 3 אין העברעיש, 8 אין ענגליש, 4 אין רוסיש, 3 אין דייטש, 2 אין פּויליש, 1 אין פראַנצויזיש, 3 אין שפּאַניש. טייל ביכער זיינען צוויי־שפּראַכיקע, אַ שטייגער; יידיש מיט ענגליש, יידיש מיט רומעניש, יידיש מיט דייטש.

זיי זיינען געשריבן געוואָרן פון 128 מחברים און רעדאַקטאָרן.

דאָס סטאַבילע יידישע טעאַטער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1876 דורך אברהם גאָלדפאַדן אין יאַסי, רומעניע, אָבער דאָס ערשטע בוך וועגן יידישן טעאַטער, וואָס איז באַלד דערויף אַרויס, האָט גע־האַט אַ העברעישן נאָמען („במת ישחק או גי — חזיון") און דער מחבר האָט ניט אָנגעגעבן זיין נאָמען, נאָר אַ פּסעוודאָנים, אָבער פון דעם ליד, וואָס ער ווידמעט אין אָנהייב פון בוך צו זיין „וואויל־טעטער", דערוויסט מען זיך זיין ווירקלעכן נאָמען ג. אבראַמסקי. מען וואָלט וועגן דעם בוך אפשר גאָרניט געוווּסט ווען ניט דער קדוש נח פּרילוצקי האָט עס שפּעטער באַשריבן. דאָס בוך איז ניט קיין געשיכטע־בוך, נאָר אַן אָפּהאַנדלונג און קריטיק וועגן גאָלדפאַדנס ערשטע פאָרשטעלונגען און עס האָט דעריבער אַ היסטאָרישן באַטייט.

אַמוויכטיקסטן און צום שוואַכסטן איז אין די אַלע אַרויסגעגע־בענע יידישע ביכער פאַרטראָטן דירעקטע יידישע טעאַטער־געשיכ־טע. געוויס צו דערמאָנען, אַז וועגן די ערשטע קוואַלן פון יידיש טעאַ־טער און יידישע דראַמאַטורגיע האָבן מיר נאָר איין ווערק, דעם קדוש דר. יצחק שיפּערס דריי בענדיקע „געשיכטע פון יידישער טעאַטער־קונסט און דראַמע" און אַ ריי פאָרש־אַרבעטן אין ערשטן באַנד פון „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע" אונטער דער רעדאַקציע פון דר. יעקב שאַצקי. דאָס מאָדערנע יידישע טעאַ־

טער מיט אַן אַריינפיר פון די ערשטע קוואַלן צו דער אַלטער יידישער טעאַטער-געשיכטע, פון ב. גאָרין, וואָס איז טאַקע אַ פּיאָנער און בן-יחיד ביזן היינטיקן טאָג, אָבער איז אַרכיטעקטאָניש זייער שוואַך אויפגעבויט געוואָרן און דערגייט נאָר ביז צום סאַמע שענסטן און וויכטיקסטן פּעריאָד אין דער יידישער טעאַטער-געשיכטע: דעם אָנהייב פון יידישן קונסט-טעאַטער אין אַמעריקע און די מלוכהשע יידישע טעאַטערס אין ראַטנפאַרבאַנד, די ליטעראַרישע טעאַטערס אין אייראָפּע און דעם גלאַנץ-פּעריאָד פון דער יידישער מוזיקאַלישער קאָמעדיע אין אַמעריקע. וועגן די יידישע טעאַטערס אין אַרגענטינע, דרום-אַפריקע און אויסטראַליע איז דאָרט פאַראַן נאָר אויפן שפּיץ מעסער.

שטאַרקער איז די אָפּטיילונג פון מעמוארן, באַזונדערס פון אַקטיאָרן, וואָס איז אָבער, מיט זייער קליינע אויסנאַמען, אַ קאָנצענטראַציע פון גוואַלדיקער סוביעקטיוויטעט, עגאָ-פאַרצייכנונגען, גוזמאות און איינזייטיקע באַאָבאַכטונגען און איינדרוקן, אָבער אָוועקמאַכן מיטן האַנט קאָן מען זיי פאָרט ניט, באַזונדערס ווען עס קומט אויס צו קאָנפראָנטירן איינס קעגן אַנדערן, איין מעמואַריסט קעגן אַנדערן. עס איז שוין אַן אַלטער כלל, אַז ביי מעמואַרן איז דער אמת אין דער מיטן...

די גאָר גרויסע יידישע טעאַטער-קריטיק אין דער ברייט-צעוואָרפענער יידישער פּרעסע איבער דער גאַנצער וועלט איז אויך ניט איבריק פאַרטראַטן אין בוך-טאָוולען. מיר האָבן דאָ בסך-הכל ביכער פון דר. מוקדוני, דער לעבעדיקער, דר. ווייבערט, נח פּרילוצקי, און נ. בוכוואַלד, אַזעלכע קריטיקער ווי נחמן מייזיל, י. מ. ניימאַן, ד. ב. מאַלקין, און ב. קאַרלינסקי אין פּוילן, יהושע ליובאָמירסקי און מ. ליטוואַקאָוו אין ראַטנפאַרבאַנד, יעקב באָטאָשאַנסקי, שמואל ראָזשאַנסקי און דר. ל. זשיטניצקי אין אַרגענטינע, אייב קאַהאַן, הלל ראָגאָף, וויליאַם עדליך, יואל ענטין, ש. יאַנאָווסקי, ב. גאָרין, חיים עהרענרייך, דר. ל. פאָגעלמאַן, נ. בוכוואַלד, דר. נ. סווערדלין, א״א אין אַמעריקע האָבן זייערע קריטיקס באַגרענעצט מיטן דרוקן אין די פאַרוויאַנעטע און אָפּשטאַרבנדע בלעטער אין די צייטונגס-אויסגאַבן.

די איקאָנאָגראַפיע, די אומגעהויער רייכע גרימירונגען, טיפּאַזשן, קאָסטיומען און דעקאָראַציעס האָבן בסך הכל צוויי ביכער: מיין „אַלבאָם פון יידישן טעאַטער" און פ. פרידמאַנס צייכענונגען פון ראַליסטן, אויסער וואָס אין טייל ביכער זיינען אויך פאַראַן בילדער פון אַקטיאָרן אין ראָלן און אויפפירונגען.

דער יידישער טעאַטער-פאָלקלאָר, די אַקטיאָרן-שפראַך און זייערע ווערטלעך, איז גאָר אָרעם פאַרצייכנט אין ביכער.

ניט איבעריק רייך זיינען אויך די צאָל ביכער וועגן טעאַטער-שטודיום בכלל, די טעאָריע וועגן טעאַטער.

גאַנץ קליין איז אויך די צאָל פיעסן און ראָמאַנען וועגן טעאַטער.

צום רייכסטן איז דערוויל דער טייל ביאָגראַפיעס פון יידישע שוישפילער און אַלע אַנדערע טעאַטראַלן, קודם כל אַ דאַנק די ביז איצט דערשינענע 6 בענד פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער”, וואָס נעמט אַריין בערך 2500 ביאָגראַפיעס און טייל מאָנאָגראַפיעס מיט די בילדער פון די ביאָגראַפירטע.

די גרעסטע צאָל ביכער זיינען וועגן די נעסטאָרן פון יידישער דראַמאַטורגיע אברהם גאָלדפאַדן און יעקב גאָרדין. וועגן גאָלדפאַדענען זיינען פאַראַן 8 ביכער, צוויי זאַמלביכער, צוויי פון שרייבער פון דעם בוך, צוויי פון נחמן מייזיל, צוויי זאַמלביכער און איין בראָשור אין דייטש. וועגן גאָרדינען זיינען פאַראַן 4 ביכער, אַ ביאָגראַפיע פון קלמן מרמר, אַ ביאָגראַפיע פון שרייבער פון דעם בוך, אַ ביאָגראַפישער אַנאַליז פון יצחק טורקאָוו-גרודבערג און אַ כאַראַקטעריסטישע שטימונגס-דערינערונג פון מאָריס ווינטשעווסקי.

דער סאָוועטיש-יידישער שוישפילער ס. מיכאָעלס האָט זוכה געווען צו עטלעכע ביכער, דערונטער איין בוך פון י. ליובאָמירסקי אין רוסיש, און זיינס אַן אייגן בוך.

עס זיינען אָבער פאַראַן שפעטערדיקע געשיכטע-ביכער וועגן דעם נייעם יידישן טעאַטער. די מלוכה-טעאַטערס אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס דערציילן זייער געשיכטע און טעטיקייט, ווי ליטוואַקאָווס בוך וועגן די ערשטע 5 יאָר פון יידישן מלוכה טעאַטער אין מאָסקווע, י. ליובאָמירסקיס וועגן אוקראַאינישן יידישן מלוכה-טעאַטער, יצחק טורקאָוו-גרודבערגס וועגן יידישן טעאַטער אין פוילן און שפעטער פויליש-יידישן מלוכה-טעאַטער, און מאיר מעלמאַנס און קאַרל האַרטמאַנס וועגן יידישן מלוכה-טעאַטער אין פוילן, ווי אויך אַ בוך וועגן רומעניש-יידישן טעאַטער.

פון דראַמאַטורגן האָבן וועגן זייערע דראַמאַטורגיע. נאָר לייוויק 2 בראָשורן און פישל בימקאָ אַ בראָשור און אַ בוך.

דאָס יידישע טעאַטער האָט זיך אויך ווייניק אָפגעשפיגלט אין ספעציעלע טעאַטער-ראָמאַנען. אויבן אָן שטייט דאָ נאַטירלעך שלום-עליכמס מאָנומענטאַלער ראָמאַן, „בלאָנדזשענדע שטערן”, וואָס איז ניט נאָר געלייענט געוואָרן דורך טויזנטער לייענער, נאָר איז געזען געוואָרן אַ דאַנק די דראַמאַטיזירונגען דורך צענדליקער טויזנטער טעאַטער-באַזוכער.

אינהאַלט:

זייט

ג. אבראמסקי — במת ישחק — — — — — — — — — — — — — — — 1
צילי אַדלער — צילי אַדלער דערציילט — — — — — — — — — — — 2
נ. אויסלענדער — יידישער טעאַטער — — — — — — — — — — — 3
די אידישע ביהנע (ניו יאָרק 1897) — — — — — — — — — — — 4
אידיש טעאַטער (רעד. אליהו טענענהאָלץ) — — — — — — — — 5
שמואל איריס — אַט אַזוי האָט מען געשפּילט טעאַטער — — — — — 6
80 יאָר יידיש טעאַטער אין רומעניע — — — — — — — — — — — 7
משפט הדבוק — 8
ש. אנ־סקי — אויסגעקליבענע שריפטן — — — — — — — — — — 10
צען יאָר ארטעף — — — — — — — — — — — — — — — — — — 11
בער ארשאַנסקי — טעאַטער־שלאַכטן — — — — — — — — — — 12
מ. אשעראַוויטש — דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד — — — — — 13
יעקב באַטאשאַנסקי — נאָך דער פאָרשטעלונג — — — — — — — — 14
חבל בוזגאַן — האַנטבוך פאַר אַקטיאָרן — — — — — — — — — — 15
נ. בוכוואַלד — טעאַטער — — — — — — — — — — — — — — 16
א. ה. ביאַלין — מאָריס שוואַרץ און דער אידישער קונסט טעאַטער — 17
שבתי בליאַכער — איין און צוואַנציק און — איינער — — — — — — 18
ר. בן־ארי — הבימה — — — — — — — — — — — — — — — — — 19
אהרן בעקערמאַן — פ. בימקאָ דער דראַמאַטורג און רעאַליסט — — 20
געאָרג בראַנדעס — הענריק איבסען — — — — — — — — — — — 21
חנא גאַטעספעלד — בראַדוועי און תל אביב — — — — — — — — 22
א. גאָלדבערג — אונדזער דראַמאַטורגיע — — — — — — — — — 23
אייזיק גאָלדבערג — די איבערגאַנגס־דראַמע — — — — — — — — 24
אברהם גאָלדפאַדען — אויסגעקליבענע שריפטן — — — — — — — 25
גאָלדפאַדען־בוך (ניו יאָרק 1926) — — — — — — — — — — — 26
ב. גאָרין — די געשיכטע פון אידישן טעאַטער — — — — — — — 27
ראובן גוסקין (זאַמלבוך) — — — — — — — — — — — — — — — 28
חיהלע גראַבער — צו דער גרויסע וועלט — — — — — — — — — 29
חיהלע גראַבער — מיין וועג אַליין — — — — — — — — — — — 30

ז י י ט

אַלעקסאַנדער גראַנאַך — אַט גייט אַ מענטש — — — — — — — — — — — — — — 31
אל דייטש — מאַסקעס פון יידישן טעאַטער — — — — — — — — — — — — — 32
דוד דענק — הינטער די קוליסן — — — — — — — — — — — — — — — — 33
דוד דענק — שוואַרץ אויף ווייס — — — — — — — — — — — — — — — — 34
לעאָן דרייקורס — קוליסן — — — — — — — — — — — — — — — — — 35
רחל האלצער — (זאַמלבוך) — — — — — — — — — — — — — — — — — 36
קאַרל האַרטמאַן — דאָס יידישע טעאַטער אין פּוילן נאָכן צווייטן
וועלט־קריג — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 37
ש. י. האַרענדאָרף — טעאַטער־קאַראַוואַנען — — — — — — — — — — — — 38
100 יאָר יידיש טעאַטער (רעד. י. ח. קלינגער) — — — — — — — — — — 39
האַטשינס העפּגוד — דער גייסט פון דער געטאָ — — — — — — — — — — 40
ד. מ. הערמאַלין — שעקספּירס אויסגעוועהלטע ווערק — — — — — — — — 41
מ. וואַנוווילד — פּסיידאָ־קונסט און פּסיידאָ־קריטיק — — — — — — — — 42
יעקב וואַסערמאַן — דאָס טעאַטער און דער סאָציאַליזם — — — — — — 43
מיכאַל ווייכערט — טעאַטער און דראַמע — — — — — — — — — — — — 44
מיכאַל ווייכערט — זכרונות — — — — — — — — — — — — — — — — 45
מיכאַל ווייכערט — טרופּע טאַנענצאַפּ — — — — — — — — — — — — 46
מאָררים ווינטשעווסקי — אַ טאָג מיט יעקב גאָרדין — — — — — — — — 47
מאָרווין ל. סייגער — די ערשטע 10 יאָר פון יידישן טעאַטער אין
אַמעריקע — 48
בינאַמין זוסקין — 49
זלמן זילבערצווייג — הינטערן פאָרהאַנג — — — — — — — — — — — — 50
זלמן זילבערצווייג — אברהם גאָלדפאַדען און זיגמונט מאָגולעסקאָ — 51
זלמן זילבערצווייג — טעאַטער־פיגורן — — — — — — — — — — — — 52
זלמן זילבערצווייג — אַלבאָם פון יידישן טעאַטער — — — — — — — — 53
זלמן זילבערצווייג — אַברהם גאָלדפאַדען — — — — — — — — — — — 54
זלמן זילבערצווייגס יובל בוך — — — — — — — — — — — — — — — 55
זלמן זילבערצווייג — טעאַטער מאָזאַאיק — — — — — — — — — — — 56
זלמן זילבערצווייג — די וועלט פון יעקב גאָרדין — — — — — — — — — 57
זלמן זילבערצווייג — די וועלט פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ — — — — — 58
זלמן זילבערצווייג — לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער (1) — — — — — 59
זלמן זילבערצווייג — לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער (2) — — — — — 60
זלמן זילבערצווייג — לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער (3) — — — — — 62
זלמן זילבערצווייג — לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער (4) — — — — — 64
זלמן זילבערצווייג — לעקסיאָקן פון יידישן טעאַטער (5) — — — — — 66
זלמן זילבערצווייג — לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער (6) — — — — — 67

ז י י ט

טהאמאשעפסקיס טהעאטער שריפטען 69

באריס טאמאשעווסקי — מיין לעבענס־געשיכטע 70

בעסי טהאמאשעווסקי — מיין לעבענס געשיכטע 71

זיגמונט טורקאָוו — שמועסן וועגן טעאַטער 72

זיגמונט טורקאָוו — פראַגמענטן פון מיין לעבן 73

זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער זכרונות 74

זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה 75

יאנאס טורקאָוו — וועגווייזער פאַר דראַמאַטישע קרייזן 76

יאנאס טורקאָוו — פאַרלאָשענע שטערן 77

יצחק טורקאָוו־גרודבערג — יידיש טעאַטער אין פוילן 78

יצחק טורקאָוו־גרודבערג — וואַרשעווער פורים־שפּילער 79

י. טורקאָוו־גרודבערג — די מאַמע אסתר־רחל 80

י. טורקאָוו־גרודבערג — סאָוויעטישע דראַמאַטורגיע 81

י. טורקאָוו־גרודבערג — אויף מיין וועג 82

יצחק טורקאָוו־גרודבערג — געווען אַ יידיש טעאַטער 83

יצחק טורקאָוו־גרודבערג — פּנימער און מאַסקעס 84

י. טורקאָוו־גרודבערג — גאָלדפאַדן און גארדין 85

מאַרק טורקאָוו — בריוו פון אסתר רחל קאַמינסקי 86

אברהם טייטעלבוים — ראַשעל 87

אברהם טייטעלבוים — טעאַטראַליע 88

אברהם טייטעלבוים — וויליאַם שעקספּיר 89

דוד בער טירקעל — די יוגנטלעכע בינע 90

טעאַטער־אַלמאַנאַך — (לאָנדאָן, 1943) 91

טעאַטער־בוך (קיעוו, 1927) 92

אליהו טענענהאלצס יובל־בוך 93

הערמאן יאבלאקאוו — אַרום דער וועלט מיט אידיש טעאַטער 94

בועז יאנג — מיין לעבן אין טעאַטער 95

קלאַראַ יאנג (זאַמלהעפט) 96

יידישער טעאַטער אין אייראָפּע (זאַמלבוך) 97

יידיש טעאַטער (לאָס אַנדזשעלעס, 1970) 98

אַדאָלף היינריך לאַנדוי — אַברהם גאָלדפאַדען 99

30 יאָריקער יובילײַ פון שמואל לאנדוי (זאַמלהעפט) 100

י. ליובאמירסקי — דער רעוואָלוציאָנערער טעאַטער 101

י. לובאמירסקי — מיכאָעלס 102

י. ליובאמירסקי — קינעמעטאגראַף 103

י. ליובאמירסקי — מעלוכישער יידישער טעאַטער אין אוקראַינע 104

י. ליובאמירסקי — טעאַטער־רעקאָנסטרוקציע 105

ז י י ט

י. ליובאמירסקי — וויאַזוי צוגרייטנ אַ ספעקטאַקל — — — — — — — 106
מ. ליטוואקאוו — פינף יאָר מלוכישער אידישער קאַמער־טעאַטער — 107
דוד ס. ליפסאָן — דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע — — — — — — 108
לואיס ליפסקי — מעשות וועגן דער יידישער ריאלטא — — — — — 109
דער לעבעדיגער — די פערטע וואַנט, שפּיל און לעבן — — — — — — 110
דוד לעדערמאַן — פון יענער זייט פאַרהאַנג — — — — — — — — 111
דוד מאַטיס — די וועלט פון טשארלי טשאַפּלין — — — — — — — 112
יעקב מאַנסדאָרף און זיין דור (זאַמלבוך) — — — — — — — — — 113
מאַסקווער יידישער אַקאַדעמישער טעאַטער (זאַמלבוך) — — — — — 114
אברהם מאַרעווסקי — שיילאָק און שעקספּיר — — — — — — — — 115
אברהם מאַרעווסקי — אַהין און צוריק — — — — — — — — — — 116
פּערעץ מאַרקיש — מיכאָעלס — — — — — — — — — — — — — 117
יובל זאמלבוך לכבוד דר. א. מוקדוני — — — — — — — — — — — 118
דר. א. מוקדוני — טעאַטער — — — — — — — — — — — — — 119
דר. א. מוקדוני — יצחק לייבוש פּרץ און דאָס יידישע טעאַטער — — 120
דר. א. מוקדוני — אין וואַרשע און אין לאָדזש — — — — — — — — 121
יהושע מזח — במת ישחק או משא גיא חזיון — — — — — — — — 122
א. מידע — עפּיזאָדן פון יידישן טעאַטער — — — — — — — — — 123
נחמן מייזיל — אברהם גאָלדפאַדען דער פאָטער פון׳ם יידישן טעאַטער 124
מאָרריס מייער — אידיש טעאַטער אין לאָנדאָן — — — — — — — — 125
מיכאָעלס דער אַקטיאָר (זאַמלבוך) — — — — — — — — — — — 126
אליהו פאַלקאָוויטש (רעד.) — מיכאָעלס — — — — — — — — — 127
שלוימע מיכאָעלס — אַרטיקלען, שמועסן, רעדעס — — — — — — — 128
דזשעימז אַלבערט מיללער — דער דעטראַיטער יידישער טעאַטער — 130
מאיר מעלמאַן — דאָס יידישע טעאַטער אין וואַרשע צווישן די צוויי
מלחמות — — — — — — — — — — — — — — — — — — 132
יעקב מעסטל — אונדזער טעאַטער — — — — — — — — — — — 133
יעקב מעסטל — 70 יאָר טעאַטער־רעפּערטואַר — — — — — — — — 134
יעקב מעסטל — ליטעראַטור און טעאַטער — — — — — — — — — 135
וואָלף מערקור — מערקוריאָזן — — — — — — — — — — — — — 136
וואָלף מערקור — ווענט האָבן אויערן — — — — — — — — — — — 137
קלמן מרמר — יעקב גאָרדין — — — — — — — — — — — — — 138
משה נאַדיר — מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס בלוט — — — — — — 139
דר. ש. סיימאָן — ה. לייוויקס גולם — — — — — — — — — — — 140
שלמה עטינגער — קאָמעדיע, לידער, משלים און קאַטאָוועסלעך — — 141
ב. פייגענבוים — צו וואָס טויג אַ טעאַטער — — — — — — — — — 142
א. פייל — דאס לעבן פון אַ יידישן אַקטיאָר — — — — — — — — — 143

פינף און צוואַנציק יאָר פאָלקס־בינע (זאַמלבוך) — — — — — — — — — 144
פערציק יאָר פאָלקסבינע (זאַמלבוך) — — — — — — — — — — — — 145
לעא פינקעלשטיין — צווישן די שורות פון לייוויקס „גולם" — — — 146
לעא פינקעלשטיין — דארטן און דא — — — — — — — — — — — 147
דאָס יידישע וועלט־טעאַטער (זאַמלבוך) — — — — — — — — — — 148
פ. פרידמאַן — הינטער־קוליסן מאסקעס — — — — — — — — — 149
פרייע יודישע פאלקסביהנע — — — — — — — — — — — — — 150
בנציון פאַלעפאַדע — זכרונות — — — — — — — — — — — — 151
מאלי פיקאָן — לאך אביסל — — — — — — — — — — — — — 152
שלום פערלמוטער — יידישע דראַמאַטורגן און קאָמפּאָזיטאָרס — — 153
י. פערקאָף — אברהם גאָלדפאַדען — — — — — — — — — — — 154
שלמה פּריזאַמענט — בראָדער־זינגער — — — — — — — — — — 155
נח פּרילוצקי — יידיש טעאַטער — — — — — — — — — — — — 156
נח פּרילוצקי — פאַרוואָס איז דאָס יידישע טעאַטער אויפגעקומען אַזוי
שפּעט — 157
נחמיה צוקער — פיר דורות אידיש טעאַטער — — — — — — — — 158
אלחנן צייטלין — בוך און בינע — — — — — — — — — — — — 159
לעאָן קאָברין — ערינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג — — — 160
אב. קאַהאַן — דער מאָסקווער קונסט טעאַטער — — — — — — — 161
אב. קאַהאַן — ראַשעל — — — — — — — — — — — — — — — 162
א. י. קאַמינסקי — יידישע אַקטערן אויף דער רייזע — — — — — — 163
זאַמלהעפט אידע קאַמינסקי — — — — — — — — — — — — — — 164
אידא קאַמינסקא, 50 יאָר קינסטלערישע טעטיקייט (זאַמלבוך) — — 165
ז. קארנבליטה — די דראַמאַטישע קונסט — — — — — — — — — — 166
יחזקאל קארנהענדלער — ראַשעל — — — — — — — — — — — — 167
זאַמלהעפט „דאָס צענטע געבאָט" אין קונסט טעאַטער — — — — — 168
זאַמלהעפט „קדוש השם" אין קונסט טעאַטער — — — — — — — — 169
שמואל ראַזשאַנסקי — דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט און טעאַטער אין
מלכה ראַבעל — דאָס מאָדערנע יידישע טעאַטער — — — — — — — 170
אַרגענטינע — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 171
ל. רובינשטיין — דראַמקרייז — — — — — — — — — — — — — 172
דאָס רומשינסקי־בוך (זאַמלבוך) — — — — — — — — — — — — 173
יוסף רומשינסקי — קלאַנגען פון מיין לעבן — — — — — — — — — 174
מאַדאַם פּעני ריינהאַרט (זאַמלבוך) — — — — — — — — — — — 175
דר. יעקב שאַצקי — צושטייער צו דער געשיכטע פון דעם פאַרגאַלדפּאַ־
דענישן טעאַטער — — — — — — — — — — — — — — — — — 176

זייט

אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע (רעד. דר. יעקב שאַצקי) — — — — — — — — — — — — — — — — — — 177
הונדערט יאָר גאָלדפאַדן (זאַמלבוך, רעד. דר. יעקב שאַצקי) — — — — 178
ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען — — — — — — — — — — — 179
יוסף שיין — אַרום מאָסקווער יידישן טעאַטער — — — — — — — — — — 180
דר. יצחק שיפּער — געשיכטע פון יידישער טעאַטער־קונסט און דראַמע 181
שלום־עליכם — בלאָנדזשענדע שטערן — — — — — — — — — — — 183

הוספות

בערנאַרדאָ יחזקאל קאַרעמבליט — בן עמי, דער טיפער אַקטיאָר — 184
יצחק טורקאָוו־גרודבערג — אברהם גאָלדפאַדן — פּאָעט פון יידישן טעאַטער — — — — — — — — — — — — — — — — — — 185
ראובן גאָלדבערג — אברהם גולדפאַדן, שירים ומחזות — — — — — 186

במת ישחק
או
גי־חזיון

סאַלאָן „פּאמא ווערדע״

מאת הרואה אברהם הגרשוני לבני קהת [ג. אַבראַמסקי]

[רומעניע, בערך 1877 — 1878, 30 זייטן]

הגם דאָס ביכל טראָגט אַ העברעישן נאָמען, איז עס געשריבן אין יידיש. עס עפנט זיך מיט אַ שיר, געווידמעט דעם „היכגעשעצטן ווילטעטער לע־וויטאַן״, וועלכער האָט אַ פּנים סובסידירט די אויסגאַבע. דאָס ליד איז אונ־טערגעשריבן פון פּאַרפאַסער ג. אַבראַמסקי, לויט וואָס ס'איז קלאָר געוואָרן דער נאָמען פון מחבר פון דער בראָשור.

דאָס איז דאָס ערשטע בוך וועגן יידישן טעאַטער און באַהאַנדלט די אויפפירונגען פון די ערשטע גאָלדפאַדן־פּיעסן: „די מומע סאָסיע״, „שמענ־דעריק״, „איקס מיקס דריקס״, „דער קאַטאַר״, „די שטומע כלה״, „די איב־טריגע״, „אַ גלאָז וואַסער״, „דער לעבעדיקער טויטער״, „שוסטער און שניידער״ און „ברײנדעלע קאָזאַק״.

צילי אַדלער דערציילט

געשריבן מיט דער הילף פֿון יעקב טיקמאַן

אַרויסגעגעבן פֿון צילי אַדלער פֿאַנדיישאַן און בוך־קאָמיטעט

ניו יאָרק, 1959. [צוויי בענד, 688 זייטן]

די ביכער זיינען פריער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פאָרווערטס". צילי אַדלער האָט זיי דערציילט צו יעקב טיקמאַן, וועלכער האָט זיי אָנגעשריבן.

צילי אַדלער דערציילט אין דער הקדמה, אַז דער געדאַנק וועגן אירע מעמואַרן איז געקומען נאָכדעם ווי זי האָט, מיט דער הילף פון טיקמאַן, באַשריבן אין „פאָרווערטס" איר באַזוך און 1956 אין ישראל. „זי דערציילט אַלץ, וואָס זי געדענקט, און אפשר ניט אַלץ... אויפריכטיק און אמתדיק, מיט אַ סך איינזען פאַר מענטשלעכע געפילן, קאַלעגיאַלע סענטימענטן און פאַרדרוסן".

יעקב טיקמאַן אין זיין הקדמה שטרייכט אונטער, אַז מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט איז אָפּגעהיט געוואָרן דער געשיכטלעכער גאַנג פון אונדזער טעאַטער, וואָס האָט זיך געוועבט אַרום צילים קאַריערע און דער אַדלער־דינאַסטיע.

די זכרונות נעמען אַרום ניט נאָר צילי אַדלערס קאַריערע, נאָר טיילווייז אויך די בינע־אַקטיוויטעטן פון איר פאָטער יעקב פּ. אַדלער, איר מוטער דינע פיינמאַן, איר שטיף־טאַטע זיגמונט פיינמאַן, די געשיכטע פון „נייער יידישן טעאַטער" און דעם אָנהייב פון „יידישן קונסט־טעאַטער".

נ. אויסלענדער

יידישער טעאַטער

1917 — 1887

מעלוכע־פֿאַרלאַג „דער עמעס“, מאָסקווע 1940 [320 זייטן]

דער מחבר ווייזט אָן, אַז אין דער צייט וואָס וועגן דער גאָלדפאַדענישער טעאַטער־תקופה (1876־1887) איז שוין פאַראַן אַ געוויסער באַגריף, זיינען אָבער פֿאַראַן אַ סך ווייניקער ידיעות וועגן דער נאָך־גאָלדפאַדענישער תקופה (1887־1917). די דאָזיקע עפּאָכע האָט אין דער סאָוויעטישער פאָרשונג קיין שום באַהאַנדלונג. כדי אויסצופילן די דאָזיקע אויפגאַבע האָט זיך דער מחבר באַמיט צונויפצוזאַמלען וואָס מער דאָקומענטן פון דער דאָזיקער צייט, באַ־זונדערס אַזעלכע, וואָס טראָגן אַ באַשרייבערישן כאַראַקטער, און נאָך דעם נייטיקן קאָנטראָל און דערגאַנצונג צו געבן אַ געוויסן באַגריף וועגן די טעאַ־טער־אַנגעלעגנהייטן פון דער פאַרגאַנגענהייט. דער מחבר באַמערקט, אַז ער האָט זייער ווייניק באַלויכטן די ליבהאָבער־באַוועגונג.

דער מחבר ווייזט אויך אָן, אַז עס ווערן ניט באַהאַנדלט אַזעלכע וויכטיקע טעאַטער־פראַגן ווי רעזשי, די עלעמענטן פון מוזיק און מאַלעריי און די ווירקונג פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

דאָס בוך באַשטייט פון פיר טיילן. דער ערשטער טייל נעמט אַרום די יאָרן פון טעאַטער־פאַרבאָט, און אַנטהאַלט די קאַפּיטלען: דער „יידיש־דייַ־טשישער טעאַטער און זיינע צושויער“, „פון אַ פאָלקס־טעאַטער צו אַ לאַך־הויז“ און „פון שטעטל אין שטאָט אַריין“. דער צווייטער טייל: יידישער טע־אַטער אין דער עפּאָכע פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, נעמט אַריין: „ערשטע שריט צו אַ טעאַטער־באַנייונג“, א. ר. קאַמינסקאַ אויף דער יידישער בינע אין די יאָרן אַרום 1905 און „דער אַקטיאָר מייערסאָן און דער „מייער־סאָן־אַנסאַמבל“. דער דריטער טייל: „אין קלעם פון רעאַקציע“ נעמט אַריין: „דער אָנגריף פון דער רעאַקציע און די יידישע בינע“, די „ליטעראַרישע טרופּע“, און „דער וועג פון דעם אָדעסער יידישן „קונסט־טעאַטער“. דער פערטער טייל: „אויפן וועגן צו נייע געשטאַלטן“ נעמט אַריין: דער צושטאַנד פון יידישן טעאַטער ערב דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, אין דעם גע־ראַנגל פון אַלט און ניי (וועגן ל. זשעלאַזע און ר. זאַסלאַווסקי). דאָס בוך האָט אויך 13 ביילאַגעס מיט אינפאָרמאַציעס און אַ גענויע ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער און רוסישער פרעסע.

יובילעאום אויסגאַבע

דיא אידישע ביהנע

גרעסטע אידישע אויסגאַבע אין אַמעריקא. 800 זייטען, צוויי טהיילען

[ניו יאָרק, 1897]

אויפן שער־בלאַט איז אָנגעגעבן, אַז דער ערשטער טייל באַשטייט פון א זאַמלונג פון אַרטיקלען און דערציילונגען פון די בעסטע יידישע שרייבער, רעדאַקטירט פון חנן י. מיניקעס (איש ווילנא), ערנסטע אַרטיקלען פון טע־אַטער עקספערטן, דראַמאַטורגן און קריטיקער איבער דער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט פון יידישן טעאַטער. עס באַטייליקן זיך אין ערשטן טייל א. גאָלדפאַדן, ב. מ. שייקעוויטש (שמ״ר), מ. זייפערט, סמבטיון, פ. קראַנץ, אַלעקסאַנדער הארקאַווי, ב. פייגענבוים, מ. ווינטשעווסקי, יעקב גאָר־דין, א. צונזער, י. פאַליי, מאָריס ראָזענפעלד, א. מ. שאַרקאַנסקי, תשר״ק, נ. באַבאַד, דר. סיגעל, ב. גאָרין, ח. י. מיניקעס, ראובן ווייסמאַן, י. טער. וו. קאַיזער, יאָזעף לאַטיינער, פראָפ. הורוויץ, קל וחומר, דוד אַפּאַטהעקער, מאַקס אַבראַמאָוויטש, דוד עדעלשטאַט, י. ריינגאָלד, שענקער, א. ראַבינאָ־וויטש, א. שאָמער.

דער צווייטער טייל אַנטהאַלט אַלע טעאַטער־קופּלעטן, אַרבעטער און פאָלקס־לידער פון די לעצטע 20 יאָר (613 אין צאָל, תרי״ג) און דעקלאַמאַ־ציעס, צוזאַמענגעשטעלט פון יהודה קאַצענעלענבאָגען.

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ניו־יאָרק אין 1897 צום 20־יאָריקן יובילײ פון יידישן טעאַטער.

אידיש טעאַטער

אַרויסגעגעבן פון דער אידישער אַקטיאָרן יוניאָן

צו דעם 50 יאָהריגען יובילעאום פון אידישען טעאַטער

רעדאַקטירט פון אליהו טענענהאָלץ

ניו יאָרק אַפּריל 21, 1923

[28 זייטן טעקסט און 58 זייטן אַנאָנסן און באַגריסונגען]

דאָס בוך אַנטהאַלט די בילדער פון 19 ביז דאַמאָלט פאַרשטאָרבענע יידישע שוישפילער אין אַמעריקע, אַ לייט־אַרטיקל לכבוד דעם, וואָס די יידישע שוישפילער האָבן ענדלעך אַן אייגענע היים, אַרטיקלען פון ראובן ווייסמאַן, יוסף באַראָנדעס, מאַרק שווייד, אליהו טענענהאָלץ, ראובן גוסקין, יעקב גרינפעלד, מאָריס שוואַרץ, ה. לאַנג, משה שור, אַברהם טייטעלבוים, מאָישע מעקאַרטי, באַגריסונגען פון יעקב פּ. אַדלער, באָריס טאָמאַשעווסקי און מ. טעפּליצקי און אַ ליד פון יצחק [איזידאָר] ליליען.

דאָס בוך ברענגט אויך בילדער פון די באַאַמטע פון דער יוניע.

שמואל אירים

אָט אַזוי האָט מען געשפּילט טעאַטער

אַרויסגעגעבן פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכן קאָמיטעט, בוענאָס איירעס,

1956 [250 זייטן]

אין דער הקדמה שרייבט פאַליק לערנער: „דורך די זכרונות פונם שרייבער אָדער שוישפּילער דערוויסט איר זיך איינצלהייטן פון די אומשטענדן און באַדינגונגען, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם אויפטריט און די אַנטוויקלונג פון דעם באַטרעפנדן קינסטלער. איר באַקענט זיך מיט עפּיזאָדן און פאַקטאָרן, וואָס האָבן געווירקט, אַז ער זאָל ווערן דאָס, וואָס ער איז געוואָרן, אָדער האָבן געשטערט, אַז ער זאָל ווערן דאָס וואָס ער האָט געקאָנט זיין...

דאָס יידישע טעאַטער קאָן זיך ניט באַקלאָגן אין קיין מאַנגל אין מעמוּאַרן. אין דעם פאַל אָבער פון ש. אירים האַנדלט זיך עס וועגן מעמואַרן, וואָס אַנטפּלעקן פאַרן לייענער אַ ווינקל פון די יידישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע, וואָס איז כמעט ווי אומבאַקאַנט. עס האַנדלט זיך וועגן יידישע שטעט און שטעטלעך פון בעסאַראַביע און רומעניע, וו יידישע טרופּעס האָבן געשפּילט יידיש טעאַטער אין די שווערסטע באַדינגונגען. דער לייענער... וועט אויך אַנטרעפן פיין־געשילדערטע עפּיזאָדן, טיפּן און בילדער, וו שמואל אירים באַווייזט זיך אַלס אינטעליגענטער באַאָבאַכטער און אַלס פעיקער שילדערער".

דאָס בוך נעמט אויך אַריין דעם מחברס אויטאָביאָגראַפיע, זיין שפּילן אין 1924 אין די פאַרייניקטע שטאַטן מיט יעקב פ. און שרה אַדלער, אַ ריי געגראַמטע „פּאָרטרעטן" פון טעאַטראַלן, פאַמיליע־פאָטאָגראַפיעס און בילדער פון מחבר אין פאַרשיידענע ראָלן.

80 יאָר יידיש טעאַטער אין רומעניע

1956 — 1876

דער באַנד איז אַרויסגעגעבן פונעם בוקאַרעשטער יידישן מעלוכע־טעאַטער צו די פייערונגען פון 80 יאָר יידיש טעאַטער אין רומעניע

[בוקאַרעשט, 1956, 127 זייטן יידיש, 34 זייטן אין רומעניש]

דאָס בוך איז אויסערגעוויינלעך רייך אילוסטרירט מיט היסטאָרישע בילדער צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, בילדער פון די שפּילער, רעזשיסערן און די מחברים פון די פּיעסן ווי דער רעפּערטואַר פון טעאַטער.

דאָס בוך ברענגט אַרטיקלען פון באַרבו לאַזאַריאַנו, יאָן מאַנאַלעסקו, פראנץ אויערבאך, איזאַ שאַפּיראַ, מיכאַיל עמינעסקו, יעקב שטערנבערג, ישראל בערקאָוויטש און ש׳ס־ראָמאַן. דאָקומענטן, דער רעפּערטואַר פון בוקאַרעשטער יידישן מלוכה־טעאַטער. אין בוך זיינען אויך פאַראַן ביליאָגראַפישע רשימות וועגן רעפּערטואַר פון יאָסער יידישן מלוכה־טעאַטער פאַר די יאָרן 1950 ביז 1956 מיט בילדער און אַ רשימה פון קאָלעקטיוו פון דאָזיקן טעאַטער.

די אַרטיקלען זיינען אויך געדרוקט אין אַ רומענישער איבערזעצונג אָדער אין רומענישן אָריגינאַל.

משפט „הדבוק"

דין־וחשבון סטנוגרפי

הוצאת המחלקה לספרות יפה ולבקרת שבאגודת הסופרים, והספרות העברית. תל־אביב, תרפ״ו [1926, 102 זייטן]

דער פּאַמפלעט, אַרויסגעגעבן פון דער אָפּטיילונג פאַר שיינער ליטעראַטור און קריטיק ביים פאַריין פון העברעישע שרייבער און ליטעראַטור, גיט איבער דעם סטענאָגראַפישן באַריכט פון דעם משפט איבער ש. אַנ־סקיס פּיעסע „דער דיבוק" און די שפּילער פון דער פּיעסע, דורכגעפירט דורך דעם א״י. [ארץ־ישראלדיקן טעאַטער].

דער משפט איז פאָרגעקומען אין דער אַנוועזנהייט פון טויזנטער צוהערער כ״ה סיון און ה׳ תמוז תרפ״ו אויפן אָפענעם פּלאַץ פון בית עם אין תל אביב און עס האָבן זיך אין אים באַטייליקט אַלס ריכטער: א. בּאַראַש (פּאַרזיצער), דר. מ. גליקסאָן, י. קרני און דער גועריכטס־ראַטגעבער פּ. דיקשטיין, אַלס באַשולדיקער: י. פיכמאַן און א. שטיינמאַן. אַלס פּאַרטיידיקער: ד״ר ה. האַראַרי, יעקב ראַבינאָוויץ, ז. רובּאַשאָוו, אַלס עדות פון דער באַשולדיקונג: י. למדן און א. שלאָנסקי, אַלס עדות פון דער פאַרטיידיקונג: דר. מ. בלאָוושטיין און מ. אַלרובּי. די באַשולדיקטע: דער מחבר און דאָס טעאַטער תא״י. באַשולדיקונגס־אַקט געלייענט דורך א. שטיינמאַן און דאָס לעצטע וואָרט פון באַשולדיקטן: מ. גנעסין.

די באַשולדיקונג איז, אַז די פּיעסע איז ניט קיין איינהייטלעכע, קיין קינסטלערישע, נאָר צונויפגעשטאָבעט, אַ געמאַכטע און די האַנדלונג איז אַן אויפגעצוווּנגענע מצד דעם מחבר. דער גרעסטער טייל פון טיפּאַזש זיינען ניט קיין נאַטירלעכע יידישע טיפּן אָדער כאַראַקטערס. טייל אָנגעגעבענע פאַקטן זיינען געפעלשט. דער עיקר דערפאָלג פון דער אויפפירונג שטיצט זיך ניט אויף דעם אינערלעכן אמת פון זיין אינהאַלט, נאָר האָט צו פאַרדאַנקען די בינע־עפעקטן. די אינטערפּרעטאַציע פון דער טרופּע, וואָס האָט קאָפּירט וואַכטאַנגאָווס אויפפירונג, האָט נאָך מער זיך דערווייטערט פון אָריגינעלן פאָרטראַכט פון מחבר.

דער פּסק דין פון די ריכטער איז געווען, אַז הגם פון אַ קינסטלערישן שטאַנדפּונקט קאָן מען די פּיעסע „דער דיבוק" ניט באַטראַכטן פאַר אַ לעגענדאַרישע שאַפונג און ניט פאַר אַ רעאַליסטישע אָדער סימבאָלישע אין פולן זינען פון וואָרט, האָט אָבער דער מחבר באַוויזן צונויפצובינדן זייער וויכטיקע פאָלקלאָריסטישע יסודות כדי צו מאַכן אַן איינדרוק אויף די וועלכע ליבן אַזעלכע יסודות. עס איז טאַקע ניטאָ קיין אינערלעכע איינהייטלעכקייט,

און די האַנדלונג איז מער אַ זאַמלונג פון ברעקלעך פון פאָלקסטימלעכקייט און חסידות און עס זיינע גאַנץ אָפּט פאַראַן סתירות צווישן פערסאָנאַזש, קאָן מען אָבער ניט פאַרקוקן, אַז אין דער עקזיסטענץ פון דעם טיפּאַזש איז פאַראַן אַ געמיש פון געוויסע יסודות, כאָטש דאָס שטערט אַ ביסל דעם קינסטלערישן באַטייט פון דער פּיעסע. די פּיעסע מצד איר אינהאַלט איז אַ טייל פון דערפאָלג, אָבער ניט ווייניקער דאַרף מען פאַרשרייבן דעם גרויסן דערפאָלג פון דער פּיעסע אַ דאַנק דעם טאַלענטפולן רעזשיסער וואַכטאַנגאָוו און די צוגעגעבענע טענץ און מוזיק. אַזוי ווי די ריכטער האָבן ניט געזען די אויפפירונג פון „דיבוק" דורך דער „הבימה" אין מאָסקווע, איז אָבער קלאָר געוואָרן דורך די פאַרהאַנדלונגען בעת דעם משפט, אַז דער תא״י האָט צוגעגעבן אַן אָריגינעל יידישע אינטערפּרעטאַציע, איבערהויפּט אין דעם טיפּ פון צדיק און דערמיט געהעכערט דעם ווערט פון דער פּיעסע.

[זע אויך מ. וואַנווילדס בראָשור „פּסיידאָ־קונסט און פּסיידאָ־קריטיק"].

ש. אַנ-סקי

אויסגעקליבענע שריפטן

מוזיק צו 7 לידער

פראַגמענטן צו פאַרשאַרבעטן, צו דער כאַראַקטעריסטיק, זכרונות, בילדער

אַריינפיר און רעדאַקציע פון שמואל ראָזשאַנסקי

21טער באַנד פון ציקל מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור אַרויסגעגעבן פון יוסף ליפשיץ-פאָנד פון דער ליטעראַטור-געזעלשאַפט ביים ייוואָ אין אַרגענטינע.

[בוענאָס איירעס], 1964, [294 זייטן]

דאָס בוך קאָן, צוליב זיין פאַרשיידנאַרטיקן אינהאַלט, ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ טעאַטער־בוך, הגם די איבערגעדרוקטע פיעסע [וועלכע איז גע־וואָרן אַ יקר המציאות] „דער דיבוק" פאַרנעמט אין איר אַ באַטייטנד אָרט. עס עפנט זיך מיט אַ בילד פון אַנסקין, ביאָגראַפישע שטריכן און אַן אָפּשאַ־צונג פון שמואל ראָזשאַנסקי. אַנסקיס לידער מיט נאָטן, דערציילונגען, עסייען, בריוו און זכרונות, דערנאָכער פון אברהם מאָרעווסקי וועגן די ערשטע אָפּרופן נאָכדעם ווי דער מחבר לייענט דעם „דיבוק" און אַ ביבליאָגראַפיע פון יעפים ישורין.

דאָס בוך איז אילוסטרירט מיט עטלעכע „דיבוק"-בילדער.

צען יאָר אַרטעף

אַרויסגעגעבן צום צען־יאָריקן יובילײ

פון אַרטעף [ניו יאָרק] מערץ, 1937 [172 זייטן יידיש, 11 זייטן ענגליש, זשורנאַל־פאָרמאַט]

די רעדאַקציע באַשטייט פון: י. אַפּאַטאָשו, ר. יוקלסאָן, י. מעסטל, ק. מרמר, מ. עלקין. ב. פענסטער — סעקרעטאַר.

אין בוך באַטייליקן זיך מיט באַגריסונגען, אָפּשאַצונגען און געשיכטלעכע אַרטיקלען: מ. אָלגין, ר. יוקלסאָן, קלמן מרמר, יעקב מעסטל, מ. גאָלדשטיין, ב. בוכוואַלד, ש. ליפשיץ, בער גרין, ל. פיינבערג, מענדל עלקין, י. א. ראָנטש, ש. אַלמאַזאָוו, מלך עפּשטיין, ל. היימאַן, מ. לעדער, א. כאַשין, פּרץ הירשביין, דר. א. מוקדוני, שלום פּערלמוטער, ש. נאַגאַשינער, ב. פּערלמוטער, אַברהם הירשביין, יאַנקעוו באַטאָשאַנסקי, ב. פענסטער, ש. אַניספעלד, פ. יודיטש. לילי שאַפּיראָ און מ. שניידערמאַן, און משה פרידמאַן מיט אַ רשימה פון אַרטעף־רעפּערטואַר און ביבליאָגראַפיע.

די ענגלישע אָפּטיילונג ברענגט אַרטיקלען פון דזשאָזעף פרידמאַן, דזשאָן האַוואַרד לאָוסאָן און עמאַנועל אייזענבערג.

דאָס בוך איז זייער רייך אילוסטרירט מיט די בילדער פון די שרייבער, שפּילער (מיט זייערע ביאָגראַפיעס) און אויפפירונגען.

בער אָרשאַנסקי

טעאַטער־שלאַכטן

מאָסקווע, 1931 [229 זייטן]

דער מחבר, אַ דראַמאַטורג, וועלכער האָט געדרוקט אין יידיש אייניקע פּיעסן, פון וועלכע טייל זיינען אויפגעפירט געוואָרן, האָט אויך געשריבן אַרטיקלען וועגן טעאַטער, און אַ טייל פון זיי זיינען אַריין אין דעם בוך.

מ. אָשעראָוויטש

דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד

צוויי דורות אידיש טעאַטער. ניו יאָרק, 1930, [254 זייטן]

דער מחבר האָט די ערשטע מאָנאָגראַפיע וועגן צוויי באַרימטע יידישע שוישפּילער, קינסטלער פון צוויי באַזונדערע דורות, פריער געדרוקט אין דער יידישער פּעריאָדיקע (די מאָנאָגראַפיע פון קעסלערן אין „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע", און די מאָנאָגראַפיע וועגן מוני וויזענפריינד — אין „פאָרווערטס").

דאָס איז דער ערשטער פּרווו צו שרייבן מאָנאָגראַפיעס וועגן יידישע שוישפּילער. דער מחבר האָט די מאָנאָגראַפיעס אויפגעבויט אויפן יסוד פון זיין פערזענלעכער באַאָבאַכטונג, אויף רעצענזיעס און זכרונות פון טעאַטראַלן. ער באַהאַנדלט אין דעם בוך די שוישפּילער ניט נאָר פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך אַלס מענטשן, אין זייער פּריוואַטן לעבן און האַלט זיך ניט צוריק פון אָנגעבן זייערע שאָטן־זייטן.

מוני וויזענפריינד, וועלכער איז אַוועק פון יידישן טעאַטער, איז שפּעטער וועלט־באַרימט געוואָרן אונטער זיין פּסעוודאָנים „פּאָול מוני" אַלס ענגלישער בינע און פילם־שוישפּילער.

יעקב באָטאָשאַנסקי

נאָך דער פאָרשטעלונג

(גראָטעסקן און בילדער פֿונם אידישן אַקטיאָרן־לעבן)

„פאַרלאַג שלייפער" בוענאָס איירעס, 1926 [173 זייטן]

דאָס בוך נעמט אַריין 16 גראָטעסקע בילדער פון לעבן פון יידישע שוי־שפילער. דער מחבר, וועלכער איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן יידישן טע־אַטער אַלס מחבר, מיטדירעקטאָר און קריטיקער, האָט אין די בילדער, באַזירט אויף לעבעדיקע פערזאָנען און פאַקטישע געשעענישן, אויפגעבויט גראָטעסקע בילדער, וואָס אַראָפּנעמענדיק זייער גרים (דעם גראָטעסק), זיינען זיי באמתווירקלעכע בילדער און כאַראַקטעריזאַציעס פון באַקאַנטע יידישע שוישפּילער.

אין בוך גייט אויך אַריין „יעדער האָט זיין ליגן" (אַ פּאַראָדיע אויף פּי־ראַנדעלאָס טעאַטער) און אַ גרעסער ליד־קופּלעט „טאַניאַ", וואָס כאַראַקטע־ריזירט אַ געוויסע שוישפּילערין.

האַנטבוך פאַר אַקטיאָרן

גזאַמלט און צונויפגעשטעלט פון חבל בוזגאַן

אַרויסגעגעבן דורך מ. קאַרפינאָוויטש, וואַרשע 1937 [64 זייטן]

דער מחבר גיט אָן אין זיין הקדמה, אַז ער שטעלט זיך דעם אויפגאַב „טיילוויז אויסצופילן דעם גרויסן בלויז אין דער פאַך־ליטעראַטור פאַרן יידישן שוישפּילער, באַנוצנדיק זיך מיט די נייעסטע מאַטעריאַלן אויף דעם געביט". דאָס איז דער ערשטער באַנד פון דעם „האַנטבוך" [קיין צווייטער איז ניט אַרויס] און איז געווידמעט דאָס פּראָבלעם פון כאַראַקטעריזאַציע און גרים. עס באַהאַנדלט ניט די טעאָריע פון גרים, נאָר די פּראַקטיק. דער ציל איז „אָפּצוהיטן די יעניקע וועלכע ווילן זיך ווידמען דער בינע און אַפילו די וועלכע זיינען שוין אויף דער בינע פון דעם שאַבלאָן־אַרטיקן, אומנוצלעכן און... שעדלעכן אופן פון גרימירן זיך, וואָס ווערט אַזוי אָפט פּראַקטיצירט אין טעאַטער".

דאָס בוך האָט אויך עטלעכע צייכענונגען ווי אַזוי אומצוגיין מיט גרים און מוסטערן פון כאַראַקטעריזירונגען.

[זע אויך „וועגווייזער פאַר דראַמאַטישע קרייזן" פון יאָנאַס טורקאָוו, „וויאַזוי צוגרייטן אַ ספּעקטאַקל" פון י. ליובאָמירסקי און „דראַמקרייז" פון ל. רובינשטיין].

נ. בוכוואַלד

טעאַטער

1. די טעאַטער־קונסט

2. דאָס אידישע טעאַטער־וועזן אין אַמעריקע

איניציאַלן און אָרנאַמענטיק פון **אַהרן גודעלמאַן**

פאַרלאַגס־קאָמיטעט טעאַטער, ניו יאָרק [1943, 460 זייטן]

דער ערשטער טייל פון בוך איז אַ קאָמפּילאַציע אין דער פאָרם פון 21 שמועסן וועגן דער טעאַטער־קונסט בכלל. די שמועסן זיינען געבויט אויף טעאַטער־ביכער אין פאַרשיידענע שפּראַכן און באַהאַנדלען די פילאָזאָפיע פון דראַמע, דאָס רוישטאָף פון טעאַטער, די דראַמאַטישע ליטעראַטור, טראַגעדיע, קאָמעדיע און אַנדערע טיפּן דראַמע, אַקטיאָרישן טאַלענט, דאָס אַרט שפּילן, רעזשי, אַרכיטעקטור און מאַלעריי, דעקאָראַציעס און באַלייכטונג, מוזיק און טאַנץ אין טעאַטער, פילם, ראַדיאָ־דראַמע, טעאַטער־סטיל און טעאַטער־קריטיק.

אָט דער טייל איז אויך איבערזעצט אין שפּאַניש פון מלכה ראַבעל און איז דערשינען ווי אַ באַזונדער בוך אין בוענאָס־איירעס אין דאָרטיקן „איקוף"־פאַרלאַג.

דער צווייטער טייל באַהאַנדלט, פון אַ מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט, דאָס יידישע טעאַטער־וועזן אין אַמעריקע און נעמט אַרום דאָס פּראָבלעם פון יידישן טעאַטער־סטיל, דאָס שונד־טעאַטער, דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן מצב פון יידישן טעאַטער, דעם יידישן אַקטיאָרן־באַשטאַנד, און שטעלט זיך אָפּ אויספירלעך מיט גרעסערע קאַפּיטלעך וועגן 25 יאָר „יידיש קונסט־טעאַטער" און „אַרטעף". דאָס בוך שליסט זיך מיט אַ קאַפּיטל וועגן ביכער איבער טעאַטער און אַ זוכצעטל פון נעמען.

דאָס בוך איז רייך אילוסטרירט מיט בילדער און רעפּראָדוקציעס פון אויפפירונגען און בילדער פון באַרימטע יידישע שוישפּילער, דראַמאַטורגן, קריטיקער, קאָמפּאָזיטאָרס און מאָלערס.

א. ה. ביאַלין

מאָריס שוואַרץ און דער אידישער קונסט טעאַטער

פאַרלאַג בידערמאַן, ניו יאָרק [1934, 124 זייטן]

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין 13 קאַפּיטלעך: דער אָנהייב, פריערדיקע פּרווון, פאַר דער גרינדונג, די ערשטע טריט, די אַנטוויקלונג, מאָדערנער טעאַטער, אַנדערע טעאַטערס, די שוישפּילער אין קונסט טעאַטער, גאָלד־פאַדן און גאָרדין, די נייע דראַמע, בראָדוויי, די ווירקונג, אַ ביאָגראַפישע סקיצע פון מאָריס שוואַרץ [פאַקטיש געשריבן פון זלמן זילבערצווייג], 16 יאָר טעטיקייט פון קונסט־טעאַטער, און אַ רשימה פון די געשפּילטע פּיעסן און זייערע מחברים.

דער ערשטער פּרווו צו באַהאַנדלען דאָס „יידישע קונסט־טעאַטער" און זיין שאַפער, געבויט אויף דער קריטיק פון דער יידישער פעריאָדיקע און אייגענע מיינונגען. דאָס בוך נעמט אַרום די טעטיקייט פון דעם טעאַטער פאַר די ערשטע 15 יאָר, ביז 1933, און איז אילוסטרירט מיט די פאָטאָגראַפיעס פון די שוישפּילער און די וויכטיקסטע שוישפּילער אין יענע יאָרן.

שבתי בליאַכער

איין און צוואַנציק און איינער

22 אָפּהאַנדלונגען וועגן די אומגעבראַכטע יידישע אַרטיסטן אין ערשטן יאָר פֿון דער נאַצי־הערשאַפֿט אין ווילנע (1941־1942)

אַריינפיר־ווערטער פֿון אברהם מאָרעווסקי און לייזער ראַן.

אַרויסגעגעבן פֿון „ווילנער פֿאַרלאַג", ניו יאָרק 1962 [112 זייטן]

אין זיין אַריינפיר־וואָרט דערציילט לייזער ראַן די היסטאָריע פֿון דעם בוך:

דעם 23 סעפּטעמבער 1943 האָט דער נאַצישער מערדער קיטל אַרויס־געגעבן אַ פֿאַראָרדנונג צו ליקווידירן די ווילנער געטאָ. צוליבן אייליקן פֿאַרלאָזן די געטאָ, האָבן די יידן אַוועקגעוואָרפֿן טיילן פֿון זייער „האָב און גוטס", וואָס איז באַלד צונויפֿגעקליבן געוואָרן פֿון דער ניט־יידישער באַפֿעל־קערונג. אַזוי האָט דער פּאָליאַק באָלעסלאַוו באַראַטינסקי געפֿונען ליגן אַ יידישן מאַנוסקריפּט. דער ייד אַלבערט עטינגען מיט זיין משפּחה האָבן זיך געראַטעוועט ביי זייער אַמאָליקן קונה, דעם דערמאָנטן באַראַטינסקי, וועל־כער האָט זיי געהאַלטן אין אַ גרוב ביי זיך כמעט אַ גאַנץ יאָר. דער פּאָליאַק האָט זיי אויך אָפּגעגעבן דעם געפֿונענעם יידישן מאַנוסקריפּט פֿון וועלכן עס האָט געפֿעלט דאָס שער־בלאַט און מ'האָט ניט געוווסט ווער עס איז זיין שרייבער. עטינגער מיט זיין פֿאַמיליע האָט זיך אָפּגעראַטעוועט, געקומען אין אַמעריקע, און ער האָט דעם מאַנוסקריפּט איבערגעגעבן צו לייזער ראַן, וועלכער האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז דער שרייבער איז דער שפּעטער־אומגע־קומענער אַקטיאָר שבתי בליאַכער.

ראַן האָט געזאָרגט, אַז דער מאַנוסקריפּט זאָל אָפּגעדרוקט ווערן, און צו די 21 ביאָגראַפֿיעס און אָפּשאַצונגען, וואָס בליאַכער האָט אָנגעשריבן וועגן זיינע אומגעבראַכטע חברים:

לייב שריפּטזעצער, פֿראַניע ווינטער, מאָריס ליאַמפּע, יוסף אידינאַ און קדיש־כאַש, פֿרידאַ וויטאַלינא, ניקאָליי עליאַשעוו, מוסיע סמאָרגאָנסקי, משה זעלווער, נאַדיע ראַדין, שמעון זאַבלאָצקי, מיכאל קאַץ, פּיניע זיגעלבוים, אַברהם סטראַבער, בן־ציון אַבעלסאָן, ישראל, שרה זובאַק, לייב קוזנעצאָוו, ציליע סטראַשון און שמחה ליפּאָווסקי, האָט ראַן נאָך צוגעגעבן זיינע און אַברהם מאָרעווסקיס אָפּשאַצונגען וועגן 22־טן אומגעקומענעם, דעם שרייבער פֿון דעם כתב־יד, שבתי בליאַכער.

ר. בן - ארי

הבימה

פאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ [1937, 354 זייטן]

דאָס ערשטע און איינציקע בוך אין יידיש וועגן דעם העברעישן טעאַטער „הבימה" אין ראַטנפאַרבאַנד און זיינע גאַסטשפּילן איבער אייראָפּע און אַמעריקע און די צעפאַלונג דאַרט.

בן־ארי, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון דער „הבימה", שילדערט מיט אַ גוואַלדיקער ליבשאַפט און דרך־ארץ דעם גאַנג פון דעם טעאַטער, זיינע רעזשיסערן און אַקטיאָרן, די באַציונג פון פובליקום, פון דער פרעסע, פון די העכערע סאָוויעטישע באַאַמטע, דעם כאַראַקטער פון דעם טעאַטער, זיינע מעטאָדן, די ליידן און פריידן, די גאַסטשפּילן איבער אייראָפּע און דערנאָך אין אַמעריקע, ווו די טרופּע איז זיך צעפאַלן.

אין 1941 איז דערשינען אַ פאַרגרעסערטע אויפלאַגע, (404 זז.), וואָס נעמט אויך אַריין אַן אַרטיקל וועגן נחום צמח, הבימה און אוהל־רעפּערטואַר אין ארץ ישראל און ח. נ. ביאַליק־הבימה.

אין זיין הקדמה שרייבט דער מחבר:

„דאָס וואָס דער לייענער וועט געפינען אין דעם דאָזיקן בוך איז ניט קיין געשיכטע פון דער „הבימה" און אויך ניט קיין זכרונות... וואָס איך וויל, איז איבערגעבן דעם לעבן און צוזאַמענלעבן פון דעם ערשטן יידישן טעאַטער־קאָלעקטיוו, זיינע דערפאַרונגען, זיינע צווייפלען און פרייד, און איבערהויפּט צו איבערגעבן די ווירקונג פון די טעאַטער־גאונים, וואָס האָבן געווירקט מיט זייער שאַפן אין דער „הבימה".

דר. מוקדוני אין זיין אַריינפיר, שרייבט:

„בן־ארי, אַ גוטער און פלייסיקער הבימהניק, האָט זיך מיט קאָפּ צוגעהערט צו די רייד פון זיינע גרויסע לערער. ער האָט זיך גוט צוגעקוקט צו אַלץ, וואָס זיי האָבן געטאָן. ער האָט אַלץ אַריינגעזאַפּט אין זיך מיט אַ גוואַלטיקער נייגי־ריקייט, און אין זיין בוך גיט ער איבער אַלץ, וואָס די הבימהניקעס האָבן געלערנט, סיי טעאָרעטיש און סיי פּראַקטיש, ביי זייערע לערער, קלאָר און שאַרף".

דאָס בוך איז אילוסטרירט מיט בילדער פון שוישפּילער אין ראָלן, מחברים און רעזשיסערן און סצענעס פון די אויפגעפירטע פּיעסן.

דאָס בוך איז אויך אַרויס אין ניו יאָרק, אין פאַרלאַג פון טאָמאַס יאָסע־לאָף, אין (אַ געקירצטער) ענגלישער איבערזעצונג פון אַ ה. גראָם און י. סאָרעף, מיט אַ הקדמה פון העראַלד קלאָרמאַן.

אַהרן בעקערמאַן

פּ. בּימקאָ דער דראַמאַטורג און רעאַליסט

ניו יאָרק, 1944 [96 זייטן]

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן דורך דער עקזעקוטיווע פון יצחק אייזיק הורוויץ צווייג 10, יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, ווו בימקאָ איז געווען אַ מיטגליד.

אין דעם אַריינפיר ווערט געזאָגט, אַז דער מחבר פון בוך, וועלכער לעבט אין פּאַריז, שרייבט אונטער אַ האָגל פון באָמבעס. דער מחבר אין זיין אַריינפיר זאָגט, אַז „די דאָזיקע שורות זאָלן בלייבן ווי אַ צייט־דאָקומענט".

בעקערמאַן אַנאַליזירט די דראַמעס „אויפן ברעג ווייסל", „פּראָך", „ווינטן", „מויערן", „גנבים", „דעמבעס", „פאַרוועלקטע בלעטער", „מאַרכביינער", „קליינע טעג", „אַמעריקע גנב" און בימקאָס איינאַקטערס. ער גיט אויך אַ קורצע איבערזיכט וועגן בימקאָ אַלס פּראָזאַיקער.

[אין זיינע זכרונות שטעלט זיך בימקאָ אויספירלעך אָפּ וועגן זיינע פּיעסן און זייערע אויפפירונגען].

געאָרג בראַנדעס

הענריק איבסען

איבערזעצט פון ק. טעפּער

מאַקס נ. מייזעל אידישער פאַרלאַג פאַר ליטעראַטור און וויסענשאַפט

ניו יאָרק 1918 [168 זייטן]

דאָס איז אַ טייל פון דער גאַנצער אויסגאַבע פון בראַנדעסעס ווערק.

אין זיין הקדמה פאַרצייכנט בראַנדעס, אַז נאָך אין 1866 האָט ער אָנגעשריבן עפּעס וועגן איבסענען און האָט עס אַביסל שפּעטער פאַרעפנטלעכט. דאָס איז געווען נאָך איידער איבסען איז געוואָרן באַקאַנט.

אין 1882 האָט בראַנדעס ווידער גענומען שרייבן וועגן איבסענען, וועלכער האָט שוין באַוויזן צו קריגן זיין וועלט-נאָמען און אין 1898 האָט בראַנדעס זיך ווידער צוריקגעקערט צו שרייבן וועגן איבסען.

אָט די אַלע אַרבעטן, וואָס אַנאַליזירן איבסענס דראַמאַטישע ווערק, זיינען צונויפגעזאַמלט אין דעם בוך.

[איבסענס דראַמאַטישע ווערק זיינען כמעט אַלע איבערזעצט אין יידיש, און אַ סך פון זיי זיינען אויפגעפירט געוואָרן אויף דער יידישער בינע].

חנא גאָטעספעלד (טוביה שמייכעל)

בראָדוועי און תל אביב

אַרויסגעגעבן פֿון חנא גאָטעספֿעלד בוך־קאָמיטעט

ניו יאָרק 1951 [320 זייטן]

דאָס בוך האָט דריי טיילן: אַ געשיכטע ווי אַזוי מען באַשטעלט אַ פּיעסע אויף זיין אייגנאַרטיקן הומאָריסטישן אופן באַשרייבט דער מחבר ווי אַזוי ער ווערט אַרויסגערופן קיין בראָדוויי צו שרייבן פאַר זיי אַ פּיעסע. מען זאָגט אים פאַר אַ מיליאָן דאָלאַר. קודם כל ענדערט מען זיין נאָמען, שפּעטער די העלדן פון דער פּיעסע, מען „פיקסט" די פּיעסע, און ביז מען פירט זי אויף, האָט זי שוין קיין שום שייכות צו דעם אָריגינאַל. דער סוף איז, אַז די פּיעסע פאַלט דורך און דער „מיליאָנער" קומט צוריק צו דער יידישער גאַס.
ביים מחבר, זיין רייזע קיין מדינת ישראל און קורצע הומאָרעסקעס.

א. גאָלדבערג

אונדזער דראַמאַטורגיע

לייענבוך אין דער ייִדישער דראַמע

איקוף־פֿאַרלאַג, ניו יאָרק [1961, 538 זייטן]

הילע געצייכנט פון **י. זעלדין**

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין דריי טיילן: ערשטע אָפּטיילונג — פון פּורים־שפּיל ביז גאָלדפאַדן, צווייטע אָפּטיילונג — פון „כּישופמאַכערין" ביזן „דיבוק" און דריטע אָפּטיילונג — פון „דיבוק" ביז געטאָ.

דער מחבר האָט באַצוועקט צוזאַמענצושטעלן אַן אַנטאָלאָגישן סך־הכּל, וואָס זאָל באַקענען דעם לייענער מיט אַ צאָל ייִדישע טעאַטער־טעקסטן, וועלכע האָבן „אידעעיש און קינסטלעריש אויסגעשטאַלטיקט ייִדישע דראַמע אין משך פון מער ווי הונדערט יאָר". אין דער הקדמה ווערן בקיצור אַנאַליזירט די דראַמעס, וואָס ווערן פאַרעפנטלעכט אין דעם בוך.

עס ווערן אָפּגעדרוקט צו אַקטן פון פּיעסן פון פּורים־שפּילן, ישראל אַקסענפעלד, שלמה עטינגער, מענדעלע מוכר ספרים, אַברהם גאָלדפאַדן, יעקב גאָרדין, שלום־עליכם, י. ל. פּרץ, שלום אַש, דוד פּינסקי, פּרץ הירשביין, לעאָן קאָברין, ש. אַנ־סקי, אָסיפּ דימאָוו, פישל בימקאָ, ביינוש שטיימאַן, אַלטער קאַציזנע, דוד בערגעלסאָן, משה קולבאַק, אהרן קושניראָוו, משה נאַדיר, שמואל האַלקין, פּרץ מאַרקיש, ה. לייוויק, ה. סלאָוועס און כאַווער־פּאַוער. ביי יעדן שרייבער ווערט אויך צוגעגעבן זיין ביאָגראַפיע מיט אַ קורצער אָפּשאַצונג.

די ווערק פון פּיעסן־שרייבער ווי ז. ליבין און די אַזוי־גערופענע שונד־שרייבער ווי סיגעל א"אַ ווערן אין דעם בוך איגנאָנצן איגנאָרירט.

ISAAC GOLDBERG

THE DRAMA OF TRANSITION

Boston, 1922

[אייזיק גאָלדבערג

די איבערגאַנגס־דראַמע

סטוארד קיד, באָסטאָן, 1922]

דער מחבר האָט זיינע גרויסע פאַרדינסטן אַריינצוברענגען דורך זיינע איבערזעצונגען די יידישע ליטעראַטור אין ענגליש. ער האָט איבערזעצט טעאַ־טער־שטיק פון פאַרשיידענע שפּראַכן (דערונטער אויך פּיעסן פון יידיש), האָט אָנגעשריבן אייניקע ביכער וועגן טעאַטער און דראַמאַטורגן.

אין דאָזיקן בוך אין וועלכן ער באַהאַנדלט די דראַמעס און דראַמאַטורגן פון שפּאַניע, איטאַליע, דרום־אַמעריקע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, רוסלאַנד און אַמעריקע, ווידמעט ער דעם גרעסטן פּלאַץ דער דראַמאַטישער שאַפונג אין יידיש אין אַן אַרבעט פון איבער 100 זייטן אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „די יידישע דראַמע, אַ היסטאָרישע און קריטישע אָפּהאַנדלונג“, וואָס פאַרנעמט אין בוך די זייטן 434־329.

אָנגעהויבן מיט אַ קורצע איבערזיכט וועגן די עלטערע טעאַטער־שטיק, גייט ער באַלד איבער אויספירלעכער וועגן די יידישע דראַמאַטורגן פון 19טן יאָרהונדערט, ווי א. ב. גאָטלאָבער, לודוויג לעווינזאָן, דר. שלמה עטינגער, ישראל אַקסענפעלד, יצחק בער לעווינזאָן און מענדעלע מוכר ספרים, אָפּ־שטעלנדיק זיך ביי אייניקע מער באריכות און אויף דעם אינהאַלט פון די פּיעסן אַנאַליזירנדיק זיי היסטאָריש און קריטיש. מער אויספירלעכער באַציט ער זיך צום גאָלדפאַדן און גאָרדין־פּעריאָד.

הגם ער ווייזט אין דער אַרבעט אַרויס — לויט משה שטאַרקמאַן — אַ גאַנץ נאָנטע באַקאַנטשאַפט מיט די שרייבער און די ווערק, איז אָבער קענטיק, אַז ער באַנוצט זיך מיט גאָרינס יידישער טעאַטער־געשיכטע, לעאָ ווינערס בוך וועגן דער יידישער ליטעראַטור און דר. פּינעסעס יידישע ליטעראַטור־געשיכטע.

גאָלדבערגס זעלבשטענדיקע אַרבעטן זיינען די ביאָגראַפיש־קריטישע עסייען וועגן לעאָן קאָברין, שלום אַש, דוד פּינסקי און פּרץ הירשביין, וועגן פּ. בימקאָס דראַמע „גנבים“ און אַנסקיס „דיבוק“.

אַברהם גאָלדפאַדען

אויסגעקליבענע שריפטן

שולמית און בר־כוכבא, מוזיק צו 28 לידער פון 8 אָפּערעטעס

פראַגמענטן פון פאַרשאַרבעטן צו דער כאַראַקטעריסטיק, זכרונות,

בילדער. אַריינפיר און רעדאַקציע פון **שמואל ראָזשאַנסקי**

יוסף־ליפשיץ־פאָנד פון דער ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייוואָ.

בוענאָס איירעס 1963 [304 זייטן]

דאָס בוך עפנט זיך מיט ביאָגראַפישע שטריכן; „גאָלדפאַדנס שאַפן פאַרן טעאַטער" פון יעקב שאַצקי, „אַברהם גאָלדפאַדן, אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פון שפּיל, געזאַנג און יידישע סענטימענטן" פון ש. ראָזשאַנסקי, „פון שמענדעריק ביז בן־עמי" און „די מוזיק פון מיינע געזאַנג־שפּילן" פון אַברהם גאָלדפאַדן, (איבערזעצט — זלמן זילבערצווייג), „בדחנים און לצים ביי יידן" פון י. ליפשיץ, „דער ליבער פלאַגיאַטאָר" פון יוסף רומשינסקי, „אַן אוצר פון פאָלקשפּיל" פון מ. ליטוואַקאָוו, „אַברהם גאָלדפאַדן" פון א. מוקדוני, „גאָלדפאַדן־ביבליאָגראַפיע" פון יעפים ישורין און „נאָכבאַמערקונגען" פון ש. ר.

אין בוך קומען אַריין לידער מיט נאָטן פון גאָלדפאַדנס אָפּערעטעס „די כישופמאַכערין", „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאַ", „מליץ יושר", „קעניג אחשורוש", „עקדת יצחק" און „משיחס צייטן", די פולשטענדיקע אָפּערעטן „שולמית" און „בר כוכבא" מיט די נאָטן פון די וויכטיקסטע לידער, צוגעגרייט פון שלמה פריזאַמענט.

דאָס בוך האָט אויך אַ ריי בילדער פון גאָלדפאַדן־אויפפירונגען.

גאָלדפאַדען־בוך

אַרויסגעגעבן פון דעם אידישן טעאַטער מוזיי

ניו יאָרק, יאַנואַר 1926 [104 זייטן]

אין דער הקדמה ווערט געזאָגט:

„די דאָזיקע זאַמלונג פון ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן וועגן דעם לעבן און שאַפן פון אַברהם גאָלדפאַדן, דעם פאָטער פון דעם יידישן טעאַטער, פּרעטענדירט לחלוטין ניט אויף פולשטענדיקייט. אַברהם גאָלד־פאַדנס טעטיקייט איז געווען צעוואָרפן אויף שבעה ימים; אין רומעניע, גאַ־ליציען, אין פאַרשיידענע געגנטן פון רוסלאַנד און שפּעטער אין אַמעריקע. ...די מאָגערע ידיעות, וועלכע זיינען יאָ דאָ, זיינען צעזייט און צעשפּרייט אין פאַרגעסענע אויסגאַבן אין פאַרשיידענע לענדער און עס דאַרף נעמען יאָרן ביז מען קאָן זיך דערקלייבן צו דעם.

פאַר די פופציק יאָר זינט אַברהם גאָלדפאַדן האָט זיך באַוויזן מיט זיין טעאַטער, איז כמעט קיין פּרווו ניט געמאַכט געוואָרן צו זאַמלען און סיסטעמאַ־טיזירן אַלע מאַטעריאַלן, וועלכע קאָנען געבן אַ גענוי און קלאָר בילד וועגן אַברהם גאָלדפאַדנס טעטיקייט. די דאָזיקע זאַמלונג איז, אַזוי צו זאָגן, די ערשטע. די דאָזיקע זאַמלונג איז דער אָנהייב פון אַ פאָרשונגס־אַרבעט".

נאָך דער באַגריסונג פון סעקרעטאַר פון טעאַטער־מוזיי, מ. טעפּליצקי, קומען אַרטיקלען פון דר. א. מוקדוני, אליהו טענענהאָלץ, יעקב מעסטל, אַברהם טייטעלבוים, דר. יעקב שאַצקי מיט גאָלדפאַדנס בריוו צו שלום־עליכם, ל. קרישטאַל, דר. י. שאַצקי מיט גאָלדפאַדנס אויטאָביאָגראַפיעס, אַן אָפּרוף אין לאָנדאָן, גאָלדפאַדנס אַ בריוו און די ערשטע אויספירלעכע גאָלד־פאַדן־ביבליאָגראַפיע, צונויפגעשטעלט פון דר. יעקב שאַצקי.

דאָס בוך האָט אויך עטלעכע בילדער.

ב. גאָרין

די געשיכטע פון אידישן טעאַטער

(צוויי טויזענט יאָהר טעאַטער ביי אידען) אילוסטרירט

ערשטער באַנד [256 זייטן], צווייטער באַנד [282 זייטן]

ספּעציעלע אויפלאַגע פון „פאָרווערטס", ניו יאָרק, 1929.

ב. גאָרין איז געווען דער ערשטער געשיכטע־שרייבער פון יידישן טע־אַטער. ער האָט אַ טייל פון דער אַרבעט, קאַפּיטלעכווייז, אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל „די צוקונפט", שפּעטער זי אַביסל באַאַרבעט און אַרויסגעגעבן אין צוויי בענד אין 1918.

אין 1924 איז דאָס ווערק דערשינען אין אַ צווייטער פאַרגרעסערטער אויפלאַגע אין „מאַקס נ. מייזעל אידישער פאַרלאַג פאַר ליטעראַטור און וויסענשאַפט", וואָס האָט שוין אויך אַריינגענומען דאָס קאַפּיטל „די נייערע דראַמע".

דער פאַרנעם פון דעם ווערק איז, ווי עס זאָגט דאָס אונטערקעפּל, זייער אַ ברייטס. עס הייבט זיך אָן מיט אַ קאַפּיטל וועגן טעאַטער ביי יידן אין ירושלים, אָנגעבנדיק די מאָטיוון פון דער נעגאַציע ביי יידן צו טעאַטער, און אין 10 קאַפּיטלעך אין ערשטן טייל און אין 11 קאַפּיטלעך אין צווייטן טייל באַמיט זיך דער מחבר, על פי רוב אין ראשי פרקים, אָפּשטעלנדיק זיך אָבער אויספירלעך אויף גאָלדפאַדנס, לאַטיינערס, הורוויצעס און גאָרדינס ווערק און אויף דעם אָנהייב פון יידישן טעאַטער אין רומעניע, רוסלאַנד און אַמעריקע, צו באַקענען דעם לייענער מיט דער געשיכטע און באַטייט פון יידישן טעאַטער.

נישט געקוקט דערויף וואָס דאָס ווערק איז ניט פונדאַמענטירט אויף קיין פאָרש־אַרבעט, וואָס עס ברענגט ניט קיין אויספירלעכע היסטאָרישע אינ־פאָרמאַציעס וועגן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע און „באַרירט" נאָר אויבן־אויפיק דאָס יידישע טעאַטער־וועזן אין דער גאַנצער וועלט, און שטיצט זיך בכלל אויף מינדלעכע אינפאָרמאַציע פון געוויסע שוישפּילער און ווייניק מאַ־טעריאַלן, האָט עס פאָרט אַ גרויסן באַטייט צוליב דער פּיאָנערישקייט און צוליב דער (הגם ניט פּינקטלעכער און ניט גרינטלעכער) רעגיסטראַציע פון יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר.

ראובן גוסקין

לכבוד זיין 30 יאָריקער טעטיקייט אין דער יידישער אַקטיאָרן יוניאָן און 60 יאָריקן געבוירנטאָג

ניו יאָרק, 1948 [56 זייטן טעקסט און אַ גרויסע צאָל זייטן באַגריסונגס־אַנאָנסן, זשורנאַל־פאָרמאַט]

דאָס בוך עפנט זיך מיט אַן אַריינפיר פון יעקב קאַליך, דערנאָך קומט אַ ביאָגראַפישער אַרטיקל וועגן בעל־יובל פון זלמן זילבערצוויג, און אָפשאַץ־אַרטיקלען פון איזידאָר קעשיער, מאַרק שווייד, שלום פערלמוטער, משה שור, נחמיה צוקער, מאָריס שוואַרץ, יוסף רומשינסקי, וויליאַם ראָלאַנד, אירווינג דזשייקאָבסאָן, ישראל ראָזענבערג, י. סיגעל, אָסקאַר אָסטראָף, ה. בערגער, באָריס סמאָליאַר, ראוז שושנה, ישראל בירנבוים, אַלעקסאַנדער קאָהן, יעפים ישורין, יוסף באַסקין, נ. כאַנין, ב. געבינער, י. לעווין־שאַצקעס, וויליאַם וואָלפערט, ל. סיגאַל, יוסף ברעסלאו, יעקב פאַט, נאַטאַניעל מ. מינקאָוו, מאָריס טיגעל, אייזיק ל. אָסאָפּסקי, טשאַרלס קאָהען, מ. אַשעראָוויטש, הערשל לעווין, חיים עהרענרייך, יעקב מעסטעל, ח. גוטמאַן, ה. לאַנג, דזשעי גרעיסאָן, י. פּאָגעל, מאָלי פּיקאָן, הערמאַן יאבלאָקאָוו, הלל ראָגאָף, אַדאָלף העלד, ראוז אש, א. מייזעלס און באַגריסונגען פון מאַקס ווײנרייך, שלמה מענדעלסאָן, דר. שערער, מענדל טעפּליצקי, אייב קאַהאַן און וויליאַם גרין און אַ ליד פון שרה קינדמאַן־מעסטעל.

חיהלע גראָבער

צו דער גרויסער וועלט

פאַרלאַג „ביאַליסטאָקער וועגן" ביים ביאַליסטאָקער פאַרבאַנד אין

אַרגענטינע, בועניאָס איירעס [1952, 214 זייטן]

די שוישפּילערין שילדערט איר משפחה, אירע קינדער און יוגנט־יאָרן. זייענדיק אין כאַרקאָוו איז צו איר געקומען שמעון צמח, אַ ברודער פון דעם גרינדער פון דער „הבימה", נחום, און איר דערציילט, אַז נחום געדענקט זי נאָך ווי זי פלעגט אין איר היימשטאָט ביאַליסטאָק, זינגען אין דאָרטיקן וואַלד, און ער פאַרבעט זי אין דער העברעאישער טעאַטער־גרופּע וועלכע ער גרינדעט. געקומען אין מאָסקווע, ווערט זי פאַרן זעלביקן צוועק פאַרבעטן פון צמחס שוועסטער. אין מיטן ווינטער 1918־1917 קומט זי אין קאָנטאַקט מיט דער גרופּע, וואָס אָרגאַניזירט זיך אַלס די „הבימה" און זי טרעט דאָרט אַריין, דעביוטירנדיק אין דעם איינאַקטער־אָוונט אונטער דער רעזשי פון וואַכטאַנגאָוו. זי בלייבט שוין שפּילן אין „הבימה" און באַקומט שפּעטער די מעגלעכקייט צו קרעירן די גרויסע ראָל פון גאַסן־מיידל „ליזי" אין בערגערס קאָמעדיע „דער מבול".

חיהלע גראָבער מאַכט מיט דעם טריומף־צוג איבער איראָפּע פון דער „הבימה", די גאַסטשפּילן אין ניו־יאָרק ביזן צעפאַל פון דער טרופּע.

אין בוך זיינען פאַראַן אינטערעסאַנט־געצייכנטע כאַראַקטעריסטיקעס פון גרינדער פון דער „הבימה" נחום צמח, דעם רעזשיסער וואַכטאַנגאָוו, אייניקע שוישפּילער פון „הבימה" און פאַרצייכענונגען וועגן יידישן טעאַטער אין ניו־יאָרק.

דאָס בוך איז רייך אילוסטרירט.

חיה׳לע גראבער

מײן װעג אַלײן

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ישראל, 1968 [244 זײטן]

דאָס איז חיהלע גראבערס צװײטער בוך זכרונות.

עס שילדערט דעם פּעריאָד װען חיהלע גראָבער איז אַװעק פון „הבימה״ און אָנגעהױבן אױפּטרעטן אַלײן אין אַ פּראָגראַם „ליד און דראַמע״.

דאָס בוך ברענגט אױסער עפּיזאָדן און כאַראַקטעריסטיקעס פון די פּער־זאָנען מיט װעלכע די שױשפּילערין האָט זיך באַקענט און באַפרײנדט, שיל־דערונגען פון אירע טורנעען, װאָס האָבן ממש אַרומגענומען די גאַנצע װעלט פון אײראָפּע ביז אױסטראַליע און פון ישראל ביז דרום־אַפריקע, איבערגעבנ־דיק װעגן אַזעלכע אַרױסטריטן אױך אין קלײנע יידישע ישובים, װעלכע האָבן פריער און אפשר אױך דערנאָך קײנמאָל ניט געהערט קײן יידיש פּראָגראַם.

דאָס בוך איז אױך אילוסטרירט מיט בילדער פון קינסטלער און טעאַטער־גרופּעס.

אַלעקסאַנדער גראַנאַך

אַט גייט אַ מענטש

פון דייטשן אָריגינאַל איבערגעזעצט דורך **יעקב מעסטעל**

איקוף פאַרלאַג [ניו יאָרק, 1948, 384 זייטן]

דאָס בוך אַנטהאַלט 41 קאַפּיטלעך, וואָס נעמען אַרום די לעבנסגעשיכטע פון אַלעקסאַנדער גראַנאַך מיט שילדערונגען פון זיין היים, סביבה, זיין אָנהייב אַלס יידישער אַקטיאָר און דער שפּעטערדיקער איבערגאַנג צו דער דייטשער בינע... דער מחבר נעמט ניט אַריין זיין שפּעטערדיקן פּעריאָד אויף דער יידישער און ענגלישער בינע. עס קומען אויך אַריין אייניקע אַרטיקלען און רעדעס פון אַלעקסאַנדער גראַנאַך.

דאָס בוך עפנט זיך מיט אַ הקדמה פון איבערזעצער יעקב מעסטל און שליסט זיך מיט אַ נאָכוואָרט פון נחמן מייזיל, וואָס באַהאַנדלען אויך גראַנאַכס שפּילן אויף יידיש אין פּוילן און אַמעריקע און אויף ענגליש אין אַמעריקע.

דאָס בוך איז אילוסטרירט מיט בילדער פון אַ. גראַנאַך אין פאַרשיידענע ראָלן.

[אל. דייטש

מאַסקעס פון יידישן טעאַטער

[דאָס אונטערקעפּל זאָגט „פון גאָלדפאַדן ביז גראַנאָווסקי״]

דאָס איז די ערשטע סעפּאַראַט געדרוקטע אַרבעט אין רוסיש וועגן יידי־שן טעאַטער. עס גיט קורצע איבערזיכטן וועגן דאָס אַנטשטיין פון גאָלדפאַ־דן־טעאַטער, זיין גורל. דערמאָנט עטלעכע באַרימטע יידישע שוישפּילער, און גייט גלייך אַריבער צום רעזשיסער פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער — אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי. עס רעדט אַרום די אויפפירונגען פון זיין סטודיע און זיינע אויפפירונגען פון די דריי איינאַקטערס „אַגענטן״, „ס׳אַליגן״ און „מזל־טוב״ פון שלום־עליכם, גאָלדפאַדנס „קאָלדוניאַ״, שלום־עליכמס „200,000״, „דריי פינטעלעך ייד״, י. ל. פּרצס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, גאָלדפאַדנס „דאָס צענטע געבאָט״, „137 קינדער היימען״ פון א. וויעוויאָרקאַ און זשול ראָמענס „טרואַדעק״.

דוד דענק

הינטער די קוליסן

פֿאַרלאַג ניו יאָרק וואָכנבלאַט [ניו יאָרק, 1959, 186 זייטן]

דאָס בוך, וואָס אַנטהאַלט זייער פֿיל בילדער פֿון מחבר אין ראָלן, האָט 15 קאַפּיטלעך, וואָס פֿאַרצייכענען זכרונות פֿון דער צייט וואָס דער שרייבער האָט געשפּילט אויף דער יידישער בינע, דערונטער עפּיזאָדן און כאַראַקטער־ריסטיקס פֿון די טעאַטראַלן משה שאָר, עדווין א. רעלקין, קלאַראַ יאַנג, מיכאַל מיכאַלעסקאָ, סעמיועל גאָלדענבורג, דזשוליוס נאַטאַנסאָן, מאַקס געביל און הערשל לעווין.

דוד דענק

שוואַרץ אויף ווייס

ווי אַזוי איך האָב אים געקענט און וואָס איך געדענק.

[ניו יאָרק, 1963, 445 זייטן]

דאָס איז דער ערשטער פּרווו פון אַ מאָנאָגראַפיע וועגן מאָריס שוואַרצן, וועלכן דער מחבר געדענקט זינט 1911, און האַלט „ביי מיר איז ער פאַרבליבן דער גרעסטער פון אַלע גרויסע, מיט זיין איבערנאַטירלעכער דערגרייכונג אין יידישן טעאַטער״.

דאָס בוך איז געטיילט אין דריי טיילן. עס הייבט זיך אָן מיט שוואַרצס שפּילן „יעדע פרוי״ מיט דוד קעסלער, „דזשאָן מאַרינעט״ מיט מאַלווינאַ לאָבעל, מיט מאָריסאָן און שנייער, אין פילאַדעלפיע, און גייט איבער צו דער גרינדונג פון „קונסט-טעאַטער״, דעם רעפּערטואַר פון טעאַטער, שוואַרצס שפּילן אין ישראל און זיין טויט.

דאָס בוך איז רייך אילוסטרירט מיט בילדער פון שוואַרצן אין ראָלן און זיינע אויפפירונגען ווי אויך זיין מצבה.

לעאָן דרייקורס

קוליסן

פ׳ג ח. בזשאָזא, וואַרשע, 1927 [320 זייטן]

דער מחבר, אַ זשורנאַליסט, איז אין טשעכאָסלאָוואַקיע געווען איינער פון די גרינדער פון דאָרטיקן יידישן טעאַטער און האָט זיך עטלעכע יאָר אַליין באַטייליקט ווי אַן אַקטיאָר אין דער דראַמע און אין דער אָפּערעטע.

זייענדיק אין דער סביבה פון אַקטיאָרן, באַקענענדיק זיך מיט זייער לעבן, האָט ער אָנגעשריבן אַט דעם ראָמאַן, וואָס שילדערט דאָס יידישע אַק־טיאָרישע לעבן. ער האָט אויך פאַרפאַסט עטלעכע דראַמעס.

דרייקורס איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס.

רחל האַלצער

רעצענזיע־אויסצוגן פֿון דער יידישער פּרעסע וואַרשע 1939 [30 זייטן]

אויסצוגן פון דער יידישער פּרעסע אין וואַרשע, לובלין, ווילנע, גראָדנע, ביאַליסטאָק, לאָדזש און לעמבערג און פון דער יידישער פּרעסע און ניט־יידישער אין פּויליש אין וואַרשע, לעמבערג, קראָקע און גדיניאַ.

האָלצער איז שפּעטער אַוועק פֿון פּוילן און זיך באַזעצט אין אויסטראַליע, ווו זי גייט ווייטער אָן מיט איר טעאַטער־טעטיקייט.

KARL HARTMANN

DAS JUDISCHE THEATHER IN POLEN NACH DEM ZWEITEN WELTKRIEG

SONDERDRUCK

ZEITSCHRIFT FUR OSTFORSCHUNG

aus

Lander und Volker im ostlichen Mitteleuropa

[קאַרל האַרטמאַן

דאָס יידישע טעאַטער אין פּוילן נאָכן צווייטן וועלט־קריג]

דאָס איז אַ סעפּעראַטע אויסגאַבע פון דעם לענגערן אַרטיקל, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דער דייטשער אויסגאַבע „צייטשריפט פאַר פאָרשונג פון מזרח״, לענדער און פעלקער אין מיטל אייראָפּע, 17־טער יאָרגאַנג, 1968, העפט 4.

קאַרל האַרטמאַן, אַ ביאַליסטאָקער דייטש, וואָס קען אַ פּנים יידיש, האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ פולשטענדיקע געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער אין פּוילן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, און האָט די אויפגאַבע דורכגעפירט מיט גרויס פאַרשטענדניש, אחריות און גענויע אינפאָרמאַציע.

ער האָט פאַר דעם צוועק פון זיין אַרבעט, וואָס הייבט זיך אָן, בקיצור, מיט אַ ביסל געשיכטע פון יידיש טעאַטער אין וואַרשע, אַ סך פריער ווי גאָלדפאַדנס סטאַביל יידיש טעאַטער, און דערנאָך די געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין פּוילן ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, באַשריבן באריכות די געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין פּוילן באַלד נאָך דער באַפרייונג פון די נאַציס, שפּעטער די אויספירלעכע געשיכטע פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין פּוילן.

די אַרבעט נעמט אַרום געשיכטלעכע פאַקטן, די רעצענזיעס, על פּי רוב, פון דער פּוילישער און אויסלענדישער פּרעסע, פון דער גאַנצער צייט פון דעם טעאַטערס עקזיסטענץ ביז 1969, ווען די אָנפירערין פון טעאַטער, אידא קאַמינסקאַ, האָט זיך געפילט געצווונגען צוריקצוציען פון טעאַטער און פאַרלאָזן פּוילן.

עס איז אַ גרינטלעכע אַרבעט, וואָס גיט אַ גענויעם באַגריף וועגן מצב פון דעם טעאַטער אין פּוילן און זיינע גאַסטשפּילן איבער דער וועלט, די באַציונג פון די באַזוכער, פון דער פּרעסע, און אויך פון דעם אַפּוטראָפּוס — די פּוילישע רעגירונג.

ש. י. האַרענדאָרף

טעאַטער־קאַראַוואַנען

מעשה'לעך און עפּיזאָדן פֿון מיינע וואַנדערונגען מיט יידיש טעאַטער

פאַרלאַג „פֿרייגנט פֿון יידיש לשון", לאָנדאָן 1955 [232 זייטן]

דער מחבר אונטערשטרייכט, אַז ס'איז ניט זיין כוונה צו שרייבן די געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין עסטרייך, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע און יוגאָסלאַוויע איבער וועלכע ער האָט דורכגעשפּאַנט 10 יאָר מיט פאַרשיידענע יידישע טעאַטער־טרופעס, נאָר צו פאַרצייכענען מעשהלעך, עפּיזאָדן און טשיקאַווע פּאַסירונגען, וואָס באַלייכטן אַ ביז־גאָר אינטערעסאַנטע עפּאָכע פון אַמאָליקן יידישן טעאַטער אין די דאָזיקע לענדער, וועלכע זיינען ביז צום היטלערישן חורבן געווען וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער יידישער טעאַטער־קולטור.

הגם דער שרייבער פון דעם בוך איז קיינמאָל ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, האָט ער אָבער יאָרן־לאַנג אָנגעהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיטן יידישן טעאַטער ווי אַ סופלער, שפּעטער ווי אַן אימפּרעסאַריאָ פון אַ ריי יידישע וואַנדער־טרופּעס און די לעצטע יאָרן ווי אַ שותף אין אַ יידיש טעאַטער אין ווין.

די עפּיזאָדן זיינען אויטענטישע. דאָס בוך אַנטהאַלט 62 עפּיזאָדן. צום סוף קומט די געשיכטע פון האַרענדאָרפס פּיעסע „דער קעניג פון לאַמפּעדוסע", וואָס איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג אויף דער בינע.

דאָס בוך איז אילוסטרירט.

100 יאָר יידיש טעאַטער

1862 — 1962

רעדאַקטירט י. ה. קלינגער

פאַרלאַג יידישע קולטור־געזעלשאַפט

(אונטערן פּאַטראָנאַזש פון פועלי־ציון אין ענגלאַנד)

לאָנדאָן [1962, 44 זייטן יידיש, 10 זייטן ענגליש, זשורנאַל־פאָרמאַט]

דער יידישער טייל נעמט אַריין אַרטיקלען: „אונדזער אָרעמע מלוכה״ פון י. ה. קלינגער, „מיין אויפפירונג פון שלום אַשס „קידוש השם״ פון דר. מיכאל וויכערט, די היסטאָרישע אַרטיקלען: „פורים, דער געבוירנטאָג פון יידיש טעאַטער״ פון אפרים דאַווידזאָן, „יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן״ פון ל. ש. קרע־דיטאָר, „יידיש טעאַטער אין פּאַריז״ פון יחזקאל קאָרנהענדלער און „שעקספּיר אויף דער יידישער בינע און ליטעראַטור״ פון זלמן זילבערצווייג, ווי אויך אילוסטרירטע ביילאַגעס: יידישע דראַמאַטורגן, רעזשיסאָרן און אַקטיאָרן און בילדער פון יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

דער ענגלישער טייל ברענגט אַ לענגערן אַרטיקל „אַ יאָרהונדערט יידיש טעאַטער״ פון יוסף לעפטוויטש.

HUTCHINS HAPGOOD

THE SPIRIT of the GHETTO

New York, 1902

Funk and Waghalls Com.

[האַטשינס העפּגוד

דער גייסט פון דער געטאָ

ניו יאָרק 1909

פונק און וואַגהאַלס קאָמפּ.]

נאָך אין סאַמע אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט האָט זיך דער ניט־ייד האַטשינס העפּגוד פאַרינטערעסירט מיט די ניי־איינגעוואַנדערטע יידישע מאַסן אין ניו־יאָרק, מיט זייער פיזיש און קולטורעל לעבן און אָנגעהויבן וועגן דעם שרייבן אין די ענגלישע זשורנאַלן „אַטלאַנטיק מאָנטלי", „טהי קריטיק", „טהי בוקמען", „טהי ניו וואָרלד", „טהי באָסטאָן טראַנסקריפּט", „איוונינג פּאָסט", „קאָמירשל עדוועטייזער אָוו ניו־יאָרק".

אין 1902 האָט ער אַ טייל פון די אַרבעטן אָפּגעדרוקט אין אַ בוך, וואָס איז אילוסטרירט געוואָרן דורך דעם קינסטלער יעקב עפּשטיין, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן וועלט־באַרימט.

אין דעם בוך, וואָס גיט אויך אַן אָפּשאַצונג וועגן דער יידישער פּרעסע, ווידמעט דער מחבר אַ גאַר גרויסן טייל (זייטן 113־176) דעם דעמאָלטיקן יידישן טעאַטער מיט זיינע סטאַרס, ווי אַדלער, טאָמאַשעווסקי, קעסלער, ליפּ־צין, מאָגולעסקאָ און אַנדערע, ווי אויך וועגן די דעמאָלטיקע דראַמאַטורגן, גאַנץ באַזונדערס יעקב גאָרדין. אָט די אָפּטיילונג א׳נ „די בינע", באַהאַנדלט דאָס טעאַטער, די אַקטיאָרן און דאָס פּובליקום.

עס איז אַן ערנסטע, ערלעכע אַרבעט, געשריבן מיט ליבשאַפט און פאַר־שטענדניש.

פון בוך זיינען שפּעטער דערשינען אייניקע אויפלאַגעס און אין 1965 איז אַרויס אַ נייע אויפלאַגע מיט אַ גרעסער פאָרוואָרט פון הערי גאָלדען.

שעקספּיר׳ס אויסגעוועהלטע ווערק

זיין פאָלשטענדיגע ביאָגראַפיע און בילד

מיט 12 אַרטיסטישע בילדער

בעאַרבייט אין אידיש פון ד. מ. הערמאַלין

אַרויסגעגעבן פון דער בוכהאַנדלונג ש. דרוקערמאַן

50 קאַנאַל סטריט, ניו יאָרק, 1908 [333 זייטן]

אין דער פאָררעדע ווערט געזאָגט:

„דיזעס ווערק איז געשריבן געוואָרן מיט דעם צוועק צו געבן דעם יידישן לעזער אַ באַגריף איבער שעקספּיר. מיר זאָגן אַ באַגריף, אָבער ניט קיין שטודיום, ווייל אום צו שטודירן שעקספּיר אוןווירקלעך באַגרייפן שעקספּיר, מוזן מיר זיך ווענדן צום אָריגינאַל אָדער לכל הפּחות צו דער באַרימטער דייטשער איבערזעצונג, וואָס איז באַלד אַזוי גוט ווי דער אָריגינאַל. אויב עס וועט אַמאָל קאָנען זיין אַזאַ יידישע איבערזעצונג פון שעקספּיר ווי די דייטשע איז, איז אַ גרויסער ספק. פאָרלויפיק אָבער, רעכנען מיר, אַז דאָס פאָלגנדע ווערק וועט זיין אַ גרויסער פאַרדינסט פאַר אונדזער אָרעמע יידישע ליטעראַטור, ווייל דער יידישער לעזער וועט האָבן די מעגלעכקייט צו וויסן, ווען ניט פיל, וויניקסטנס עפּעס איבער שעקספּיר״.

דער באַאַרבעטער ווייזט אָן, אַז אין ענגליש האָבן טשאַרלז און מיירי לעמב אַרויסגעגעבן אַזאַ ענלעך בוך, איבערגעבנדיק אין אַ דערציילונגס־פאָרם די סוזשעטן פון שעקספּירס 20 דראַמעס. אַזעלכע ביכער זיינען אויך פאַראַן אין פראַנצויזיש, דייטש און אין אַנדערע שפּראַכן. די יידישע באַאַר־בעטונג איז בלויז געמאַכט אין דער זעלבער ריכטונג, אָבער איז ניט קיין איבערזעצונג פון די לעמבס, נאָר טייל ערטער געמאַכט לויטן ענגלישן אָרי־גינאַל מיט געוויסע מאָנאָלאָגן און דערקלערונגען.

דאָס בוך, וואָס האָט אויך אַ ביאָגראַפיע און אַ בילד פון שעקספּירן און בילדער פון די פּיעסן, ברענגט די סוזשעטן פון די דראַמעס: ראָמעאָ און יוליא, קעניג ליר, דער קויפמאַן פון ווענעדיג (שיילאָק), אָטעלאָ, דער חלום פון מיטן זומער־נאַכט, דער שטורם, אַ ווינטערדיקע געשיכטע, פיל רעש אי־בער גאָרניט, ווי ס׳געפעלט דיר, די צוויי הערן פון וועראָנאַ, סימבעלין, מאַק־בעט, אַלעס איז גוט וואָס ענדיקט זיך גוט, האַמלעט, די צוימונג פון דער ארורה, די קאָמעדיע פון טעותן, די צוועלפטע נאַכט, אָדער ווי דו ווילסט, טימאָן פון אַטען און די פּאָעמע „די פאַרגוואַלטיקונג פון לוקרעציאַן״.

אין דער דריטער אויסגאַבע (1912) איז צוגעגעבן דער אינהאַלט פון דער טראַגעדיע „יוליוס צעזאַר״.

מ. וואַנווילד

פסידאָ־קונסט און פסידאָ־קריטיק

(דער „דבוק״ פון ש. אנ־סקי — פּאַטאָלאָגיע פון פּובליקום — דוד הערמאַן אַלס רעזשיסער — גויים וואָס זענען עולה־רגל אין יידישן טעאַטער — רעצענזענטן־מבינות און רעצענזענטן־געשמאַק)

לאָדז, 1921 [42 זייטן]

אין דער צייט, וואָס די גאַנצע יידישע פּרעסע און אויך די ניט־יידישע האָט זיך אָנגערופן פּאָזיטיוו וועגן דער פּיעסע „דער דיבוק״, דוד הערמאַנס רעזשי און דאָס שפּילן פון דער „ווילנער טרופּע״, האָט מ. וואַנווילד [ש. ל. קאַווע] אין דער בראָשור אַ שטרענג נעגאַטיווע שטעלונג סיי צו דער פּיעסע, סיי צו דער רעזשי און סיי צום שפּיל. ער פּאָלעמירט אויך מיט די רעצענזענטן פאַר זייערע גינסטיקע רעצענזיעס און קריטיק.

[זע אויך די העברעישע בראָשור „משפט הדיבוק״].

יעקב וואַסערמאַן

דאָס טעאַטער און דער סאָציאַליזם

וואַרשע, 1921 [180 זייטן]

דער מחבר שרייבט אין זיין קורץ פאָרוואָרט, אַז „דאָס דאָזיקע בוך איז נאָר אַן איינלייטונג צו אַ גרעסערער אַרבעט איבער דעם טעאַטער... דער פּלאַן און דער צוזאַמענשטעל פון דעם דאָזיקן בוך איז אַנטשטאַנען זעלבסט־שטענדיק. די הויפּט שוועריקייטן ביים שרייבן זיינען געלעגן אין דעם, ווייל די טעאַטער־פראַגע איז נאָך היסטאָריש־מאַטעריאַליסטיש איבערהויפּט שוואַך באַהאַנדלט געוואָרן... די קוועלן־באַצייכענונגען זיינען צוליב קנאַפּקייט פון אָרט אויסגעמיטן געוואָרן".

דאָס ווערק, וואָס איז פּאַקטיש אַ מאַרקסיסטישע קאָמפּילאַציע פון פאַר־שיידענע ווערק וועגן טעאַטער, אַנטהאַלט אַן איינלייטונג, אַ גרויס קאַפּיטל „עוואָלוציע פון טעאַטער און דראַמע", איינגעטיילט אויף: די יעגער אָדער די אורקאָמוניסטישע תקופה, די אַקער־בוי־תקופה, די רעפּובליקן: שטעטי־שע, אָדער גריכישע תקופה, די משא ומתן, אָדער רענעסאַנס־תקופה, די קאַ־פּיטאַליסטישע תקופה אָדער די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, די מאַשין־הער־שאַפט אָדער די היינטיקע תקופה. די קאַפּיטלען „די פּסיכאָלאָגיע פון דעם היינטיקן פּראָלעטאַרישן טעאַטער־באַזוכער", „דער רעפּערטואַר" און „דאָס פּראָבלעם פון דעם יידישן טעאַטער", וואָס נעמט אַריין 1) דער פּראָלע־טאַריאַט אַלס טרעגער פון דער יידישער דראַמע, 2) דער יידישער פּרימיטיוו, און 3) די נייע דראַמע.

מיכאל ווייכערט

טעאַטער און דראַמע

ערשטער באַנד. [192 זייטן] צווייטער באַנד [186 זייטן]

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין 1926.

דער ערשטער באַנד איז געטיילט אין דריי טיילן, און נעמט אַריין פאַל־גנדיקע אָפּטיילונגען: „טעאַטער" מיט 10 עסייען וועגן אַלגעמיינעם און יידישן טעאַטער, „בינע", מיט 12 קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע טע־אַטער־אויפפירונגען און „דראַמע", מיט 5 עסייען וועגן פרעמד שפּראַכיקע דראַמאַטיקער.

[דער ערשטער באַנד איז פריער אַרויס אין יאַנואַר 1922].

דער צווייטער באַנד אַנטהאַלט עטלעכע און פופציק אָפּרופן וועגן טע־אַטער־אויפפירונגען און פּראָבלעמען, וואָס זיינען פריער געדרוקט געוואָרן אין יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. דער מחבר פאַרצייכנט:

„דאָס איז אַ בוך פאַרן פּריינט פון יידישן טעאַטער. עס איז אויסן צו פאַראינטערעסירן אים מיט די פּראָבלעמען פון טעאַטראַלער שאַפונג נישט דורך טעאָרעטישע חקירות, נאָר מיט דער הילף פון לעבעדיקע ביישפּילן. די אויפפירונג אין יידישן אָדער פּוילישן טעאַטער איז נישט דער אינהאַלט פון אַ קאַפּיטל, נאָר דער גורם, די קאַנווע, אויף וועלכער ס'וועבן זיך געדאַנ־קען, פאַרשיידענע, פאַרשיידנאַרטיקע, און נאָר איינס פאַרבינדט זיי, דער ציל: יידיש טעאַטער".

מיכאל ווייכערט

זכרונות

ארויסגעגעבן דורכן בוך־קאָמיטעט

ערשטער באַנד, תל־אביב, [304 זייטן],

צווייטער באַנד, תל־אביב, 1961 [368 זייטן]

דער ערשטער באַנד, וואָס עפּנט זיך מיט אַן אַריינפיר פון דב סדן, האַלט 36 קאַפּיטלעך, וואָס נעמען אַרום זכרונות פון גאַליציע, פון דער היים־שטאָט, די פאַמיליע, די סביבה, וואַנדערונגען ביז ווין און דעם אַריינטריט אַלס סטו־דענט צו פּראָפ. מאַקס ריינהאַרדט.

דער צווייטער באַנד, וואָס ווערט טיטולירט „וואַרשע" (1918־1939), עפּנט זיך אויך מיט אַן אַריינפיר פון דב סדן, און אַנטהאַלט 31 קאַפּיטלעך, וואָס באַהאַנדלען שוין יידיש טעאַטער; די ווילנער טרופּע, יידיש טעאַטער בכלל, די יידישע פּרעסע, די יידישע דראַמאַטישע שול, אייניקע אויפפירונגען פון מחבר ביי דער „ווילנער טרופּע", דעם מחברס אויפפירונגען פון „דאַנטאָנס טויט" אין „באָוואַשטשי" און זיין אָנפירן מיט „יונג טעאַטער" און זיינע אויפ־פירונגען אין דער גרופּע.

דער באַנד באַהאַנדלט אויך אַ ריי טעאַטער־פּראָבלעמען.

מיכאל ווייכערט

טרופּע טאַנענצאַפּ

אַ גאָלדפאַדען־שפּיל אין אַ גאַליציש שטעטל

פאַרלאַג „המנורה", תל אביב, 1966 [82 זייטן]

די פּיעסע, וואָס איז געשפּילט געוואָרן מיט אַ גאָר גרויסן דערפאָלג דורך „יונג טעאַטער", איז אַ שפּיל אין אַ שפּיל. עס שטעלט פאָר ווי אַ פּראָווינץ־טרופּע, אָנגעפירט פון דירעקטאָר טאַנענצאַפּ, שפּילט „קוני לעמעל", און דערביי ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון די יידישע אַקטיאָרן, די באַציונג פון פּובליקום און פון דער אַפּיציעלער מאַכט.

דאָס בוך עפנט זיך מיט אַ הקדמה פון פּיוּול זיגעלבוים.

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ ספּעציעלן בוך־קאָמיטעט אַרויסצוגעבן די שריפטן פון מיכאל ווייכערט.

אַ טאָג מיט יעקב גאָרדין

דורכגעלעבט און בעשריעבען פון **מאָררים ווינטשעװסקי**

פֿערלאַג מ. מייזעל, ניו יאָרק, 1909 [112 זייטן]

ווינטשעװסקי, װעלכער איז געװען אַ זייער נאָנטער פריינד פון דראַמאַ־טורג יעקב גאָרדין און זיינער אַ גרויסער פאַרערער, האָט דורך דעם בוך אַרויסגעבראַכט זיינע געפילן פאַר אים. דאָס בוך, ווי דער מחבר דערציילט אין פאָרוואָרט, איז אַנטשטאַנען דורכדעם וואָס מיט גאָרדינס אָפּשטאַרבן, האָבן אַלע זיינע געדאַנקען אומאויפהערלעך געאַרבעט ביי אים נאָר וועגן פאַרשטאָרבענעם.

„יענעם טאָג האָב איך באַשלאָסן אָנצופאַנגען צו ערפילן מיין פליכט צו אים — די פליכט פון אַ פריינט. איך האָב באַשלאָסן אים צו באַשרייבן אַלס מענטש און אַלס דיכטער (שריפטשטעלער) אויף אַזאַ אופן, אַז מיין שריפט זאָל טראָגן אויף זיך דעם סטעמפּל: אמת, אַזוי ווייט ווי איך בין דערצו פעיק. דאָס צו עררייכן (דערגרייכן) האָב איך געווילט די פאָרמע, וועלכע דער לעזער האָט פאַר זיך, דאָס הייסט, באַשרייבנדיק אַלץ, וואָס איך האָב ווירק־לעך אַליין דורכגעלעבט יענעם טאָג ווען יעדער שריט און יעדע טעטיקייט האָט אין זיך געהאַט עטוואָס פון גאָרדינס טרויעריקער קעגנוואַרט פון טאַטן־רייכער פאַרגאַנגענהייט”.

דאָס בוך נעמט אַריין פאָלגנדיקע קאַפּיטלעך: אין דעם שאָטן פון טויט, מיין גלאָז טיי ווערט קאַלט, אַ גרויסער שוויגער, זייערע מאַיעסטעטלעך, די גאָרטן־שטאָט, אויף וואָס ער האָט קיין שליטה ניט, „וואָטש יור סטעפּ”, אַ שכן וואָס שטערט, אלישע, בעאַטא און די דרייאייניקייט, אַן אומגעדולדיקער וואָרעם, ער, טאָלסטאָי און קונסט, דער יידישער רוס, דעמאָקראַטיזמוס און דרך־ארץ, שלעכטע נייעס, האָלדעק אין נאַסוי סטריט, דער מאָגן — אַ יחסן, לעבנס־עלעקסיר, ארם נהרים און ער, קריטיק און קריטיקער, ערלעכע באַ־טריגער, אין אַ ביכער־אַטמאָספערע, מיר אַנטלויפן פון זיך, ער און זיין פאָלק, דער יידישער רוס אין אַמעריקע, דער דאָקטאָר, איך און דער שד, ער שעמט זיך מיט זיין גוטסקייט, דער פאַרשוווּנדענער קוואַרטאַל, דער ספר־החיים, זיין יידיש, עס ווערט פינסטער, אַ דעבאַטע אין מיין ביבליאָטעק, אַ ניט־געריעדטע אונטערהאַנדלונג, מענטש, כלל־טוער, דראַמאַטורג, זיינע ווערקע און זיין פּערזאָן, און אַ נאָכוואָרט.

דאָס בוך האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. פאַר אונדז ליגט די דריטע אויסגאַבע (דריטע טויזנט).

MARVIN L. SEIGER

A HISTORY OF YIDDISH THEATRE IN NEW YORK CITY TO 1892

Indiana University 1960 (584 pp.)

דאָס בוך, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אַלס דיסערטאַציע פאַר אַ דאָקטאָראַט, איז ניט געדרוקט, נאָר העקטאָגראַפירט אין עטלעכע עקז. און געפינט זיך, אין דער דאָזיקער פאָרם אין „ייוואָ“, ביים מחבר, אין דער אוניווערזיטעט פון אינדיאַנאַ, און אין דער יידישער אָפטייל פון דער ניו־יאָרקער פאָבליק לייברערי.

דער מחבר האָט פאַרן צוועק פון דער דיסערטאַציע דורכשטודירט ניט נאָר די געשיכטע־ביכער וועגן יידישן טעאַטער און די יידישע שוישפילער, נאָר אויך די יידישע און ניט־יידישע פרעסע פון יענעם פעריאָד; דעם אָנהייב פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע (1882) ביז צו דער גאָרדין־עפּאָכע (1891). ער הייבט אָן זיין אַרבעט מיט אַן אַריינפיר אין וועלכן ער גיט אָן די קוואַלן פון וו ער האָט געשעפּט זיין אַרבעט און בקיצור די אַנטשטייונג פון יידישן לשון, די פורים־שפּילן, די השכלה, די ערשטע יידישע קאָמעדיע און די אַמאָליקע יידישע פאַרוויילער. דערנאָך שילדערט ער בקיצור דעם אָנהייב פון יידישן טעאַטער אין אייראָפּע, גאָלדפאַדנס גרינדן דאָס סטאַבילע יידישע טעאַטער, דעם בלי־פעריאָד פון יידישן טעאַטער (1877-79) אין רומעניע, דאָס אַריבערגיין קיין רוסלאַנד (1879-83) און גיט זיך אָפּ אויספירלעך מיטן אַנטשטיין פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, זיין אָנהייב (1882-84), גאָלדפאַדנס תלמידים אין ניו־יאָרק (1886-87), דאָס רומעניע אָפּערע־הויז און דאָס אָריענטאַל טעאַטער (1886-87), די קעגנערשאַפט צו גאָלדפאַדענען (1887-89), דער קאַמף פאַר מאַכט (1889-90), די געענדערטע פערסאָנאַלן (1890-91) און דאָס אַנטשטיין פון גאָרדין־פעריאָד (1891-92).

דאָס בוך האָט אויך אַ ביבליאָגראַפיע, אַ ליסטע פון די דעמאָלטיקע אַקטיאָרן, טרופּעס און פערסאָנאַלן און דעם רעפּערטואַר.

עס איז אַ גרינטלעכע אַרבעט אין ענגליש וועגן די ערשטע 10 יאָר יידיש טעאַטער אין אַמעריקע.

בעניאַמין זוסקין

מאָסקווע, „דער עמעס", 1939

[60 זייטן און בילדער]

[פאַרצייכנט לויט „פרסומים יהודיים בברית המועצות"], ירושלים, תשכ״א].

זלמן זילבערצווייג

הינטערן פאָרהאַנג

וואָס דער יידישער אַקטיאָר דערציילט
טעאַטער-זכרונות

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

ווילנע, 1928

דאָס בוך באַשטייט פאַקטיש פון דריי באַזונדערע ביכער: דאָס ערשטע, „הינטערן פאָרהאַנג" (207 זייטן), דאָס צווייטע, „וואָס דער יידישער אַקטיאָר דערציילט" (72 זייטן) און „טעאַטער זכרונות (106 זייטן).

אין „הינטערן פאָרהאַנג" זיינען, צום ערשטן מאָל, פאַרעפנטלעכט, פאַר־צייכנט פון מחבר, די זכרונות פון יצחק ליבערעסקאָ, דער איניציאַטאָר פון גאָלדפאַדנס טעאַטער. דר. מוקדוני שרייבט וועגן דעם:

„ווען איר לייענט די זכרונות פון גאָלדפאַדענען און נאָך זיי באַלד די זכרונות פון י. ליבערעסקאָ, ווערט אייך קלאָר פיל זאַכן. איר דערזעט פיל דערינערונגען אין זייער ריכטיקן ליכט. .... אין יצחק ליבערעסקאָס זכרונות איז דאָ די רייכסטע שילדערונג פון דעם יידישן טעאַטער־לעבן ביי זיין אויפ־קום. פראַכטפולע כאַראַקטעריסטיקעס פון גאָלדפאַדנס שוישפילער, פון דעם פובליקום און בכלל אַ שפעדיקע שילדערונג פון דער באַציונג פון די דע־מאָלטיקע יידן צום יידישן טעאַטער און די באַציונג פון טעאַטער צום פוב־ליקום ... יצחק ליבערעסקאָס זכרונות זיינען ממש אַן אוצר פאַר אַ גע־שיכטע־שרייבער פון יידישן טעאַטער, אַ חוץ דעם זיינען זיי אַ פאַרכאַפנדיקער לעזע־שטאָף פאַר יעדן לעזער."

אין דעם טייל איז אויך געדרוקט די פאָלעמיק וועגן גאָלדפאַדן און גאָרדין.

אין „וואָס דער יידישער אַקטיאָר דערציילט" זיינען אָפגעדרוקט עטלעכע צענדליק קורצע עפיזאָדן, וויצן און הומאָר וועגן יידישן טעאַטער פון אַ טעאַ־טער־פאָלקלאָר־כאַראַקטער.

אין אָפטייל „טעאַטער זכרונות" ווערן פאַרעפנטלעכט זכרונות פון באָריס טאמאשעווסקי, דאָראַ וויסמאַן, א. אייזענשלאס, פיטער גראף, יעקב זילבערט א. א.

זלמן זילבערצווייג

אברהם גאָלדפאַדען און זיגמונט מאָגולעסקאָ

פאַרלאַג „אלישבע", בוענאָס איירעס, 1936 [192 זייטן]

[שער־בלאַט געצייכנט פון מישאַ שוואַרץ]

דאָס איז אַ גרעסערע גאָלדפאַדן־ביאָגראַפיע, געבויט אויף די געדרוקטע מאַטעריאַלן וועגן גרינדער פון יידישן טעאַטער, און אויך אויף שמועסן מיט יידישע שוישפילער פון גאָלדפאַדן־פעריאָד.

דאָס בוך נעמט אַריין די סאַמע יוגנט פון גאָלדפאַדן, זיינע שאַפונגען און טעאַטער־טעטיקייט ביז זיין טויט.

[אַ גרעסערע, מער אויספירלעכע מאָנאָגראַפיע פון אַברהם גאָלדפאַדן האָט זילבערצווייג פאַרעפנטלעכט אין וואָכנטלעכע המשכים אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל" פון מערץ 1968 ביז יוני 1969].

די ביאָגראַפיע פון זיגמונט מאָגולעסקאָ איז די ערשטע און איינציקע מאָנאָגראַפיע וועגן דעם ערשטן גרעסטן כאַראַקטער־שוישפילער פון יידישן טעאַטער און גייט דורך זיין גאַנץ לעבן אויף דער יידישער בינע.

זלמן זילבערצווייג

טעאַטער־פיגורן

בועגאָס איירעס, 1936 [160 זייטן]

פאַרלאַג „אלישבע"

דאָס בוך אַנטהאַלט עסייען, כאַראַקטעריסטיקעס און זכרונות וועגן די טעאַטראַלן יצחק ליבערעסקאָ, יידל גאָלדפאַדן, אסתר־רחל קאַמינסקאַ, די קאַמינסקי־קאָמפּאַנעעץ־משפחות, אַננאַ העלד, זעליג שאַר, הערשל יעדוואַב, וואָלף נייהויז, זיגמונט פיינמאַן, שלום פּערלמוטער, זיינוול שענקמאַן, יוסף רומשינסקי, נחום ליפּאָווסקי, דוד פּאַכלער, סעמיועל ראָזענשטיין, פּעני וואַדיאַעפּשטיין, רודאָלף מאַרקס, מאָריס שוואַרץ, אברהם־יצחק טאַנצמאַן, באָריס טאָמאַשעווסקי, „מאַגיסטער" ווינער, און יידישע אַקטיאָרן וועגן גאָלדפאַדן.

אַלע אַרבעטן זיינען פריער געדרוקט געוואָרן אין דער יידישער פּעריאָדיקע.

אַלבאָם פון יידישן טעאַטער

געזאַמלט און רעדאַקטירט דורך זלמן זילבערצוויג

ניו יאָרק 1937. פאַרלאַג „אלישבע". טאָוול געצייכנט ס. זאַגאַט.

שער־בלאַט געצייכנט לואי מאַרקאָוויטש

דאָס איז דער ערשטער פרווו צו פאַרפיקסירן טיפּן און כאַראַקטערן ווי אויך אויפפירונגען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך יידישע אַקטיאָרן.

דער „אַלבאָם" ברענגט אויך בילדער פון יידישע אַקטיאָרן און טעאַטראַלן אין זייער קינדהייט, יוגנט און מיטליאָרן, ווי אויך מיט פריינט און זייערע פאַמיליעס.

דער מאָנטאַזש פון די בילדער איז געמאַכט געוואָרן פון יונגן קינסטלער לואיס ספּערלינג און די ענגלישע אונטערשריפטן דורכן זשורנאַליסט חיים עהרענרייך. די כונה פון די ענגלישע אונטערשריפטן איז צו דערנענטערן דאָס בוך צום נייעם דור יידן אין אַמעריקע, וועלכער באַזוכט דאָס יידישע טעאַטער, אָבער קאָן ניט לייענען קיין יידיש.

דער „אַלבאָם" אַנטהאַלט 114 זייטן (געדרוקט אויף איין זייט), וואָס נעמען אַריין עטלעכע הונדערט גרעסערע און קלענערע פאָטאָגראַפיעס.

זלמן זילבערצווייג

אברהם גאָלדפאַדען

צו זיין הונדערטסטן געבוירן־טאָג

(12טן יולי 1840 — 9 יאַנואַר 1908)

„ציקאָ", ניו־יאָרק, 1940 [16 זייטן]

די בראָשור איז אַרויסגעגעבן געוואָרן כדי צו פּאָפּולאַריזירן די גאָלד־פאַדן־פייערונגען דורך געבן, פאַר רעדנער און לעקטאָרן, די וויכטיקסטע פאַקטן פון גאָלדפאַדנס לעבן און שאַפונגען.

עס איז אַ ריכטליניע דורך וועלכער מען זאָל קאָנען געבן אַן אַלאַרום־נעמענדיק בילד וועגן שאַפער פון יידישן טעאַטער.

זלמן זילבערצווייג יובל־בוך

אַרויסגעגעבן פון יובליי־קאָמיטעט צו זיין דרייסיק־יאָריקן

ליטעראַרישן יובליי

ניו־יאָרק, 15 פעברואַר 1941. [128 זייטן]

דאָס בוך אַנטהאַלט אָפּשאַצונגען, כאַראַקטעריסטיקעס און באַגריסונגען צום יובילאַר פון: אַב קאַהאַן, מרים זילבערצווייג, ד״ר צבי כהן, י. מ. פליאַט, ש. ל. שניידערמאַן, י. ל. וואָהלמאַן, שמחה פיעטרושקאַ, מלך ראַוויטש, ראובן גוסקין, חיים עהרענרייך, יעקב קירשענבוים, דר. מאיר גייער, דר. מ. סור־דאָרסקי, שמואל ראָזשאַנסקי, ש. ערנסט, מאָריס שוואַרץ, יעקב קאַליך, מאיר קאַסטאָף, רעגינאַ פעלדאָן, שאול ספיר, אַברהם רייזען, דער לעבעדיקער, אליי זינגער, וואָלף מערקור און אבשלום זילבערצווייג; קאַריקאַטורן פון לאָלאַ, אַ ביאָגראַפיע פון בעל יובל פון שלום פערלמוטער און אַן אויספירלעכע ביב־ליאָגראַפיע פון יובילאַרס ליטעראַרישע טעטיקייט.

זלמן זילבערצווייג

טעאַטער מאָזאַאיק

פאַרלאַג איטשע וו. בידערמאַן, ניו־יאָרק 1941 [320 זייטן]

[אַרויסגעגעבן צום מחברס 30־יאָריקע ליטעראַרישע טעטיקייט]

דער אינהאַלט פון בוך, ווי זיין נאָמען, איז אַ געמישטער, אַ מאָזאַיקישער. ער אַנטהאַלט 6 אָפּטיילונגען: ביאָגראַפיעס און כאַראַקטעריסטיקעס פון טע־אַטער־לייט, פּאָלעמיק צווישן ד״ר יעקב שאַצקי און ד״ר א. מוקדוני [וועגן „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״] מיטן מחבר, נאָטיצן און באַמערקונגען וועגן דראַמאַטיקער און פאַקטן אין יידישער טעאַטער־געשיכטע, אַרטיקלען וועגן טעאַטער־ביכער און יידישע טעאַטער־פּראָבלעמען, 14 עפּיזאָדן און קוריאָזן פון טעאַטער־לעבן און 19 מעשיות „וואָס דער יידישער אַקטיאָר דערציילט״ (טעאַטער־פאָלקלאָר).

זלמן זילבערצווייג

די וועלט פון יעקב גאָרדין

פאַרלאַג „אלישבע", תל־אביב, 1964 [488 זייטן]

[יעקב גאָרדין (פּאָרטרעט) געצייכנט פון י. פּאַשקאַ]

אין 51 קאַפּיטלעך ווערט אַרויסגעבראַכט די לעבנס־געשיכטע פון יעקב גאָרדין, זיין טעטיקייט אין רוסלאַנד, זיין שריפטשטעלערישע אַרבעט אַלס רוסישער שרייבער, די באַוועגונג פון „דוכאָוונאָיע בראַטסטוואָ", דאָס קומען אין אַמעריקע און דאָס ווערן אַ יידישער דראַמאַטורג.

כמעט אַלע גאָרדינס פּיעסן ווערן אַנאַליזירט און עס ווערט וועגן זיי איבערגעגעבן די קריטיק און די ראָל, וואָס זיי האָבן געשפּילט אין יידישן טעאַטער. דערביי ווערן דערציילט זייער פיל עפּיזאָדן און קוריאָזן און עס ווערן געשילדערט די אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין זיי.

צום בוך זיינען אויך צוגעגעבן אַן אַרטיקל פון יעקב גאָרדין וועגן דער צוקונפט פון יידישן טעאַטער און בריוו פון יעקב גאָרדין, גרשם באַדער, ד״ר נתן בירנבוים און אַברהם רייזען צו יעקב גאָרדין מיט אַן אַריינפיר און באַמערקונגען פון משה שטאַרקמאַן.

דאָס בוך האָט זיך צוערשט געדרוקט אין פאָרטזעצונגען אין „טאָג״־מאָרגען זשורנאַל״.

[זע אויך קלמן מרמרס און מאָרריס ווינטשעווסקיס ביכער וועגן יעקב גאָרדין.]

זלמן זילבערצווייג

די וועלט פון אסתר רחל קאַמינסקאַ

[מעקסיקע, 1969, 309 זייטן]

דאָס איז אַ סעפּעראַט אָפּדרוק פון דער מאָנאָגראַפיע פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ און די געשיכטע פון „די ליטעראַרישע טרופּע" („פאַרייניקטע טרופּע"), געדרוקט אין זעקסטן באַנד פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער".

דאָס בוך, אילוסטרירט מיט בילדער פון א. ר. ק., איר אויטאָביאָגראַפיע, איר פאַמיליע, די שוישפּילערין אין ראָלן, מצבה און די שילד פון מלוכה־טעאַטער אין פּוילן אויף איר נאָמען, נעמט אַרום די אויספירלעכע לעבנס־געשיכטע פון א. ר. ק. פון איר פריער יוגנט אָן ביז צו איר אָפּשטאַרבן, גע־בויט אויף איר אויטאָביאָגראַפיע, זכרונות, אָפּשאַצונגען און כאַראַקטעריס־טיקעס, קריטיק און רעצענזיעס פון נחום אויסלענדער (אויפן יסוד פון דער קריטיק פון דער רוסישער פּרעסע), עמיליע אַדלער, מאַרק אַרנשטיין, א. איינהאָרן, הירש אַבראַמאָוויטש, מ. אַשעראָוויטש, מנחם באָריישאַ, מ. גנעסין, א. גאַרעלאָוו, ס. דינגאָל, יעקב דינעזאָן, דר. מיכאל ווייכערט, ב. וולאַדעק, יעקב וואַקסמאַן, זלמן זילבערצווייג, יוסף זאַבלודאָווסקי, מ. זייפערט, אַברהם טייטעלבוים, יצחק טורקאָוו־גרודבערג, זיגמונט טורקאָוו, יאָנאָס טורקאָוו, מאַרק טורקאָוו, ש. יאַנאָווסקי, בועז יאַנג, נחום ליפּאָווסקי, אסתר ליפּאָווסקאַ, י. ליפשיץ, י. לאָזעבניק, דר. א. מוקדוני, מאָריס מאָריסאָן, מאָריס מייער, ש. מענדעלסאָן, ב. מיכאַלאָוויטש, פּרץ מאַרקיש, ה. ד. נאָמבערג, מאַלווינאַ סיעראַצקאַ־אוגער, וו. עדלין, מ. עלקין, נח פּרילוצקי, י. ל. פּרץ, בנציון פּאַלעפּאַדע, מישע פישזאָן, דוד פרישמאַן, ש. פּרוג, אידאַ קאַמינסקאַ, אב. קאַהאַן, אַברהם־יצחק קאַמינסקי, לעאָן קאַברין, ז. קאַץ, ל. קאַדיסאָן, א. קוגעל, אַלטער קאַציזנע, מלך ראַוויטש, י. ראַפּאַפּאָרט, ש. ראָזענפעלד, אַברהם רייזען, יוסף רומשינסקי.

לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער

מאַטעריאַלן געזאַמלט און רעדאַקטירט פון **זלמן זילבערצווייג**

ביי דער נאָנטסטער מיטאַרבעט פון **יעקב מעסטעל**

אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער יידישער אַקטיאָרן יוניאָן אין אַמעריקע.

ערשטער באַנד, ניו־יאָרק 1931, פאַרלאַג „אלישבע".
[800 עמודים 16 זייטן]

הקדמות פון ראובן גוסקין, זלמן זילבערצווייג און יעקב מעסטעל.
אותיות א־ה. צייכענונג — לייב קאַדיסאָן.

אַנטהאַלט 794 ביאָגראַפיעס און מאָנאָגראַפיעס מיט ביבליאָגראַפיע און בילדער, דערונטער פון די שוישפּילער: בינע אַבראַמאָוויטש, יעקב פּ. און סערא אַדלער, יוליוס און עמיליע אַדלער, צילע אַדלער, א. אזרא, חנה אַפּעל, דר. בן־ציון באַראַטאָוו, יוסף בולאָוו, לעאָן בלאַנק, יעקב בן־עמי, בערל בערנשטיין, עגאָן ברעכער, סעמיועל גאָלדענבורג, דזשעני גאָלדשטיין, איציקל גאָלדענבערג, שכר גאָלדשטיין, יחיאל גאָלדשמידט, מאַקס געביל, בערטאַ גערסטען, מישע און לוסי געדמאַן, ישראל גראַדנער, אַלעקסאַנדער גראַנאַך, מוני וויזענפריינד, דאַרא ווייסמאַן, רודאָלף זאַסלאַווסקי, לודוויק זאַץ, וועלוול זבאַרזשער, יעקב זילבערט און לייזער זשעלאַזאָ; די דראַמאַטיקער און פּיעסן־שרייבער: יצחק אייכעל, ש. אַנסקי, מאַרק אַרנשטיין, שלום אַש, יעקב באַ־טאָשאַנסקי, נחום באַזעלינסקי, גרשם באַדער, פּישל בימקאָ, א. בלום, הירש־גדלי' בעללאָו, י. ד. בערקאָוויטש, אַברהם־בער גאָטלאָבער, חנא גאָטעספעלד, אַברהם גאָלדפאַדן, יעקב גאָרדין, ב. גאָרין, אָסיפּ דימאָוו, פּראָפּ. האַרוויץ, פּרץ הירשביין, אהרן וואָלפסזאָהן־האַללע, יעקב וואַקסמאַן, א. ווייטער, דוד זאַהיק, איזידאָר זאָלאָטאַרעווסקי, משה זייפערט; די קאָמפּאָזיטאָרן: א. אַל־שאַנעצקי, ש. אַלמאַן, יוסף ברוידי, מיכל געלבאַרט, מרדכי האַכבערג, הערמאַן וואָהל, חנא וואָלפסטאַל; דעם מאָלער — ברוך אַראָנסאָן; די טעאַטראַלן, רעזשיסערן און קריטיקער: בעל־מחשבות, ראובן גוסקין, יעקב־בער גימפּעל, אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי, דוד העלען, דוד הערמאַן, דר. מיכאל ווייכערט, דר. מאַקס וויינרייך, זלמן זילבערצווייג; די אָרגאַניזאַציעס, גרופּן און אינ־סטיטוציעס: „אונזער טעאַטער", בדחנים־אַקטיאָרן, בראָדערזינגער און פֿאָלקס־זינגער, „האור", „הירשביין־טרופּע, „וואָרדי־יאָעליט טעאַטער־סטודיע", „ווילנער טרופּע".

לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער

מאַטעריאַלן געזאַמלט און רעדאַקטירט פון **זלמן זילבערצווייג**

ביי דער נאָנטסטער מיטאַרבעט פון **יעקב מעסטעל**

אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער יידישער אַקטיאָרן יוניע אין אַמעריקע.

צווייטער באַנד, וואַרשע, 1934, פאַרלאַג „אלישבע"

[800 עמודים און 4 זייטן מיט הקדמה פון זלמן זילבערצווייג, אותיות ט־ע. צייכענונג — וואַן ראָזען.]

אַנטהאַלט 649 ביאָגראַפיעס און מאָנאָגראַפיעס מיט ביבליאָגראַפיע און בילדער, דערונטער פון די שוישפילער: באָריס און בעסי טאָמאַשעווסקי, אַברהם, יצחק און בערטאַ טאַנצמאַן, זיגמונט און יאַנאַס טורקאָוו, אַברהם טייטעלבוים, אליהו טענענהאָלץ, מרים טרילינג, קלמן יאַווילער, בערנאַרד און קלאַראַ יאַנג, ראָזע יערמאָלינאַ־וויסמאַן, מאַלווינאַ לאָבעל, יאַנקעוו ליבערט, פעפי ליטמאַן, איזידאָר ליליען, אָלאַ לילית, משה ליפמאַן, קעני ליפּצין, אַהרן לעבעדעוו, זשאַק לעווי, לוסי לעווין, זיגמונט מאָגולעסקאָ, מאָטקע חב״ד, מאָריטץ מאָריסאָן, אַברהם מאָרעווסקי, רודאָלף מאַרקס, מאָריס מאָשקאָוויטש, מ. ל. מייערסאָן, מיכאל מיכאַלעסקאָ, ס. מ. מיכאָעלס, אַדאָלף מעלצער, דזשוליוס נאַטאַנסאָן, נח נאַכבוש, נאַדיאַ נעראַסלאַווסקאַ, דוד־משה סאַבסיי, איזיק סאַמבערג, ליפמאַן סאַקאַלאָוו, אייב סינקאָף, הערמאַן סיעראַצקי, לעאָניד סניעגאָוו, יעקב ספּיוואַקאָווסקי, מנשה סקולניק, עלמית, פעני וואַדיאַ עפשטיין; די דראַמאַטיקער און פיעסן־שרייבער: יעקב טער, סעמיאָן יושקעוויטש, יאָזעף לאַטיינער, אפרים לויטער, ז. ליבין, ה. ליוויק, משה־לייב ליליענבלום, יצחק־יואל ליניעצקי, לודוויג לעווינזאָן, יוסף־יהודה לערנער, יצחק לעש, יוסף מאַרקאָוויטש, ל. מלאך, מענדעלע מוכר ספרים, אהרן נאַגער, יצחק נאָזשיק, נחום סטוטשקאָוו, וויליאַם סיגעל, שיינע־רחל סימקאָף, הערי סעקלער, דר. שלמה עטינגער, העשל עפּלבערג; די קאָמפּאָזיטאָרן: איליי טרילינג, דזשאָרדזש טולער, יוסף טשערניאַווסקי, פיליפּ לאָסקאָווסקי, לעאָ ליאָוו, הערי לוביץ, מוישע מילנער, פּרץ סאַנדלער, יעקב־קאָפּל סענדלער, שלום סעקונדאַ, אַברהם עלשטיין; די טעאַטראַלן, רעזשיסערן און קריטיקער: יצחק

ליבּרעסקאָ, נחום ליפּאָווסקי, דער לעבּעדיקער, דר. א. מאַרגאָלין, דר. א. מוקדוני, לואי מיללער, יעקב מעסטעל, וויליאַם עדלין, חיים עהרענרייך, מענדל עלקין און יואל ענטין; די אָרגאַניזאַציעס, גרופּן און אינסטיטוציעס: טעאַטער־סטודיעס, „טעאַליג", „יונג אַרגענטינע", „פאַריין יידישע בינע" (מעלבּורן), יידיש טעאַטער אין ארץ ישראל, יידישע מלוכה־טעאַטערס, „לידאַ", „מאַדיאָקאַט", מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער, מעלוכישער יידישער טע־אַטער אינ אוקראַינע, „סמבטיון".

לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער

מאַטעריאַלן געזאַמלט און רעדאַקטירט פון **זלמן זילבערצווייג**

ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעט פון **יעקב מעסטעל**

אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער יידישער אַקטיאָרן יוניע אין אַמעריקע.

דריטער באַנד, ניו־יאָרק, 1959, פאַרלאַג „אלישבע".

[800 עמודים, 1601־2420 עמודים] און 4 זייטן מיט אַ הקדמה פון זלמן זילבערצווייג.

צייכענונג — **ל. מאַרקאָוויטש.**

אַנטהאַלט 231 ביאָגראַפיעס און מאָנאָגראַפיעס מיט ביבליאָגראַפיע און בילדער, דערונטער פון די שוישפּילער: שלום פּאָדזאַמטשע, לידיאַ פּאָטאָצקאַ, בן־ציון פּאַלעפּאַדע, מאַלי פּיקאָן, וויקטאָר פּעקער, מאַקס פּערלמאַן, רעגינע פּראַגער, וואָלף און פּעלאַ שומסקי, טשאַרלז קאָהען, זעליג שאָר, גוסטאַוו שוואַרצבאַרד, איזידאָר קעשיער, לאַזאַר פריד, יצחק פישעלעוויטש, גוסטאַוו שאַכט, צילע און לעאָן צוקערבערג, לעאָן ליבגאָלד, לילי ליליאַנאַ, אסתר פיעלד, ראָוז שושנה, בן־ציון וויטלער, יעטאַ צווערלינג, משה שטראָסבערג, בען באַנוס, מאָריס שוואַרץ, סימאָר רעכטצייט, מרים קרעסין, מאַקס באַזשיק, משה אוישער; די דראַמאַטורגן און פּיעסן־שרייבער: אריה פּאָזי, דוד פּינסקי, יעקב פּרעגער, י. ל. פּרץ, שמ׳ר, ראָוז שאָמער־באַטשעליס, אפרים פישלזאָהן, אליעזר פּאַוויר, יואל־בעריש פאַלקאָוויטש; די קאָמפּאָזיטאָרן: יחיאל־מאיר פּאָזנער, לעאָ פולווער, יצחק פּיראָזשניקאָוו, אַרנאָלד פּערלמוטער, הערמאַן פידלער, ברוך שאָר, לואיס פרידזעל, יצחק שלאָסבערג און וסף רומשינסקי; דער מאָלער: ראָבערט פאָלק; די כאָרעאָגראַפן: בעל דידזשאַ און רוט זאהאווא; די טעאַטראַלן, קריטיקער, טעאַטער־אָרגאַניזאַציעס, גרופּן און אינסטיטוציעס: „פּאַטריאָטן", פּורים־שפּילער, „פּיאַט", שלום פּערלמוטער משה פּערענסאָן, יצחק פּערקאָף, „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב", נח פרילוצקי, „פּרץ־טעאַטער", „פאָלקס־טעאַטער", „פאָלקסבינע", לואי מאַרקאָוויטש, יעקב קירשענבוים, דר. נ. סווערדלין, לאַזאַר קאַהאַן, יידישער אַק־

טיאַרן קלוב, יידישע טעאַטריקל עלייענס, זלמן רייזען, יידישע אַרטיסטן און פּריינט, יידישע אַקטיאָרן יוניע.

צוליב סיבות, דערקלערט אין דער הקדמה, איז נאָר אַ טייל פון דעם באַנד, אַ פאָרטזעצונג פון אות „פּ" (וואָס איז דערשינען אין „טעאַטער העפטן") ביז עמוד 2077, ווען די ביאָגראַפיעס ווערן מער ניט געדרוקט לויטן א״ב, און דער סדר פון די ביאָגראַפיעס איז אָפּגעדרוקט אין אַ באַזונדערן שליסל.

דער באַנד האָט נאָר אין דער העלפט געהאַט די מיטאַרבעטערשאַפט פון יעקב מעסטעל (געשטאָרבן דעם 6 אויגוסט 1958).

לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער

מאַטעריאַלן געזאַמלט און רעדאַקטירט פון **זלמן זילבערצווייג**

אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער יידישער אַקטיאָרן יוניע אין אַמעריקע.

פערטער באַנד

פאַרלאַג „אלישבע", ניו־יאָרק, 1963,

[שער־בלאַט געצייכנט דורך שמואל קאָוונער־גראַדסקי]

[עמודים 3704־2425 און 22 זייטן „אונדזערע בויער"]

דער באַנד עפנט זיך מיט אַ הקדמה פון רעדאַקטאָר. ער נעמט אַריין 185 ביאָגראַפיעס און מאָנאָגראַפיעס, זייער רייך אילוסטרירט, צווישן זיי —

די שוישפּילער: דיאַנאַ בלומענפעלד־טורקאָוו, יהודה בלייך, ר. בן־ארי, דינה האַלפּערן, יוסף זשיטאָמירסקי, איידאַ פיק, זיגמונט פיינמאַן, לוסי פינ־קעל, מאָריס פינקעל, עמאַ פינקעל, מישע פישזאָן, ראָזאַ פרידמאַן, לייזער צוקערמאַן, לייב קאַדיסאָן, מתתיהו קאָוואַלסקי, בערטאַ קאַליש, שרה און לעאָפּאָלד קאָנער, יעקב קאַצמאַן, מאַקס און סאָפיע קאַרפּ, יעקב קורלענדער, דזשעני קייזער, נעלי קעסמאַן, לעאָן ראַבינאָוויטש, מאַקס ראָזענטאַל, לייזער ראָזענשטיין, סעמיועל ראָזענשטיין, עליאַס ראָטשטיין, גרשון רובין, מנחם רובין, אָסיפּ רוניטש, פעני ריינהאַרדט, דוד שאַראַוונער, מאַרק שווייד, מאַקס שטרענג, רודאָלף שילדקרויט, סעם שילינג, חיים שניאור, לואיס שניצער, אבא שעהנגאָלד, זיגמונט שענקמאַן.

די דראַמאַטורגן און פּיעסן־שרייבער: מ. דלוזשנאָווסקי, כאַוועַר־פּאַוועַר, דר. חיים סלאָוועס, יצחק פרידמאַן, לואיס פריימאַן, אהרן צייטלין, לעאָן קאָברין, ס. ה. קאָהען, משה קאַטץ, הערי קאַלמאַנאָוויטש, וואָלף קאַמראַש, זישע קאָרנבליטה, לעאָן קוסמאַן, ישראל ראָזענבערג, יונה ראָזענפעלד, מאָריס ראָזענפעלד, ב. ראָקאָוו, משה ריכטער, אַנשל שאָר, אַברהם־מיכל שאַרקאַנסקי, מאיר שוואַרץ, שלמה שטיינבערג, שלום־עליכם.

די קאָמפּאָזיטאָרן: הענרי רוסאָטאָ, פערדינאַנד שטויב.

דער מאָלער: ה. א. קאַנדעל.

די טעאַטראַלן, גרופּן, טעאַטער־אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס: יידישע טעאַטריקל עלייענס, מרדכי ירדני, פּורים־שפּילן, „פּערהיפּט“, פילאַדעלפיער דראַמאַטישע געזעלשאַפט, הערשל צוקערבערג, אב. קאהאן, יעקב קאַליך, לעאָן קרישטאָל, שאול ראַסקין, עמנואל רייכער, עדווין א. רעלקין, דר. יעקב שאַצקי, שיקאַגער דראַמאַטישע געזעלשאַפט, עמאַ שייוער־לאַזאַראָוו.

לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער

מאַטעריאַלן געזאַמלט און רעדאַקטירט פון **זלמן זילבערצווייג**

ק ד ו ש י ם ב אַ נ ד

אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע

אין אַמעריקע. פינפטער באַנד, מעקסיקע סיטי, 1967, פאַרלאַג

„אלישבע". [עמודים 3705 ביז 4854 מיט הקדמה און רשימה

פון די ביאָגראַפיעס, 16 זייטן. ביאָגראַפיעס פון „אונדזערע

בויער" און רשימה פון די בײשטייערער 27 זייטן]

[שער־בלאַט געצייכנט פון פאַני ראַבעל.]

דער באַנד נעמט אַריין 489 ביאָגראַפיעס און בילדער פון אומגעבראַכטע דורך די היטלעריסטן און זייערע משרתים. אַ גרויסער טייל פון די קדושים זיינען אַן שפּעטערדיקע דאַטעס און זייער טראַגישן אומקום, שוין געבראַכט געוואָרן אין די ערשטע דריי בענד פון „טעאַטער־לעקסיקאָן".

צווישן די ביאָגראַפיעס געפינען זיך גרעסערע מאָנאָגראַפיעס און ביאָגראַפיעס פון די שוישפּילער: מרים אָרלעסקאָ, דוד זיידערמאַן, מאָריס ליאַמפּע, ש. לאַנדוי, חיים סאַנדלער, אייזיק סאַמבערג, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, ש. קוטנער, ל. שריפטזעצער און געניאַ שליט; פון די דראַמאַטיקער: מאַרק אַרנשטיין, ש. גאָדינער, דר. י. ב. צפּור און יצחק קאַצענעלסאָן; פון די קאָמפּאָזיטאָרן: דוד בייגעלמאַן, ישראל גלאַטשטיין, שמואל וויינבערג, לעאָן זעלמאַן, ישראל שאַיעוויטש און מ. שניאור; די רעזשיסערן: משה ווײַדע, מאַקס וויסקינד, איטשע־מאיר מאַשקאָוויטש און ניקאָלאַי עליאַשעוו; די פּאָלקסזינגער: מרדכי געבירטיג, מנחם קיפּניס און נחום שטערנהיים; די מאָלער: יצחק ברוינער, וולאַדיסלאַוו ווײַנטרויב, פעליקס פרידמאַן, פריץ קליינמאַן און יאָזעף שליוזניאַק; דעם טעאַטער־היסטאָריקער דר. יצחק שיפּער; די טעאַטראַלן, טעאַטער־קריטיקער און רעצענזענטן: אַרנאָלד, ישעיהו אוגער, אהרן איינהאָרן, יאַנקעלע דאַנציגער, דר. יעקב וויגאָדסקי, דר. א. זיינפעלד, מרדכי מאַזאַ, אלחנן צייטלין, דוד צעלמייסטער, משה קאַרפּינאָוויטש און ש. ל. קאַוואַ, ווי אויך „יידיש טעאַטער אין בערגען בעלזען".

לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער

מאַטעריאַלן געזאַמלט און רעדאַקטירט פון **זלמן זילבערצווייג**

אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע אין אַמעריקע.

זעקסטער באַנד, מעקסיקע סיטי, 1969, פאַרלאַג „אַלישבע"

[שער־בלאַט געצייכנט פון מאו זאַלאַטאַראָוו]

[עמודים 4855 ביז 6132 און הקדמה און רשימה פון די ביאָגראַפיעס

8 זייטן און ביאָגראַפיעס „אונדזערע בויער", 18 זייטן]

דער באַנד אַנטהאַלט 304 ביאָגראַפיעס, בילדער און מאָנאָגראַפיעס, דע־רונטער פון די שוישפּילער: בעני אַבעלמאַן, יאַשאַ בעלצער, גוסטאַוו בערגער, יוסף בראַנדעסקאַ, מנשה סקולניק, דיינע פיינמאַן, בערטאַ פישלער, אַברהם פישקינד, פריידעלע, יעקב פרענק, אסתר פערלמאַן, אסתר־רחל, אַברהם־יצחק און רעגינע קאַמינסקאַ, יוסף קאַמיען, אבא און לאה קאָמפּאַניעץ, מאַקס קלעטער, דינה קעניג, סעם קעסטין, באָריס ראָזענטאַל, לייזער ראַפּעל, מרדכי ריבאַלסקי, וויליאַם שוואַרץ, בנימין שוואַרצער, אַליאַשאַ שטייק, יאָזעף שער־מאַן, שלמה שמולעוויטש און יאָזעף שעהנגאָלד; די לצים: הערשעלע אָסטראָ־פּאַליער, אפרים גריידיגער, שייקע פייפער; די דראַמאַטיקער: דוד איגנאַ־טאָוו, רחל פייגענבערג, ישעיה־מאיר פינקעלשטיין, הרב יצחק־אייזיק פריד־מאַן, אולריך קאַלמוס, אייזיק ראַבאַי, דזשעין ראָוז, אַברהם רייזען, הירש רייטמאַן, בערל שאַפּיר, מ. ב. שטיין, אליעזר שטיינבאַרג; די קאָמפּאָזיטאָרן: יוסף אַכראָן, רבקה באַיאַרסקאַ, יידל בעלזער, פּלאַטאָן בראָונאָוו, לעוו צייטלין, יאַשאַ קרייצבערג, יעקב שייפער; די מאָלער: סעם אָסטראָווסקי, העגריק בער־לעווי, מאו זאַלאַטאַראָוו, אַלעקס טשערטאָוו; די טעאַטער־פאָרשער: דר. מאָר־ווין ל. זייגער, יהושע ליובאָמירסקי, דזשעימז אַלבערט מילער; די טעאַטראַלן, קריטיקער און רעצענזענטן: נחום אויסלענדער, טאַשאַ אַרציטשעווסקאַ, יעקב גלאַנץ, ראובן יוקלסאָן, יוסף לאַנדיס, דוב־בער מאַלקין, אַלעקסאַנדער עליאַסבערג, דוד פרישמאַן, סאַלאָמאָן קאַהאַן, משה־מיכאל קיטאי, ישראל ראַבינאָוויטש, צבי־הירש רובינשטיין, מלכה ראַבעל, דזשייקאָב ר. שיף; די געשיכטעס פון אָרגאַניזאַציעס, פּיעסן און אינסטיטוציעס: אַרטעף, באַוועגלע־

כער יידישער דראַמאַטישער טעאַטער, „די געגאַרטע וועלט", גראָדנער יידישע טעאַטער־געזעלשאַפט, יידישע מוזיקאַלישע טעאַטער־גרופּע, יידישער רע־פּערטואַר טעאַטער, „די ליטעראַרישע טרופּע", מאַסקע, נייער יידישער טע־אַטער, פאַרייניקטע טרופּע, פיינמאַן טעאַטער, פּערהיפט, קליוולאַנדער טע־אַטער סטודיע, און די געשיכטע פון די טעאַטערס אין וואַרשע: באַגאַטעלאַ, זשאַרדען ד׳היווער, מוראַנאָווער טעאַטער, קרולעווסקאַ טעאַטער.

טהאָמאַשעפסקי׳ס טהעאַטער שריפטען

ניו־יאָרק, 1908 [96 זייטן]

דער מחבר שרייבט: „אַלעס וואָס איך האָב דאָ אין דעם ביכעלע אָנגע־שריעבען איז גענומען פון דעם ריינעם, אמתן לעבען פון יודישען טהעאַטער און איבערגעגעבען דעם לעזענדען פובליקום טריי און עהרליך: ניט איבער־געזאָלצען און ניט איבערגעפעפערט״. **ניט געקוקט אויף דער דאָזיקער דער־קלערונג זיינען עטלעכע אַרטיקלען ניט פּרעציז היסטאָריש, נאָר זייער סוב־יעקטיוו.**

דאָס ביכל, ווי דער מחבר באַצייכנט עס, איז אַ זאַמלונג פון 12 אַרטיקלען, וואָס זיינען פריער געדרוקט געוואָרן אין דער יידישער פּרעסע. זיי נעמען אַרום: דער אָנפאַנג פון יידישן טעאַטער, די ערשטע פאָרשטעלונג, [אין אַמע־ריקע],אַ יאָלד ברענגט אַ פּיעסע אין יידישן טעאַטער, ווו נעמט מען אַ פּיעסע אויף פּסח?, מוז דער יידישער טעאַטער אונטערגיין?, פון ציין־וויטיק צו קונסט, באָריס טאָמאַשעווסקי צו די איבריקע סטאַרס, סודות פון יידישן טעאַטער, אויף טאַנצמאַנס טויט, פּרעזידענט רוזוועלט און דאָס קעצעלע, אַ ניט געהאַלטענער הספד, בן עמיס שיקזאַל. עס ווערן אויך פאַרעפנטלעכט דאָס פּראָגראַם און אייניקע לידער פון גאָלדפאַדנס לעצטע פּיעסע „בן עמי״, וואָס זיינען אויך געדרוקט מיט לאַטיינישע אותיות.

דאָס ביכל איז אילוסטרירט מיט די בילדער פון בעסי טאָמאַשעווסקי און אַברהם גאָלדפאַדן.

באָריס טאָמאַשעווסקי

מיין לעבענס־געשיכטע

ניו־יאָרק, 1937 [386 זייטן]

אין נאָוועמבער 1935 האָט באָריס טאָמאַשעווסקי, דער גרינדער פון יידי־שן טעאַטער אין אַמעריקע, וועלכער האָט נאָך פריער פון צייט צו צייט געדרוקט אַרטיקלען און זכרונות וועגן יידישן טעאַטער, אָנגעהויבן פאַר־עפנטלעכן אין „פאָרווערטס" זיין לעבנס־געשיכטע, צו וועלכער דער רעדאַק־טאָר אַב. קאַהאַן האָט אָנגעשריבן אַ הקדמה, וואָס איז אויך געדרוקט אין דעם בוך. קאַהאַן שטעלט זיך אָפּ דערויף, וואָס טאָמאַשעווסקי איז געווען צווישן די ערשטע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער אין אַמעריקע, איז געוואָרן דער ליבלינג פון טעאַטער־עולם און וואָס זיין געשיכטע איז אַ געשיכטע פון 43 יאָר יידיש טעאַטער אין אַמעריקע און אין אַ געוויסן זין פון יידישן ישוב אין ניו־יאָרק.

טאָמאַשעווסקי שילדערט אין 20 קאַפּיטלעך זיין היים, משפחה, די עמי־גראַציע קיין אַמעריקע, דאָס לעבן אין די אימיגראַנטן־יאָרן, דאָס אַנטשטיין פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, די ערשטע יאָרן פון דאָזיקן יידישן טעאַטער, די ערשטע פּיעסן־שרייבער, אַקטיאָרן און דאָס פּובליקום.

די לעבנס־געשיכטע, פון וועלכע נאָר דער ערשטער טייל איז אַריין אין דעם בוך (דאָס איבריקע איז געדרוקט אין „פאָרווערטס"), דערגייט ביז דער אויפפירונג פון „פיר הונדערט יאָר".

דאָס בוך האָט אַ ריי בילדער פון דער טאָמאַשעווסקי־פאַמיליע און פון יידישע טעאַטראַלן.

מײן לעבענס געשיכטע

דיא לײדען און פרײדען פון אַ אידישער סטאַר אַקטריסע

פון בעסי טהאָמאַשעווסקי

געשילדערט פון איהר אַלײן און איבערגעגעבען

פון א. טענענהאָלץ

אַרויסגעגעבען פון דיא װאַרהײט פּאָבלישינג קאָמפּאַני

ניו־יאָרק, 1916 [304 זײטן]

די לעבנס־געשיכטע איז פריער געדרוקט געוואָרן אין דער צייטונג „דיא וואַרהייט“, וועלכע האָט שפּעטער עס אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם.

בעסי טאָמאַשעווסקי, איינע פון די ערשטע שוישפּילערינס אין אַמעריקע, וווּ זי האָט געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָל אין דער צייט פון איר צוזאַמענלעבן מיט באָריס טאָמאַשעווסקי און אויך אַ קורצע צייט דערנאָך, דערציילט אויף אַן אינטערעסאַנטן אופן וועגן איר אָפּשטאַם, איר צוקומען צום טעאַטער, די ראָלן וואָס זי האָט געשפּילט, דעם כאַראַקטער, וואָס דאָס יידישע טעאַטער האָט געהאַט אין משך פון איר אַקטואַציע. זי שילדערט געוויסע שוישפּילער און פּיעסן־מחברים און גיט אויך רמזים וועגן איר פּערזענלעכן לעבן. הגם געוויסע פאַקטן און פּאַסירונגען זיינען געשילדערט זייער סוביעקטיוו, איז עס אָבער בכלל אַ וויכטיקער דאָקומענט וועגן די ערשטע יאָרן פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

זיגמונט טורקאָוו

שמועסן וועגן טעאַטער

(געשיכטלעכער איבערבליק, געדאַנקען און דערפאַרונגען)

פאַרלאַג „אונדזער בוך", בוענאָס איירעס, 1950 [212 זייטן]

דאָס איז אַ קאָמפּליצירטע קורצע געשיכטע פון אַלגעמיינעם און יידישן טעאַטער (בלויז ביזן אַנטשטיין פון גאָלדפאַדן־טעאַטער).

ווי דער מחבר גיט אָן, איז דאָס בוך אַ רעזולטאַט פון אַ ציקל לעקציעס, וואָס ער האָט געהאַלטן אין 1948 ביי דעם דראַמאַטישן קרייז פון דער שלום־עליכם ביבליאָטעק אין ריאָ דע זשאַניירא, בראַזיל.

עס גיט בקיצור איבער דאָס אַנטשטייך פון דער טעאַטער־קונסט, קורצע ביאָגראַפיעס פון די גריכישע דראַמאַטורגן עסקילאָס, סאָפאָקלעס, עאורי־פידעס, אַריסטאָפאַנעס, מיט ציטאַטן פון זייערע דראַמאַטישע שאַפונגען, שטעלן פון תנ״ך, וואָס האָבן אין זיך דראַמאַטישע פאַבולעס, דער פאַרבאָט פון טעאַטער ביי יידן, יום־טובים און טעאַטער ביי יידן, די קאָמעדיאַ דעל אַרטע, פורים־שפילן, בראָדערזינגער (מיט ציטאַטן פון דעם רעפּערטואַר), די יידן־דראַמאַטורגן משה לוצאַטאָ און אַנטאָניאָ זשאָזע דע סילוואַ, השכלה און חסידיזם (די דראַמאַטורגן דר. שלמה עטינגער, אַברהם־בער גאָטלאָבער) און אַברהם גאָלדפאַדן.

דער מחבר ברענגט אויך טיילן פון זיין פּיעסע „אַברהם גאָלדפאַדן" און פאַרצייכנט פאַרשיידענע פאַקטן וועגן זיינע מאָדערניזירטע אויפפירונגען פון גאָלדפאַדן־פּיעסן.

דאָס בוך איז זייער רייך אילוסטרירט מיט די בילדער פון וועלט און יידישע דראַמאַטורגן, יידישע וועלט־קינסטלער און שוישפּילער און דעם מחבר אין פאַרשיידענע ראָלן.

זיגמונט טורקאָוו

פראַגמענטן פון מיין לעבן

זכרונות אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע. ביכער־סעריע דאָס פוילישע יידנטום, באַנד 57. רעדאַקטאָר — מאַרק טורקאָוו. פאַרלאַגס־לייטער: אַברהם מיטלבערג, בוענאָס איירעס 1951 [297 זייטן]

דאָס איז דער ערשטער באַנד פון דעם שוישפּילערס זכרונות, וואָס נעמט אַרום זיין גאָר פריע יוגנט, די משפּחה, און זיין צוקומען צום טעאַטער. דער באַנד איז דורך אים געשריבן געוואָרן אין דער פאָרם פון זכרונות נאָך זיין אויפהאַלטן זיך די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין בראַזיל און נאָכן צוריקקומען אין איראָפּע אין 1949, ווען ער באַזוכט ווידער פּוילן, ער בלייבט ניט דאָרט און פאָרט קיין ישראל.

אין זיין הקדמה שרייבט ער:

„איך האָב פאַרשטאַנען אַז **אונדזער** לעבן האָט זיך געענדיקט דעם 1טן סעפּטעמבער 1939. געענדיקט — אויף מער זיך נישט אומצוקערן. דאָס, וואָס ס'קומט איצט פאַר אינם יידישן לעבן אין פּוילן, איז נישט קיין המשך פונם אַמאָליקן, נאָר אַן אָנהייב פון אַ ניי — אַ גאַנץ אַנדער לעבן, ווי מיר האָבן דאָס געהאַט פאַר דער מלחמה. ...אַלץ ניי און אַלץ אַנדערש. פון דעם אַלטן פאַרבליבן בלויז איניקע בית עלמינס און אָפּגעראַטעוועטע ביכער אויף די פּאָליצעס פון די ניי־געגרינדעטע ביבליאָטעקן. ...איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער „אַמאָל" אין וועלכן איך האָב צוזאַמען מיט די אומגעקומענע מיליאָנען געלעבט און זיך אויסגעלעבט, איז פאַרשוווּנדן אויף מער זיך נישט אומצוקערן. ווייל אויך מדינת ישראל בויט זיך אויף נייע יסודות, מיט אַ נייעם לעבנס־שטייגער, מיט אַ נייער מענטאַליטעט, וואָס איז אַזוי אַנדערש פון דעם איבערגעריסענעם „אַמאָל". איז ביי מיר רייף געוואָרן דער געדאַנק צו פאַרצייכענען די לעצטע פאַר צענדליק יאָר פון דעם „אַמאָל". ...יעדעס קאַפּיטל דערינערונגען איז מאַטעריאַל פאַר די צוקונפטיקע דורות. פון די דאָזיקע קאַפּיטלעך וועלן זיי זיך שאַפן אַ באַגריף פון דעם רומפולן און אַזוי־טרויעריק־פאַרשניטענעם „אַמאָל".

זיגמונט טורקאָוו

טעאַטער זכרונות פון אַ שטורמישער צייט

אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין

אַרגענטינע, בוענאָס איירעס, 1956 [362 זייטן]

ביכער־סעריע דאָס פּוילישע יידנטום, באַנד 121.

דער באַנד, וועלכער איז דער צווייטער פון מחברס זכרונות, הייבט זיך אָן ביים סוף פון דער צאַרישער הערשאַפט איבער פּוילן, נעמט אַריין דעם מחברס אָנהייב טעאַטראַלע טעטיקייט, זיין ווייטערדיקע אַנטוויקלונג: „דאָס אַרטיסטישע ווינקעלע״, דער אַריינטריט אין פּראָפעסיאָנאַלן יידישן טעאַטער, די טורנעען מיט אסתר־רחל קאַמינסקאַ, די ערשטע וועלט־מלחמה, די טור־נעען איבער רוסלאַנד און דאָס צוריקקומען אין פּוילן.

זיגמונט טורקאָוו

די איבערגעריסענע תקופה

פראַגמענטן פון מיין לעבן

אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, ביכער־סעריע דאָס פוילישע יידנטום, באַנד 156

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו, פאַרלאַגס־לייטער: אַברהם מיטלבערג

בוענאָס איירעס, 1961 [468 זייטן]

דאָס איז דער דריטער באַנד פון דעם שוישפּילערס זכרונות. ער הייבט אָן פון זיין צוריקקומען פון רוסלאַנד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אין 33 קאַפּיטלעך גייט ער דורך זיין גאַנצע פאַרבנרייכע אַקטיוויטעט אין פוילן און זיינע טורנעען איבער דער וועלט. דערביי גיט ער קלאָרע און על פּי רוב אָביעקטיווע כאַראַקטעריסטיקעס פון די שוישפּילער און טעאַטראַלן מיט וועלכע ס׳איז אים אויסגעקומען צו אַרבעטן ביז זיין פאַרענדיקן דאָס שפּילן יידיש טעאַטער אין וואַרשע שוין אין אָנהייב פון נאַצישן אָנגריף.

אין דער הקדמה צום בוך זאָגט די רעדאַקציע:

„די וויכטיקייט פון דעם ווערק באַשטייט דערין, וואָס זיגמונט טורקאָוו גיט אונדז אַן אַלזייטיק בילד פון די גרויסע שטרעבונגען אין דעם יידישן קולטור־לעבן סיי אין פוילן, סיי אויך אין די לענדער, וואָס ער האָט באַזוכט אין אייראָפּע און אַמעריקע, די סביבה, די מענטשן און די אַלגעמיינע געשעענישן, וואָס וועלן זיכער דינען אַלס ווערטפולער און אויטענטישער מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור און גרויסן באַזונדערן ... אונדזער הייגטיקער דור וועט דאָ געפינען אַ סך פון די עפּיזאָדן וואָס ער האָט אַליין איבערגעלעבט און מיטגעמאַכט. פאַר די נייע דורות וועלן זיגמונט טורקאָווס זכרונות זיין אַ ווערטפולער בייטראַג צו דער געשיכטע פון אַ שטורמישער, אָבער אַזוי שעפערישער, פאַרגאַנגענהייט".

דאָס בוך איז אילוסטרירט מיט איינציקע בילדער און צייכענונגען פון זיגמונט טורקאָוו אין זיינע וויכטיקסטע ראָלן.

יאָנאַס טורקאָוו

ווענוויַיזער פאַר דראַמאַטישע קרייַזן

וואַרשע, 1924 [24 זייטן]

די בראָשור האָט 12 קאַפּיטלעך, וואָס באַהאַנדלען: אַ פּאָר ווערטער צום קריזיס, די אויפגאַבן פון די דראַמאַטישע קרייַזן, די אַרבעט, דער ראַט, טעכנישע קאָמיסיע, רעפּערטואַר־קאָמיסיע, רעזשי, טעכנישע בינע־לייטער, פּראָבן, ראָלן־אויפפּאַסונג און באַאַרבעטונג, דיקציע, פאָרשטעלונג.

[זע אויך י. ליובאָמירסקיס בוך „וויאַזוי צוגרייטן אַ ספּעקטאַקל", חבל בוזגאַנס „האַנטבוך פאַר אַקטיאָרן" און „דראַמקרייז" פון ל. רובינשטיין].

יאָנאַס טורקאָוו

פאַרלאָשענע שטערן

אַרויסגעגעבן פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע. באַנד איינס, [324 זייטן], באַנד צוויי [308 זייטן] בוענאָס איירעס, 1953. ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", באַנד 95, באַנד 96.

ביאָגראַפישע אָפּהאַנדלונגען וועגן איבער הונדערט יידישע בינע און עסטראַדע־קינסטלער, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס.

דער גרעסטער טייל פון די אָפּהאַנדלונגען איז געשריבן אויפן יסוד פון פּערזענלעכע איינדרוקן און אינפאָרמאַציעס. און ס׳ווערן אָנגעגעבן פאַקטן פון זייער מאַרטירערטום און די ליידן אין די געטאָס.

דער מחבר, וועלכער האָט געשפּילט מיטן גרעסטן טייל פון די אומגעבראַכטע, כאַראַקטעריזירט אויך זייער שפּילן און זייער ראָל אין יידישן טעאַטער.

די ביכער האָבן אויך אַן אַפּאָלאָגעטישע הקדמה און די בילדער פון די קינסטלער.

יצחק טורקאָוו-גרודבערג

ייִדיש טעאַטער אין פּוילן

פאַרלאַג „ייִדיש בוך", וואַרשע, 1951 [200 זייטן]

נאָך אַן אַריינפיר ווערט אין 19 קאַפּיטלעך געגעבן די געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער אין פּוילן פון דער פאַר-גאָלדפאַדן-תקופה ביז דאָס אַנטשטיין פון דאַרטיקן ייִדישן מלוכה-טעאַטער.

דאָס בוך האָט פאָלגנדיקע קאַפּיטלעך: די פאַר-גאָלדפאַדן-תקופה, „ייִדיש-דייטש"-טעאַטער, גאָרדין, פּרץ, קאַמינסקאַ, דאָס ייִדישע טעאַטער אין פּוילן בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה, די „ווילנער טרופּע", צענטראַל-טעאַטער, „וויקט", פּרוּוון און פאַרמעסטן, אַ טעאַטער-מאָזאַאיק, די פּאָליטיש-געזעל-שאַפטלעכע לאַגע, פעריפעריע און סאָציאַלע באַזע, אונטער דער שוץ פון דער ראַטן-רעגירונג, אין די יאָרן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, אין באַ-פרייטן פּוילן, דאָס לאָדזשער ייִדישע טעאַטער, די פאַרמלוכהשונג פון ייִדישן טעאַטער אין פּוילן, די ערשטע אויפפירונג פון מלוכה-טעאַטער, אויפן וועג צו דער פאַראייניקונג, דער גרויסער פאַרמעסט, דאָס יאָר 1951.

יצחק טורקאָוו-גרודבערג

וואַרשעווער פּורים־שפּילער

(היסטאָרישער ראָמאַן)

פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע. [316 זייטן]

אויף אַ היסטאָרישן הינטערגרונט, מיט פאַקטישע פערזאָנען פון אַמאָליקן וואַרשע, שילדערט דער מחבר די פּורים־שפּילער מיט איזאַק שערצשפּילער בראש, דעם קאַמף, וואָס זיי גייען דורך מיט די קהל־פאַרשטייער און דער אַרומיקער סביבה, ביז ער דערפירט צו די פאַרשטעלונגען פון יידיש טעאַטער.

יצחק טורקאָוו-גרודבערג

די מאַמע אסתר-רחל

פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1953 [287 זייטן]

דאָס בוך, געשריבן אין אַ בעלעטריסטישער, פיקטיווער פאָרם, גיט איבער די לעבנס-געשיכטע פון דער פאַרשטאָרבענער קינסטלערין אסתר-רחל קאַמינסקאַ. ווי אַ מיטגליד פון דער משפחה דערציילט דער מחבר אַ סך פרטים פון איר לעבן און איר אַקטוירונג אויף דער יידישער בינע, אָבער גאָר אַ סך פון דעם געשילדערטן האָט ניט קיין פאַקטישן יסוד, נאָר איז אויספאַנטאַזירט דורכן מחבר כדי צוצוגעבן פאַרב און קאָלאָריט צו זיין שילדערונג.

דאָס איז דער ערשטער פרווו, אין בוך-פאָרם, פון אַ ביאָגראַפיע פון אסתר-רחל קאַמינסקאַ.

אסתר-רחלס אויטאָביאָגראַפיע, געדרוקט אין דער צייטונג „מאָמענט", איז קיינמאָל ניט אַרויס אין בוך-פאָרם.

[דער ערשטער פרווו פון אַ דאָקומענטירטער מאָנאָגראַפיע וועגן אסתר-רחל איז געמאַכט געוואָרן אין זלמן זילבערצווייגס „די וועלט פון אסתר-רחל קאַמינסקאַ".]

יצחק טורקאָוו-גרודבערג

סאָוויעטישע דראַמאַטורגיע

פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1955 [274 זייטן]

נאָך אַ גרעסערן אַריינפיר אין וועלכן דער מחבר באַגרינדעט דעם כאַראַקטער פון דער סאָוויעטישער דראַמאַטורגיע, גיט ער אויספירלעכע איבערזיכטן און טיילוויזע אַנאַליזן איבער די דראַמאַטישע ווערק פון די רוסישע דראַמאַטורגן מאַקסים גאָרקי, וולאַדימיר מאַיקאָווסקי, קאָנסטאַנטין טרעניעוו, באָריס לאַווורעניעוו, וו. ביילל־ביעלאָצערקאָווסקי, כאַמזאַ, שאַלווא דאַדיאַני, איוואַן קאָטשערגאַ, ווסיעוואָלאָד ווישניעווסקי, אַלעקסאַנדער אַפינאָגענאָוו, באָריס ראָמאַשאָוו, לעאָניד לעאָנאָוו, ניקאָלאַי פּאָגאָדין, אַלעקסאַנדער קאָרנייטשוק, וויקטאָר גוסיעוו, קאָנדראַט קראַפּיוואַ, סאַמעד וורגון, קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו, אויגוסט יאַקאָבסאָן און אַנאַטאָלי סאָפראָנאָוו.

אַ טייל פון זייערע פּיעסן זיינען אויך געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע.

דאָס בוך נעמט אויך אַריין די יידיש־סאָוויעטישע דראַמאַטורגן פּרץ מאַרקיש און אהרן קושניראָוו.

יצחק טורקאָו-גרודבערג

אויף מיין וועג

(שרייבער און קינסטלער)

דערמאָנונגען און אָפּשאַצונגען

הילע געצייכנט דורך מאַרק האַלטער

אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענ־
טינע. ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", באַנד 173.
בוענאָס איירעס, 1964 [343 זייטן]

דאָס בוך נעמט אַריין 31 עסייען, כמעט אַלע וועגן שוישפּילער און טעאַטראַלן, צווישן זיי וועגן אסתר־רחל קאַמינסקאַ, דוד הערמאַן, רודאָלף זאַסלאַווסקי, דניאל שאַפּיראַ, אַלתר קאַציזנע, בער האָראָוויץ, מרדכי געבירטיג, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, משה קולבאַק, לידיאַ פּאָטאָצקאַ, אייזיק סאַמבערג, אַלעקסאַנדער גראַנאַך, יהודה גרינהויז, בנימין זוסקין, יצחק לאָטאָוויטש, וו. גאָדיק, יעקב מאַנסדאָרף, משה ליפּמאַן, משה בראָדערזאָן, ישראל שומאַכער, דיאַנאַ בלומענפעלד, מיכל קליין, חנן לעווענשטיין, הערש האָרט און אברהם מאָרעווסקי און די מאָלער האַרצקע גאָלדשלאַק, פריץ קליינמאַן און חיים האַנפט.

כמעט אַלע עסייען זיינען פריער געדרוקט געוואָרן אין דער פּעריאָדישער יידישער פּרעסע און זיינען אַ סינטעז פון זכרונות וועגן די באַטרעפנדע און אָפּשאַצונגען וועגן זייער טעטיקייט.

יצחק טורקאָוו-גרודבערג

געווען אַ יידיש טעאַטער

(דאָס יידישע טעאַטער אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות)

תל אביב, 1968 [51 זייטן]

דער מחבר אונטערשטרייכט, אַז דאָס איז אַ סעפּעראַט־אָפּדרוק פונם „יאָר־בוך ב׳ פון דער וועלט־פעדעראַציע פון פּוילישע יידן", וואָס איז דערשינען אין תל־אביב אונטער דער רעדאַקציע פון דר. אריה טאַרטאַקאָווער, און הגם ער האָט שוין אויף דער טעמע אַ גרעסערע אַרבעט („יידיש טעאַטער אין פּוילן", וואַרשע, 1951), אָבער היות ווי די אויפלאַגע פון זיין בוך איז אויס־פאַרקויפט, ווערן דאָ געוויסע זאַכן איבערגעחזרט אין אַ געפּרעסטן קיצור.

יצחק טורקאָוו-גרודבערג

פנימער און מאַסקעס

דערציילונגען און סקיצן

אַרויסגעגעבן דורך דעם צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע.

בועניאָס איירעס 1960

דאָס בוך האַלט 179 זייטן און איז איינגעטיילט אין 14 קאַפּיטלעך, אָבער נאָר די ערשטע 4 קאַפּיטלעך האָבן צו טאָן מיט טעאַטער און טעאַטראַלן.

דאָס ערשטע קאַפּיטל „קנוילן רויך" איז געווידמעט די קדושים, דעם אַקטיאָר אייזיק סאמבערג און דעם היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער דר. יצחק שיפּער.

דאָס צווייטע קאַפּיטל „שעקספּיר" איז געווידמעט דעם אָנדענק פון אַקטיאָר שמואל לאנדוי.

דאָס דריטע קאַפּיטל „דאַבאַש פון די קאַנאַלן" איז געווידמעט דעם אַקטיאָר מאַנדעלבליט און דעם דיכטער-דראַמאַטורג יעקב שודריך.

דאָס פערטע קאַפּיטל „שאָטנס אויפן שניי" איז געווידמעט די ברידער שוישפּילער אַלעקס שטיין און יוסף קאַמיען.

יצחק טורקאָוו־גרודבערג

גאָלדפאַדען און גאָרדין

(עסייען און ביאָגראַפיעס)

תל־אביב, 1969 [200 זייטן]

דער מחבר האַלט, אַז גאָלדפאַדן איז געווען דער גורם פון באַגין פון יידישן טעאַטער, דער גרונטלייגער, און גאָרדין — דער מענטש פון ווקס, דער רעפאָרמאַטאָר.

ער וויזט אָן, וויביידע, גאַנץ פאַרשיידן לויט זייער כאַראַקטער, אָפּשטאַם, דערציונג, בילדונג און לעבנס־קוק, זיינען צופעליק צוגעקומען צום יידישן טעאַטער, וואָס זיי האָבן אָבער אויסגעטראָגן. ביידע זיינען געווען געבוירענע טעאַטראַלן, מייסטערס פון סצענישן פאַך. ביידע זיינען געווען דערציער, און דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין זייער טעאַטער־טעטיקייט.

גאָלדפאַדן איז געווען דער צעאַקערער פון דער טעאַטראַלער רוי־ערד ביי יידן און גאָרדין איז געווען דער באַאַרבעטער און פאַרבעסערער פון אַ גוט־צעאַקערטן טעאַטער־באָדן.

דער מחבר אַנאַליזירט זייער קנאַפּ זייערע טעאַטראַלע ווערק, נאָר גיט זיך מער אָפּ מיט זייער ביאָגראַפיע און מיט מאַכן אַ סומירונג פון זייער דראַמאַטישער טעטיקייט.

צום סוף פון בוך קומען אויך אַריין צוויי זייטיקע אַרטיקלען: „יידישע טעאַטער־צרות“, וואָס גיט איבער גאָר בקיצור די שטערונגען, וואָס יידיש טעאַטער האָט תמיד געהאַט, און אַן איבערדרוק פון אַן אַרטיקל וועגן שרייבערס מחותן, דעם פאַרשטאָרבענעם שוישפּילער יהודה גרינהויז.

בריוו פון אסתר־רחל קאַמינסקי

מיט דערקלערונגען און אַריינפיר פון מאַרק טורקאָוו

1927. ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין [158 זייטן]

דער מחבר האָפט, אַז די איצטיקע זאַמלונג פון אסתר־רחלס בריוו איז אַן אָנהייב פון אַ ריי זאַמלונגען, וואָס דאַרפן אָפּשפּיגלען דאָס רייכע, פיל־פאַרביקע לעבן פון דער גרויסער קינסטלערין. ער מאַכט ניט קיין סוד, אַז די דאַזיקע בריוו־זאַמלונג איז ווייט ניט קיין פולקומע. דאָס בוך נעמט נאָר אַריין אַ קליינעם טייל פון די בריוו, וועלכע זי האָט געשריבן אין פּריוואַטע, פאַמיליע אָדער קינסטלערישע אָנגעלעגנהייטן צו אירע קרובים, פריינד און חברים.

אַ חוץ אייניקע קליינע אויסנאַמען נעמען די בריוו אַרום דריי פּעריאָדן אין לעבן פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ: אירע נסיעות קיין אַמעריקע פון וועלכע עס זיינען פאַרבליבן נאָר פּאָסט־קאַרטלעך (בעת די בריוו זיינען פאַרפאַלן געוואָרן), איר טורנעע איבער רוסלאַנד (1919־1920) און אירע לעצטע צוויי לעבנס־יאָרן אין פּוילן. קיין ענדערונגען זיינען אין די בריוו ניט געמאַכט געוואָרן, איבערלאָזנדיק דעם סטיל און די פאָרם. ס׳איז בלויז געגעבן געוואָרן אַן איינהייטלעכע אָרטאָגראַפיע און געוויסע פּונקטאַציעס זיינען אַריינגעפירט געוואָרן.

ס׳זיינען אויך אָנגעגעבן געוואָרן געוויסע דערקלערונגען און צוגעגעבן געוואָרן געוויסע פעלנדיקע דאַטעס. די שטעלן אין די בריוו, וואָס רירן אָן מענטשן, וועלכע לעבן, און די שטעלן האָבן ניט קיין באַזונדערן באַטייט פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דער קינסטלערין, זיינען אויסגעלאָזט געוואָרן.

אין בוך זיינען געדרוקט 73 בריוו: צום מאַן, אַברהם־יצחק, צו די קינדער רעגינאַ, אידאַ און יוסף, פאַמיליע, זיגמונט און יאָנאַס טורקאָוו און צו די שרייבער פּאַולאַ און נח פּרילוצקי, יעקב דינעזאָן און מענדל עלקין.

אברהם טייטלבוים

ראַשעל

(עליזאַבעט פעליקס)

אַ קאַפּיטל פון אַן אויספירלעכער ביאָגראַפיע

[אָפּדרוק פון פערטל־יאָר־שריפט „באָדן", ניו יאָרק, באַנד 2, נומער 2, 1935 און „באָדן" 1936 זייטן 52-37]

דער שוישפּילער אַברהם טייטלבוים האָט דער ערשטער, אַ פּנים, צו־געגרייט אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון דער יידיש־פראַנצויזישער קינסט־לערין ראַשעל, אָבער האָט נאָר באַוויזן אָפּצודרוקן צוויי קאַפּיטלעך. עס איז ניט באַקאַנט צי ער האָט די אַרבעט פאַרגעזעצט און וואָס עס איז געוואָרן פון דעם כתב־יד אויב אַזעלכער איז געווען.

[וועגן ראַשעל איז דאָ אויך אין יידיש אַ פאַרענדיקטע גרעסערע מאָנאָ־גראַפיע פון אב. קאַהאַן (זע ז. 163) און פון יחזקאל קארנהענדלער (זע זייט 167)].

אברהם טייטלבוים

טעאַטראַליאַ

פאַרלאַג „יאַטשקאָווסקיס ביבליאָטעק"

וואַרשע — ניו־יאָרק, 1929 [274 זייטן]

דאָס בוך עפנט זיך מיט אַ הקדמה פון דר. יעקב שאַצקי, וואָס שטרייכט אונטער, אַז טייטלבוים איז ניט נאָר אַ שוישפּילער, וואָס האָט ליב טעאַטער, נאָר ער איז פאַרליבט אין טעאַטער. דאָרט לערנט ער זיך, פאַרטיפט זיך, געפינט זיך. ווי אַ מענטש מיט אַ ברייט טעאַטער־וויסן, שעפּט ער אַלעמאָל זיינע טעאַטער־ידיעות פון ערשטן, ריכטיקן מקור. אין די אַרטיקלען, וועלכע גייען אַריין אין דעם בוך, אַנטפּלעקט ער זיך ווי אַ מענטש מיט אַ ברייטן, קריטישן פאַרנעם, אָן מליצה, נאָר ער באַמיט זיך יעדן ענין אַנאַליזירן, דער־קלערן גרינטלעך, קלאָר און מאָטיווירט.

דר. שאַצקי ווייזט אָן אויף די מעלות פון די אין בוך־אַריינגענומענע אַרטיקלען, און דריקט אויס זיין מיינונג, אַז אויך דער פאָרשער פון דעם נייעם יידישן טעאַטער וועט זיך ניט קאָנען באַגיין אָן דעם בוך, וואָס אַנט־האַלט רייך טעאַטראַלאָגישן מאַטעריאַל וועגן די גרויסע מייסטער פון דער יידישער בינע, וואָס זיינען ביז איצט אין ערגעץ ניט פאַרפיקסירט.

טייטלבוים נעמט אַריין אין ערשטן טייל פון בוך כאַראַקטעריסטיקעס, עסייען און אָפּשאַצונגען וועגן אסתר־רחל קאַמינסקאַ, יעקב אַדלער און דוד קעסלער, סעם אַדלער, ש. אַנסקי און יידישע שוישפּילער, טעאַטראַלישקייט ביי גאָלפאַדענען, נאַטוראַליזם אויף דער יידישער בינע, די קאָלעגיום־רעזשי אין „אונזער טעאַטער", „בראָנקס עקספּרעס" אין שילדקרויטס טעאַטער, ברוך אַראָנסאָן אַלס טעאַטער־דעקאָראַטאָר.

דער צווייטער טייל, געווידמעט דעם אַלגעמיינעם טעאַטער, אַנטהאַלט: דאָס ראָמאַנטישע טעאַטער, די זאַלצבורגער פעסטשפּילן, מאַקס ריינהאַרדט, י. ב. וואַכטאַנגאָווס טעאַטער וועג, איינפלוסן אין טעאַטער, דער אויפבלי פון דער אַמעריקאַנער בינע, טעאַטער אָדער דעקאָראַציע, טעאַטראַלישקייט אין טעאַטער, קאָנסטרוקטיוויזם אין טעאַטער, אַ שפּאַציר דורך דער טעאַטער־געשיכטע פון אייראָפּע און נאַטוראַליזם און קאָנווענציאָנאַליזם אין טעאַטער.

לויט דער ביבליאָגראַפיע צום סוף בוך איז קענטיק, אַז בעת דער ער־שטער, רייך יידישער טייל, איז אָריגינעל דעם מחברס, איז דער צווייטער טייל אָדער איבערזעצט אָדער קאָמפּילירט פון די אַנגעוויזענע ביכער.

אברהם טייטלבוים

וויליאַם שעקספּיר

איקוף פאַרלאַג [ניו יאָרק, 1946, 320 זייטן]

די איינציקע מאָנאָגראַפיע אין יידיש וועגן „באַרד פון עוואָן", דעם ענגלישן וועלט־גאון וויליאַם שעקספּיר.

לויט דעם לענגערן זוך־צעטל און די ביבליאָגראַפיע, וואָס טייטלבוים האָט באַאַרבעט פאַר דער מאָנאָגראַפיע, איז קענטיק, אַז ער האָט אין דעם ווערק אַריינגעטאָן אַ מאַסע פאָרש־אַרבעט און דערנאָך סיסטעמאַטיש אויפגעבויט די ביאָגראַפיע פון שעקספּירן און זיינע ווערק, די דראַמעס ווי די פּאָעמעס.

אַ טייל פון דער מאָנאָגראַפיע איז אויך געשטיצט אויף פּערזענלעכע איינדרוקן פון טייטלבוימען בעת זיינע באַזוכן אין שעקספּירס געבוירנפּלאַץ, סטראַטפאָרד, איבער פאַרשיידענע ביבליאָטעקן און מוזעאומס.

דער מחבר אין זיין פאָרוואָרט שטעלט זיך אויך אָפּ אויף די פאַרשיידענע איבערזעצונגען פון שעקספּירס ווערק אין יידיש [אַן אויספירלעכע אַרבעט וועגן דעם האָט געמאַכט זלמן זילבערצוויַיג אין זיין לענגערע עסיי „שעקספּיר אויף יידיש און אויף דער יידישער בינע" אין „איקוף־אַלמאַנאַך", 1967, ז"ז 327־346] און די פאַרשיידענע ספּאָראַדישע אַרבעטן וועגן שעקספּירן אויף יידיש.

דאָס בוך האָט אויך אייניקע פּאַסיקע אילוסטראַציעס, בילדער פון שעקספּירן און די יידישע שוישפּילער יעקב פּ. אַדלער, מאָריס שוואַרץ, מ. מיכאַעלס און רודאָלף שילדקרויט אין שעקספּיר־ראָלן.

[זע אויך הערמאַלינס „שעקספּירס אויסגעוועהלטע ווערק" און „שיילאָק און שעקספּיר" פון אברהם מאָרעווסקי].

דוד בער טירקעל

די יונגטלעכע בינע

געשיכטע פון די אידיש־העברעאישע דראמאטישע געזעלשאפטן.

אַרויסגעגעבן פון דעם קולטור־קאָמיטעט פון דער "היברו ליטעראַטור סאסייעטי" פילאַדעלפיאַ, 1940, [204 זייטן]

דער מחבר גיט איבער, אַז צוליב דעם רוף פון "ייווא" צו זאַמלען מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, האָט ער אָנגעהויבן אַזאַ זאַמלונג און אָנגעקליבן אַ באַטייטנדן אַרכיוו פון אַלטע יידישע און העברעישע צייטונגען און זשורנאַלן, טעאַטער־פּראָגראַמען, פּיעסן, בילדער, אד"ג. די פירער פון אַמעריקאַנער אָפּטייל פון "ייווא" האָבן אים געעצהט, אויפן גרונט פון זיינע מאַטעריאַלן, אָנצושרייבן אַן אַרבעט וועגן יידישן טעאַטער אין פילאַדעלפיע.

אין 8 קאַפּיטלען ווערן איבערגעגעבן פאַקטן און עפּיזאָדן וועגן די פאַרשיידענע ליבהאָבער־גרופּן, וואָס האָבן געשפּילט אין רוסיש, יידיש און העברעיש אין פילאַדעלפיע, וועגן פּראָפעסיאָנעלע יידישע טרופּעס און "הבימה", די אָנהייב־קאַריערע פון מאָריס שוואַרץ.

דאָס בוך איז רייך אילוסטרירט מיט בילדער און פאָטאָסטאַטן, פון אַפישן און פּראָגראַמען, ווי אויך אויטאָגראַפן פון אַברהם גאָלדפאַדן און יעקב גאָרדין.

צום סוף פון בוך ווערן אויך איבערגעדרוקט 24 פּראָטאָקאָלן פון דער "י. ל. פּרץ ליטעראַריש דראַמאַטישער געזעלשאַפט" פון 9 יולי ביזן 17 דעצעמבער 1915.

טעאַטער אַלמאַנאַך

לאָנדאָן 1943 — 1939 [לאָנדאָן 1943, 63 זייטן]

מאַרק מאַרקאָוו, דער צוזאַמענשטעלער אָדער רעדאַקטאָר פון אַלמאַנאַך שרייבט, אַז די כונה פון דעם אַלמאַנאַך איז ניט „צו שאַפן אַ בוך פון קריטיק, לויב אָדער קאָמפּלימענטן ...די סיבות ... דאָס גאַנצע מאַטעריאַל צו זאַמלען און צונויפטראָגן איז געווען צו שאַפן אַ „מאָנומענט" פאַר דער טעאַטער־אַרבעט בשעתן „בליץ" (די לופט־אַנגריפן פון די דייטשן קעגן לאָנדאָן)".

דער אַלמאַנאַך עפנט זיך מיט אַ באַריכט, פאַקטן און ציפערן פון 4 יאָר טעאַטער־טעטיקייט אין מלחמה־צייט, אַ קורצע געשיכטע פון חרוב־געוואָרענעם „פּאַוויליאָן"־טעאַטער, אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער פון א. נ. שטענצל, י. פּאָמעראַנץ, ספּעקטאַטאָר, ש. י. דאָרפזאָן, א. מייזעלס, אַלעגאַריער, לואי שאַפּיראָ, אָפּהאַנדלונגען וועגן מאַרק מאַרקאָוו און עטאַ טאָפּעל, און ביאָגראַפיעס פון מאָריס מייער, מאיר צעלניקער, מיני שערמאַן, יוסף מאַרקאָוויטש, מייטע סעגאַל, בעקי גאָלדשטיין, וואָלף זילבערבערג, יוסף שערמאַן, נייטען אייזיקאָוויטש, קלאַראַ מייזעלס, מאָריס אַקסעלראָד, א. מייזעלס, מאַריע גאָלדשטיין, חנה צעלניקער, דוד סעגאַל, אייזיק שערמאַן, פּאָול גאָלדשטיין, קייטי בראָון, יודל גאָלדבערג, פערדינאַנד שטויב, גוסטאַוו זשאַרעצקי און אַ שילדערונג „נאָכן בליץ" אין גרענד פּאַלעי.

טעאַטער־בוך

זאַמלונג

צום פופציקיאָריקן יובילײ פונם אידישן טעאַטער (1926 — 1876)

קאָאָפּעראַטיװער פאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיעװ, 1927 [183 זײטן]

דאָס זאַמלבוך באַשטײט פון צװײ טײלן.

דער ערשטער, דער געשיכטלעכער, האָט 2 אַרטיקלען, פון נ. שטיף און נ. אױסלענדער צו דער פאַרגעשיכטע פון יידישן טעאַטער, י. דאָברושין, י. נוסינאָװ און א. גורשטײן װעגן גאָלדפאַדענען און אַרטיקלען פון רומיניק און י. ליובאָמירסקי, װאָס שילדערן די לאַגע פון יידישן טעאַטער אין צאַרישן רוסלאַנד.

דער צװײטער טײל באַשטײט פון דרײ אַרטיקלען, װאָס כאַראַקטעריזירן די קינסטלערישע דערגרײכונגען און דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון יידישן טעאַטער אין סאָװיעטן־פאַרבאַנד, פאַרקערפּערט אין די דרײ יידישע מלוכה־טעאַטערס (מאָסקװע, כאַרקאָװ און מינסק), אַן אַרטיקל פון ליובאָמירסקי װעגן יידישע דראַמקרײזן און אַרטיקלען פון משה נאַדיר און פּרץ מאַרקיש װעגן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע און פּױלן, װי אױך אַ רעצענזיע פון נ. שטיף אױפן אַמעריקאַנער גאָלדפאַדען־בוך.

אליהו טענענהאָלץ׳ס יובל־בוך

לכּבוד פופציק יאָר פון זיין צוטראָג צום אידישן טעאַטער.

אַרויסגעגעבן אין לאָס אַנדזשעלעס פון אליהו טענענהאָלץ יובל־קאָמיטעט. אסתר הירשביין, ערן־פּאָרזיצעריןְ, יוסף שפּיגעלמאַן, פּאָרזיצער.

רעדאַקציע: **זלמן זילבערצווייג, הערי לאַנג, א. באַביטש.**

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ׳ 1955 [228 זייטן]

דאָס בוך, זייער רייך אילוסטרירט מיט די בילדער פון קאָמיטעט, דעם בעל־יובל פּערזענלעך און אין ראָלן, אַנטהאַלט, אויסער באַגריסונגען, די ביאָגראַפיע פון בעל יובל, געשריבן פון זלמן זילבערצווייג, אָפּהאַנדלונגען, עפּיזאָדן און כאַראַקטעריסטיקעס וועגן יובילאַר פון שלום פּערלמוטער, יואל ענטין, הערי לאַנג, יודל דובינסקי, בעסי טאָמאַשעווסקי, מאָריס שוואַרץ, אסתר הירשביין, ה. לייוויק, צילי אַדלער, א. לוצקי, שרה דזשאַקלין, חיים עהרענרייך, י. ל. מאַלאַמוט, י. פרידלאַנד, א. באַביטש, מרדכי מייזעל, מאַקס באַנד א״אַ.

עס ברענגט אויך טענענהאָלצס איבערזעצונג פון דער קאָמעדיע „די זון פאַרגייט״ פון גוסטאַוו האַיד, אַ ריי זיינע טעאַטער־מעשהלעך און איניקע פעליעטאָנען.

הערמאַן יאַבלאָקאָוו

אַרום דער וועלט מיט אידיש טעאַטער

אויטאָביאָגראַפישע איבערלעבונגען און טעאַטער־דערציילונגען

אין לויף פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, אידישע און וועלטלעכע געשעענישן.

ערשטער באַנד, ניו יאָרק, 1968 [692 זייטן]

צווייטער באַנד, ניו יאָרק, 1969 [726 זייטן]

דאָס איז דער גרעסטער בוך זכרונות פון אַ יידישן טעאַטראַל ניט נאָר אין כמות, נאָר טיילוויי אויך אין איכות.

הערמאַן יאַבלאָקאָוו (חיים יאבלאניק), אַ געבוירענער אין גראָדנע, האָט נאָך יונגלוויז אָנגעהויבן ווי אַ משורר, שפּעטער געוואָרן אַ „ליבהאָבער", און דערנאָך אַ פּראָפעסיאָנעלער יידישער אַקטיאָר, רעזשיסער און טעאַטער־דירעקטאָר, מחבר פון פּיעסן און שרייבער פון לידער, וואָס זיינען געוואָרן וועלט־באַרימט. ער איז כמעט אַרומגעפאָרן די גאַנצע יידישע וועלט און גע־שפּילט יידיש טעאַטער, און אין די צוויי בענדער באַשרייבט ער סיי זיינע אַקטיוויטעטן אויף דער יידישער בינע אין די אַלע קאַפּיטאַלן, ווי אויך די טעאַטראַלע פּערזענלעכקייטן מיט וועלכע ער איז געקומען אין קאָנטאַקט. גאַנץ באַזונדערט שטעלט ער זיך אָפּ אין צווייטן באַנד וועגן דער יידישער טעאַטער־פּראָווינץ אין אַמעריקע.

דער מחבר שענקט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט זיין געבוירנשטאָט גראָדנע, וועלכער ער באַשרייבט מיט אַ וואַרעמער סענטימענטאַליטעט סיי פון זיינע יונגע יאָרן, סיי שפּעטער, ווען עס געלינגט אים אַהינצוקומען אויף קבר אבות נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס בוך צייכנט זיך אויס מיט דערמאָנען אַן אַ שעור נעמען פון פּערזאָנען אויף פאַרשיידענע געביטן מיט וועלכע דער מחבר איז געקומען אין פאַרבינדונג.

הערמאַן יאַבלאָקאָוו איז אויך געווען דער ערשטער יידישער שוישפּילער, וואָס איז געקומען מיטן יידישן וואָרט צו דער שארית הפליטה אין די קעמפּס, וואָס ווערט זייער אינטערעסאַנט און אָביעקטיוו באַשריבן אין דעם בוך.

בועז יאַנג

מיין לעבן אין טעאַטער

איקוף פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1950 [411 זייטן]

דאָס ווערק האָט זיך פריער געדרוקט אין „טאָג" און ניט אַלץ איז אַריין אין דעם בוך, וואָס איז רעדאַקטירט געוואָרן דורך יעקב מעסטל און איז איינגעטיילט אין דריי טייל.

דער מחבר באַמערקט אין זיין הקדמה, אַז עס קאָן זיין, אַז פאַר געוויסע עפּיזאָדן וועלן זיינע קאָלעגן־אַקטיאָרן האָבן אויף אים פאַראיבל, אָבער זיי זיינען אַזוי אָביעקטיוו ווי ער האָט געשריבן וועגן זיך אַליין, וואָס דאָס לעצטע שטימט ווי אַן אויסנאַם לגבי די זכרונות פון אַנדערע יידישע טעאַטראַלן.

דער ערשטער טייל נעמט אַרום דעם מחברס אָפּשטאַם, זיין צוקומען צום יידישן טעאַטער און די ערשטע יאָרן פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

דער צווייטער טייל שילדערט זיין אויפשטייג אַלס אַקטיאָר און טעאַטער־אונטערנעמער. דאָ קומען אַריין באָריס טאָמאַשעווסקי, אַברהם גאָלדפאַדן, יעקב גאָרדין, זיגמונט מאָגולעסקאָ, אסתר־רחל קאַמינסקאַ, דוד קעסלער, מאָריס שוואַרץ, דעם מחברס פרוי קלאַראַ יאַנג, אַ באַזוך אין אייראָפּע, יעקב דינעזאָן, י. ל. פרץ, יצחק קאַצענעלסאָן, שלום־עליכם, יואל לינעצקי, מענדעלע מוכר ספרים, דער גלח ראַספּוטין.

דער דריטער טייל שפּיגלט אָפּ די עפּאָכע נאָך דער אָקטיאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, דאָס שיידן זיך מיט קלאַראַ יאַנג, טעאַטער אין סאָוויעט־רוס־לאַנד, דער סאָוויעטישער בילדונגס־מיניסטער לונאַטשאַרסקי, רודאָלף שילד־קרויט און דעם מחברס לעצטע פאַרבינדונגען מיטן יידישן טעאַטער. דאָס בוך ענדיקט זיך מיט אַ טרויעריק קאַפּיטל וועגן טויט פון מחברס איינציקע טאָכ־טער, לוסי.

МОСКОВСКОЕ ТЕАТРАЛЬНОЕ ИЗДАТЕЛЬСТВО
1927

[קלאַראַ יאַנג

מלוכהשער קונסט־פאַרלאַג

מאָסקווע, 1938, 116 זייטן]

די בראָשור אַנטהאַלט אין רוסיש אַרטיקלען וועגן קלאַראַ יאַנג פון א. וו. לונאַטשאַרסקי (געוועזענער בילדונגס־מיניסטער אין ראַטנפאַרבאַנד), ב. ד. וואָלקאָוו, ס. א. מאַרגאָלין און מ. ב. זאַגאָרסקי.

אין דער הקדמה ווערט אָנגעוויזן אויף דער וויכטיקער ראָל וואָס דאָס יידישע טעאַטער האָט געשפּילט אין מאָדערנעם יידישן לעבן און אַז אין משך פון די 50 יאָר פון זיין עקזיסטענץ, האָט קלאַראַ יאַנג אין אים פאַרנומען איינע פון די וויכטיקסטע פּאָזיציעס.

ווייטער ווערט אין דער הקדמה געזאָגט:

„די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער סאָוויעטישער מאַכט, וועלכער גיט יעדן פאָלק די פולשטענדיקע פרייהייט צו אַנטוויקלען איר קולטור, באַציט זיך צו דער קולטור פון יידישן פאָלק מיט פולער אויפמערקזאַמקייט. דאָס יידישע טעאַטער ווי איינע פון די אויסדרוקן פון דער פאָלקס־קולטור, שטיצט אויך אונטער די קולטורעלע איינריכטונגען פון דער סאָוויעטישער מאַכט. און אויב אונטער דעם צאַרישן רעזשים האָט דאָס יידישע טעאַטער געליטן נגישות מצד דער מאַכט און פאַרבאָטן צו שפּילן, קאָן זיך דאָס יידישע טעאַטער אונטער דער סאָוויעטישער מאַכט אַנטוויקלען פאַרויס.

... קלאַראַ יאַנג איז ניט נאָר אַן אַקטריסע פון יידישן טעאַטער. זי איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע שוישפּילערין, און דערפאַר קומען צו אירע פאָרשטעלונגען הונדערטער מענטשן פון ניט־יידישער נאַציאָנאַליטעט, וואָס פאַרשטייען אַפילו ניט קיין וואָרט פון דער שפּראַך אויף וועלכע די שוישפּילערין שפּילט".

די בראָשור איז זייער רייך אילוסטרירט מיט בילדער פון דער שוישפּילערין און אין אירע באַרימטסטע ראָלן.

יידישער טעאַטער אין אייראָפּע

(מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער)

פּוילן

רעדאַקציע־קאָלעגיע: איציק מאַנגער, יאָנאַס טורקאָוו, משה פּערענסאָן

אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס

ניו־יאָרק, 1968 [516 זייטן]

אין דער הקדמה ווערט געזאָגט:

„דאָס דאָזיקע בוך איז נישט קיין געשיכטע פון יידישן טעאַטער. אונדזער זאַמלונג מאָנאָגראַפיעס איז אָבער אַ וויכטיקער צושטייער פאַר דעם היסטאָ־ריקער פון דער יידישער טעאַטער־קונסט צווישןביידע וועלט־מלחמות. אינם דאָזיקן זאַמלבוך באַטייליקן זיך 15 מחברים — וועלכע האָבן לרוב אַליין מיטגעמאַכט אַט דעם אויפבויערישן פּעריאָד — זיי זיינען אַקטיאָרן, רעזשי־סערן, טעאַטער־טוער, מיט איין וואָרט בינע־קינסטלער, זיי האָבן אַליין מיט מי און מאַטער געלייגט ציגל צו אונדזער טעאַטער־בנין. זייערע אַרבעטן שטעלן מיט זיך פאַר נישט בלויז זכרונות. זיי פאַרמאָגן אַ שלל מיט ווערט־פולע אינפאָרמאַציע, וואָס וועט באַרייכערן די געשיכטע פונם יידישן טעאַטער. ... דער איצטיקער באַנד איז געווידמעט בלויז פּוילן, וואָס האָט פאַרנומען אַ צענטראַלן אָרט אין דער אַנטוויקלונג פון יידישן טעאַטער אין מזרח־אייראָפּע.״

אין בוך, נאָכן אַריינפיר־וואָרט פון איציק מאַנגער, וואָס איז געטיילט אין עטלעכע אָביעקטן, באַטייליקן זיך וועגן דער „ווילנער טרופּע״ — א. אַזראָ און יעקב וויסליץ, וועגן וואַרשע — מרדכי שינאַר, יצחק טורקאָוו־גרודבערג, יוסף גליקסאָן און מ. גודעלמאַן, אויף דער פּוילישער פּראָווינץ — שעפּטל זאַק, וועגן ווילנע, לאָדזש, קראָקע און לעמבערג — לייזער ראַן, וואָלף ברעסלער, רחל האָלצער און שלמה פּריזאַמענט, וועגן נישט־פּראָפעסיאָנעלע טעאַטערס — משה פּערענסאָן, וועגן יידישן אַרטיסטן־פאַריין אין פּוילן — מ. וו. בערנשטיין און יאָנאַס טורקאָוו וועגן טעאַטער און קאָנצערטן אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

THE JEWISH THEATRE
A Collector's Limited Edition, Volume 3
The University Women of the University of Judaism
(L. A.) 1969 - 1970

[יידיש טעאַטער

אַ באַגרענעצטע אויסגאַבע

דריטער טייל

די אוניווערזיטעט־פרויען ביי דער אוניווערזיטעט פאַר יידישקייט
לאָס אַנדזשעלעס, 1969־70, 78 זייטן, זשורנאַל־פאָרמאַט]

די אוניווערזיטעט־פרויען ביי דער אוניווערזיטעט פאַר יידישקייט אין לאָס אַנדזשעלעס אָרדנען איין יערלעכע קבלת פּנימער לכבוד פּערזענלעכקייטן אין יידישן קולטור־לעבן און ווידמען זיי ביי דער געלעגנהייט ספּעציעלע אויסגאַבעס. אין 1969 האָט די דאָזיקע גרופּע אָרגאַניזירט אַזאַ קבלת־פּנים פאַר דער יידישער שוישפּילערין אידאַ קאַמינסקאַ. אין שייכות מיט דעם קבלת־פּנים איז אַרויס אין ענגליש דאָס בוך געווידמעט דעם יידישן טעאַטער.

דאָס בוך העקטאָגראַפירט אויף אַ שרייב־מאַשין, טיילווייז געדרוקט און אויסערגעוויינלעך רייך אילוסטרירט מיט קאָלירפולע פאָטאָגראַפיעס, קאַריקאַטורן, בילדער פון יידישן טעאַטער און צייכענונגען פון יעקב עפּשטיין, שאול ראַבינאַ, הערי ליבערמאַן, פּאול פרימאַן, שוירלי ליכטמאַן, עריק רעי און רעי סאַקס, איז צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַקטירט פון עריק רעי, קונסט־דירעקטאָר פון דער אוניוועריזטעט.

דאָס בוך עפנט זיך מיט 4 הקדמות פון דעיוו ל. ליבער, פּרעזידענט פון דער אוניווערזיטעט, ליבי מורעז, פּרעזידענט פון דער פרויען דיוויזיע, דעם היסטאָריקער לו שוב און דעם רעדאַקטאָר עריק רעי. עס אַנטהאַלט אַ קורצע איבערזיכט וועגן יידישן טעאַטער פון מרים ראָכלין, רעדעס ביי דעם קבלת־פּנים פון דר. מאַקס וואָרשפאַן, אַן איבערזעצונג פון אידאַ קאַמינסקאַס געהאַלטענער רעדע אין יידיש, „די גאָלדענע יאָרן פון יידישן טעאַטער" פון באָריס טאָמאַשעווסקיס זין הערי טאָמאַשעווסקי און טעדי טאָמאַס, אַ ספּעציעלער אָפּטייל געווידמעט דעם 75־יאָריקן געבוירנטאָג פון זלמן זילבערצוויג מיט זיינעם אַן אילוסטרירטן אַרטיקל וועגן די סטאַרס אין אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער אין דער דראַמע, מעלאָדראַמע, אָפּערעטע און מוזיקאַלישע קאָמעדיע, בילדער און עטלעכע ווערטער וועגן בענאַ שניידער און בנימין צמח און דאָס הבימה־טעאַטער, פאָטער און זון שילדקרויט, ווי אויך די בילדער פון די טביהס אין דער אויפפירונג פון „די פידלער אַן די רוף" אין פאַרשיידענע שפּראַכן.

ABRAHAM GOLDFADEN

Sein Leben und Wirken

von ADOLF HEINRICH LANDAU

Wien 1908, 16 pp.

אדאָלף היינריך לאַנדוי

[אברהם גאָלדפאַדן

זיין לעבן און ווירקן

ווין 1908, 16 זייטן]

דאָס איז אַ סעפּעראַטער אָפּדרוק פון דער צייטשריפט „די וואַרהייט", אויפן שער־בלאַט איז אָנגעגעבן, אַז די ריינע הכנסה פון דער בראָשור איז באַשטימט פאַרן „קינדער־שוץ" פון דער טאָהנבי־האַלע און פאַרן בית יתומים און פאָלקס־קיך אין ירושלים.

דאָס איז אַ הספד אויף אַברהם גאָלדפאַדן, וואָס אַדאָלף היינריך לאַנדוי האָט געהאַלטן אויף דייטש דעם 1 מערץ 1908 אין דער יידישער טאָינבי־האַלע אין ווין.

דער הספר איז אין אַ געהויבענעם טאָן און מיט פולער אָנערקענונג צו גאָלפאַדענען. אין דעם הספד גיט ער אַן אויספירלעכע לעבנס־באַשרייבונג פון נפטר, שילדערט זיין עפּאָכע און ווייזט אָן ווי אַזוי גאָלדפאַדן איז געקומען אויפן געדאַנק צו גרינדן דאָס יידישע טעאַטער, שטעלט זיך אָפּ אויף זיינע טעאַטער־שאַפונגען און גיט איבער דעם אינהאַלט פון אייניקע זיינע ווערק. דער עיקר באַטאָנט ער גאָלדפאַדנס נאַציאָנאַלע מאָטיוון און ווייזט אָן אויף זיין גרויסן באַטייט אַלס קינסטלער און דיכטער.

דער בעל מספּיד באַצייכנט גאָלדפאַדענען פאַר אַ גרויסן דיכטער און מוזיקאַלישן גאון און אַז גאָלדפאַדנס נאָמען וועט אויף אייביק פאַרשריבן ווערן אין האַרצן פון יידישן פאָלק.

דאָס איז פאַקטיש די ערשטע גאָלדפאַדן־ביאָגראַפיע, און די בראָשור איז אַ יקר המציאות און האָט זיך געפונען אין רשות פון דר. יעקב שאַצקי, וועלכער האָט זיין ביבליאָטעק געלאָזט פאַר דער ביבליאָטעק ביי דער העברעישער אוניווערזיטעט אין ירושלים. די וויכטיקסטע טיילן פון דער בראָשור זיינען באַשריבן אין מרדכי קאָסאָווערס אַרטיקל אין „הונדערט יאָר גאָלדפאַדן" (ניו־יאָרק, 1940).

30־יאָריקער יובילײ פון שמואל לאַנדוי

אַרױסגעגעבן פון יובל־קאָמיטעט און געזעלש. פרײנד פון יידישן טעאַטער. ווילנע, מערץ 1933 [16 זייטן]

די בראָשור עפנט זיך מיטן בילד פון יובילאַר און ביאָגראַפישע דאַטעס וועגן אים. אַרטיקלען וועגן בעל־יובל פון זשאַק לעווי, אהרן מארק, עפּיזאָדן פון יובילאַרס לעבן, דערציילט פון אים, און אַן איבערדרוק פון אַן אַרטיקל וועגן יובילאַר פון „פאָרווערטס"־קאָרעספּאָנדענט ג. קופּער (י. י. זינגער), באַריכטן פון יובילײ־קאָמיטעט, די ווילנער פּרעסע, דער אַדרעס פון יובל־קאָמיטעט און טעאַטער־געזעלשאַפט און די פייערלעכע זיצונג אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

די יובילײ־בראָשור ברענגט אויך איניקע בילדער פון יובילאַר אין ראָלן.

י. ליובאָמירסקי

דער רעוואָלוציאָנערע טעאַטער

מיט אַ פאָרוואָרט פון א. גראַנאָווסקי, רעזשיסער פון מאָסקווער איד. טעאַטער.

פאַרלאַג „שול און בוך“, מאָסקווע, 1926 [56 זייטן]

דאָס בוך באַהאַנדלט טעאָרעטיש דאָס נייע טעאַטער אין ראַטנפאַרבאַנד.

אין זיין פאָרוואָרט ווייזט אָן א. גראַנאָווסקי, אַז „טעאַטער דאַרף מען שטודירן, און צוליב דעם איז נייטיק שאַפן ליטעראַטור וועגן טעאַטער. ... די אַרבעט פון ח׳ י. ליובאָמירסקי — דאָס איז דאָס ערשטע ביכל אין יידיש וועגן דעם מאָדערנעם ראַטן־טעאַטער. פאַרשטייט זיך, צו טיף און ברייט איז די טעמע, אַז מען זאָל זי קאָנען אַרומכאַפן אויף אַזאַ קליינע צאָל זייטלעך. דאָס איז דערווייל אַ סכעמע, אַ קורצער קאָנספעקט פון דער פראַגע, אָבער דאָס בוך וועט געבן און מוז געבן אַ שטויס אַ סך מענטשן ערנסט צו שטודירן טעאַטער־טעמעס“.

דאָס בוך אַנטהאַלט פאָלגנדיקע קאַפּיטלעך: דער רוסישער טעאַטער ערב אָקטיאַבר, אַן אָנהייב פון טעאַטראַלער מרידה (בונט), ניט נאָכשלעפן זיך נאָך גייך האַנט ביי האַנט, קאָנסטרוקטיוויזם, יאַגעניש נאָך פאָרם־פאַרשפיצט־קייט, ווידער אַ שפרונג צו הוילער אַגיטאַציע, אויספירן און די נאָנטסטע אויפגאַבע.

דאָס בוך איז רייך אילוסטרירט מיט בילדער פון טעאַטראַלן און טעאַטער־אויפפירונגען.

О. ЛЮБОМИРСКИЙ

МИХОЭЛС

ГОСУДАРСТВЕННОЕ ИЗДАТЕЛЬСТВО
»ИСКУССТВО«
МОСКВА 1938 ЛЕНИНГРАД

[א. [י.] ליובאָמירסקי

מיכאָעלס

[1927, 20 זייטן]

מאָסקווער טעאַטראַלער פאַרלאַג

דאָס בוך פון י. ליובאָמירסקי אין רוסיש נעמט אַרום די טעאַטראַלע טעטיקייט פון סאָוויעטיש־יידישן שוישפּילער שלמה מיכאָעלס (וואָפסי) ביז 1937. נאָך דער ביאָגראַפיע, וואָס ווערט געגעבן גאַנץ אויספירלעך, שטעלט זיך דער מחבר אָפּ ווי אַזוי מיכאָעלס איז צוגעקומען צום טעאַטער, באַשרייבט דאָס אַנטשטיין פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, שילדערט זיינע אויפפירונגען און די ראָלן וועלכע מיכאָעלעס האָט דאָרט קרעירט. אַלע 25 ראָלן וועלכע מיכאָעלס האָט געשאַפן, ווערן גענוי אַנאַליזירט. דער מחבר שטעלט זיך אָפּ אויף די 6 פּיעסן, וועלכע מיכאָעלס האָט רעזשיסירט און ברענגט אויך די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען פון מיכאָעלסן וועגן טעאַטער.

דאָס בוך ברענגט אויך בילדער פון מיכאָעלסן אין די וויכטיקסטע ראָלן.

[זע אויך פערעץ מאַרקישעס בוך „מיכאָעלס“ אין יידיש און „שלוימע מיכאָעלס“, זאַמלונג פון מיכאָעלסן וועגן טעאַטער און וועגן אים].

י. ליובאָמירסקי

קינעמעטאָגראַף

וווּנדער פון קינאָ און זייער דערקלערונג

צענטראַלער פעלקער־פאַרלאַג פון פססר.

[מאָסקווע], 1930, [128 זייטן]

מיט בילדער ווערט דערקלערט די גאַנצע קאָנסטרוקציע ווי אַזוי פילמען ווערן אויפגעבויט און ווי אַזוי זיי אַרבעטן.

דאָס בוך אַנטהאַלט אַרבעטן וועגן די פילם־רעזשיסערן און זייערע גע־הילפן.

דאָס איז דאָס ערשטע און איינציקע בוך אין יידיש אויף דעם געביט. צום סוף פון בוך ברענגט דער מחבר אַ רשימה פון רוסישע ביכער וועגן קינעמעטאָגראַף אויף וועלכע ער האָט, העכסטוואַרשיינלעך, געבויט זיין אַרבעט.

י. ליובאָמירסקי

מעלוכישער יידישער טעאַטער אין אוקראַינע

„ליטעראַטור און קונסט", כאַרקאָוו, 1931 [180 זייטן]

דעם 22 סעפּטעמבער 1925 האָט דער ראַטפאָלקאָם פון דער אוקראַיני־שער ראַטנרעפּובליק אַרויסגעגעבן אַ באַפעל וועגן עפענען דאָס ערשטע יידי־שע מלוכה־טעאַטער אין אוקראַינע. דאָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט דער דעמאָלטיקער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד. דאָס בוך ברענגט די געשיכטע פון דאָזיקן טעאַטער און זיינע אויפפירונגען אין משך פון די ערשטע 5 יאָר פון זיין עקזיסטענץ.

אין סך־הכל וועגן דער דאָזיקער טעטיקייט, קומט דער מחבר צום אויס־פיר, אַז „דער כאַרקאָווער מלוכהשער יידישער טעאַטער האָט פאַר די לעצ־טע פאַר יאָר געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, שטרעבנדיק אויסצו־וואָרצלען די אידעאָלאָגישע צעפלאָסנקייט, וואָס איז געווען פאַר אים כאַ־ראַקטעריסטיש אַ שטיק צייט פון זיין עקזיסטענץ ... די סיבה איז איצט אין אונדזער ראַטן־דראַמאַטורגיע, וועלכע גייט זייער שווער צו קינד.

אין פּראָצעס פון זוכן אַ סטיל, אַ פאָרם, האָט דער כאַרקאָווער מלוכהשער יידישער טעאַטער — אַ דאַנק אַ ריי אָביעקטיווע און סוביעקטיווע סיבות — אַ לאַנגע צייט געבלאָנדזשעט, אָנשטאָט זיך אָריענטירן אויף אַ געווויסן איינ־הייטלעכן סטיל, האָט דער כאַרקאָווער טעאַטער פּיבערהאַפט זיך געוואָרפן צו פאַרשיידענע טעאַטראַלע זשאַנרן ... דער כאַרקאָווער טעאַטער האָט פון סאַמע אָנהייב פון זיין גרינדונג, געשטרעבט צו באַשטעטיקן זיין נאַציאָנאַלע פאָרם ... דאָך האָט דער כאַרקאָווער טעאַטער קיין נאַציאָנאַלע פאָרם, וואָס זאָל לגבי דעם מאָסקווער מלוכהשן טעאַטער זיין שטאַרק אייגנאַרטיק און אָריגינעל, ניט געקאָנט געפינען.

... דער כאַרקאָווער טעאַטער פאַרמאָגט אַ באַטייטנדיקע גרופּע באַגאַבטע און הויך־קוואַליפיצירטע אַקטיאָרן מיט וועלכע ער קאָן מיט רעכט שטאָלצירן און וועלכע האָבן זיך באַזונדערס גלענצנדיק באַוויזן אין זשאַנר פון מוזיקאַ־לישע קאָמעדיע".

דער מחבר אַנאַליזירט אייניקע פאָרשטעלונגען, די פּיעסן און דאָס שפּילן.

דאָס בוך ברענגט אויך אַ קיצור אין ענגליש און אַ גרויסע צאָל סצענעס פון די געשפּילטע פּיעסן און יחידישע בילדער פון דעם אַנסאַמבל.

י. ליובאָמירסקי

טעאַטער־רעקאָנסטרוקציע

פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1933 [190 זייטן]

דאָס בוך אַנטהאַלט די קאַפּיטלען: דער אַלטער און נייער אַקטיאָר, טעאַטראַלער קאָנסטרוקטיוויזם, דער ראַטן־טעאַטער אויפן שיידונג, אונדזער טעאַטער־פּלאַנטער, רעכטס און לינקס אין ראַטן־טעאַטער, די נייע ראַטן־דראַמאַטורגיע, אויף די וועגן צו אַ פּראָלעטאַרישן טעאַטער, טעאַטער פון אַרבעטער־יוגנט („טראַם"), אַ בינטל טעאַטראַלע ווידערשפּרוכן, די אינדוסטריאַליזאַציע פונם טעאַטער, דער יידישער טעאַטער אין רעקאָנסטרוקטיוון פּעריאָד, פרישע שטראָמען אין ראַטן־טעאַטער, וואָס פעלט אונדזער דראַמאַטורגיע, די ערשטע קונסט־אָלימפּיאַדע אין ראַטנפאַרבאַנד, דער זעלבסטעטיקער טעאַטער אין קאַמף פאַר נייע מעטאָדן.

י. ליובאָמירסקי

פאַר דער זעלבסטטעטיקער בינע

וויאזוי צוגרייטן אַ ספּעקטאַקל

(האַנטבוך פאַר דראַמקרייזן)

פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע 1937, [136 זייטן]

נאָך אַן אַריינפיר ברענגט דער מחבר די קאַפּיטלעך: אַ פּיעסע אין דראַמקרייז, די טעכניק פון אַקטיאָר, די אַרבעט פון רעזשימייסטער, דעקלאַמאַציע, די גענעראַל־רעפּעטיציע, אָרגאַניזאַציע און געזעלשאַפטלעכקייט.

צום סוף גיט דער מחבר אַ ביילאַגע מיט פּראַקטישע אָנווענדונגען. [זע אויך יאָנאַס טורקאָווס „וועגווייזער פאַר דראַמאַטישע קרייזן", „דראַמקרייזן" פון ל. רובינשטיין און „האַנטבוך פאַר אַקטיאָרן" פון חבל בוזגאַן].

מ. ליטוואקאָוו

פינף יאָר מלוכישער אידישער קאמער־טעאַטער

(1924 — 1919)

פאַרלאַג „שול און בוך", מאָסקווע 1924 [142 זייטן]

הילע געצייכנט פון נאַטאַן אַלטמאַן

דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט 5 עסייען וועגן טעאַטער בכלל, באַהאַנדלנ־דיק: טעאַטער און רעוואָלוציע, טעאַטער און קאָמעדיאַנטן פון רעוואָלוציאָ־נערע פרייד, טעאַטער פון אָרגאַניזירטן פאַרשטאַנד, דער טעאַטער און די יידישע מאַסן־קולטור און אין ריטם פון אַקטיאַבר.

דער צווייטער טייל נעמט אַריין רעצענזיעס אויף די פאַרשטעלונגען: „שלום־עליכם־אָוונט", „פאַרטאָג" פון א. ווייטער, „גאָט פון נקמה" פון שלום אַש, „אוריאל אַקאָסטאַ" פון קאַרל גוצקאָוו (2 אַרטיקלען) „כשופמאַ־כערין" פון אַברהם גאָלדפאַדן (2 אַרטיקלען), „דאָס גרויסע געווינס" פון שלום־עליכם, „דער גט" פון שלום־עליכם, דריי קליינקונסט־פאַרשטעלונגען „קליינקונסט", „קאָמעדיאַנטן־קאַרנאַוואַל" און „דריי פינטעלעך ייִד".

דאָס בוך שליסט זיך מיט צוויי אַרטיקלען, וואָס שילדערן טורנעען פון דעם טעאַטער און אַ סך־הכל פון דער פינף יאָריקער טעטיקייט.

די אַרטיקלען זיינען פריער געווען געדרוקט אין דער סאָוויעטיש־יידי־שער פעריאָדיקע.

דאָס בוך איז אילוסטרירט מיט אַ בילד פון גאַנצן קאָלעקטיוון און ביל־דער פון די רעצענזירטע אויפגעפירטע פיעסן.

THE YIDDISH THEATRE IN AMERICA

DAVID S. LIFSON

New York, Thomas Yoseloff, London,

(1963, 659 pp.)

[דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע

פון דוד ס. ליפסאָן

ניו יאָרק, טאָמאַס יאָסעלאָף, ניו יאָרק־לאָנדאָן

ניו יאָרק 1963 659 זייטן]

דאָס איז דאָס ערשטע גרויסע ווערק אין ענגליש וועגן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. עס איז געשריבן געוואָרן ווי אַ דיסערטאַציע צו באַקומען אַ דאָקטאָר־טיטל, און איז געדרוקט געוואָרן שוין אין אַ געקירצטער פאָרם.

דער מחבר גופא האָט, קענטיק, אַליין זייער קנאַפּ שטודירט די ריכטיקע מקורותדיקע מאַטעריאַלן פאַר דעם בוך, נאָר זיך מער פאַרלאָזט אויף אים געגעבענע אינפאָרמאַציעס, און זייענדיק ניט צו היימיש מיטן לעבעדיקן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, וועלכן ער באַהאַנדלט, איז דאָס בוך אָנגעפּראָפּט מיט טעותים, פאַלשע נעמען און דאַטעס, און דינט ממילא, ווי אַלס געשיכטע־בוך, ניט זיין צוועק.

עס אַנטהאַלט, אויסער דעם מחברס הקדמה, 14 קאַפּיטלען: דער היסטאָרישער הינטערגרונט און אָפּשטאַם פון יידישן טעאַטער, שרייבער און פּיעסן, די יידישע אַקטיאָרן, דער יידישער טעאַטער־באַזוכער, דראַמאַטישע און ליטעראַרישע קלובן, די פאָלקסבינע, דער איבערגאַנג צו 1918, קונסט און דאָס יידישע טעאַטער, מאָריס שוואַרץ און דאָס יידישע קונסט טעאַטער, יעקב בן־עמי און דאָס יידישע קונסט־טעאַטער, אַרטעף, אַנדערע יידישע קונסט־טעאַטערס, די דעקאָראַטיווע קונסט אין יידישן קונסט־טעאַטער, דער באַרג־אַראָפּ פון יידישן טעאַטער. דערצו זיינען נאָך צוגעגעבן אַ רשימה פון די אויפפירונגען אין קונסט־טעאַטער, די אויפפירונגען אין ארטעף און די אויפפירונגען פון דער פאָלקסבינע (1915־1940), באַמערקונגען און ביבליאָגראַפיע.

דאָס בוך איז זייער רייך אילוסטרירט.

TALES OF THE YIDDISH RIALTO

Reminiscences of playwrights and players in New York, Jewish Theatre in the early 1900's

(By) LOUIS LIPSKY

Thomas Yoseloff (New York 1962 (234 pp.)

[מעשׂות וועגן דער יידישער ריאַלטאָ

זכרונות וועגן דראַמאַטורגן און אַקטיאָרן אין ניו־יאָרקער יידישן טעאַטער אין די אָנהייב 1990־ער יאָרן

[פֿון] לואיס ליפּסקי

טאָמאַס יאָסעלאָף
ניו יאָרק, לאָנדאָן, טאָראָנטאָ
ניו יאָרק 1962, 234 זייטן]

ריאַלטאָ ווערט גערופֿן די טעאַטער־געגנט אין ניו־יאָרק. דער מחבר, אַ באַרימטער ציון־פֿירער אין אַמעריקע, האָט אין 1926 אַרויסגעגעבן זיין בוך „אַ גאַלערעע פֿון ציוניסטישע פּראָפֿילן", און אין 1927 דריי בענד געזאַמלטע ווערק, וואָס נעמען אַריין: 30 יאָר אַמעריקאַנער ציוניזם, מעשׂות פֿון יידישן לעבן און פּיעסן.

דער מחבר האָט יאָרן־לאַנג געשריבן קריטיק וועגן אַמעריקאַנער טעאַטער און אויך, פֿון צייט צו צייט, אין יידיש, וועגן יידישן טעאַטער, אין דער יידישער פּרעסע.

דאָס בוך אין ענגליש, איז נישט קיין זכרונות אין בוכשטאַבלעכן זין, וואָס פֿאַרפּיקסירט געשעענישן, כאַראַקטעריזירט דאָס שפּילן פֿון די אַקטיאָרן אָדער אַנאַליזירט די ווערק פֿון די דראַמאַטורגן. עס איז פּאַקטיש אַ בעלעטריסטיש בוך, וואָס באַנוצט אַלס העלדן באַקאַנטע טעאַטראַלע פּערזענלעכקייטן, ווי: יעקב פּ. אַדלער, בערטאַ קאַליש, קעני ליפּצין, דוד קעסלער, סערא אַדלער, זיגמונט מאָגולעסקאָ, יעקב גאָרדין, מאָריס מאָשקאָוויטש, גוסטאַוו שאַכט און אַנדערע. זיי ווערן אַ טעמע פֿאַר פֿאַקטן, וועלכע האָבן פּאַסירט און נאָך מער פֿאַר רכילות, שטאַרק גרימירט און איבערגעטריבן, וואָס מען האָט אַרומגעטראָגן הינטער די קוליסן. דער מחבר מישט עס צונויף אַריבערטראָגנדיק די מעשׂות פֿון איין העלד אויפֿן אַנדערן.

הגם עס פֿילט זיך צווישן די שורות אַ בענקשאַפֿט צום יידישן טעאַטער און זיינע העלדן, איז אָבער דער עצם אינהאַלט פֿון אַזאַ כאַראַקטער, וואָס ברענגט נישט אַרויס די מעלות, נאָר די חסרונות, און דערצו אין איבערגעטריבענע פֿאָרמען, פֿון די העלדן, וואָס הגם זייערע נעמען זיינען פֿיקטיווע, קאָן מען זיי אָבער לייכט דערקענען.

דער לעבעדיגער

די פּערטע וואַנד [211 זייטן]

שפּיל און לעבן [206 זייטן]

פאַרלאַג „אחיספר", וואַרשע, 1928

דער לעבעדיקער (חיים גוטמאַן) איז געווען אַ הומאָריסטישער שריפט־שטעלער, און זיך געדרוקט פריער אין „דער קיבעצער" און „דער קונדס", שפּעטער אין „דיא וואַרהייט", „טאָג" און לסוף אין „מאָרגען זשורנאַל". ער האָט דאָרט פאַרעפנטלעכט הונדערטער הומאָריסטישע פעליעטאָנען, רעצענ־זיעס און קריטיקס וועגן יידישער ליטעראַטור און טעאַטער.

אין 1928 איז אין וואַרשעווער פאַרלאַג „אחיספר" דערשינען אַ טייל פון זיינע געזאַמלטע ווערק אין 8 בענד.

די אויבנדערמאָנטע צוויי בענד אַנטהאַלטן בלויז זיינע הומאָריסטישע און ערנסטע אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער, אָבער דאָס איז נאָר אַ גאָר קליינער טייל פון זיינע אַרבעטן וועגן יידישן טעאַטער.

דוד לעדערמאַן

פון יענער זייט פאָרהאַנג

ארויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

ביכער־סעריע דאָס פוילישע יידנטום, באַנד 152.

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו, פאַרלאַגס־לייטער: אברהם מיטלבערג

בועניאָס איירעס, 1960, [385 זייטן]

דער מחבר איז איינער פון די אָנגעזעענסטע אַקטיאָרן אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן סיי אין דער דראַמע, אָפּערע און אין קליינקונסט. אַלס מיט־גליד אין דער „יידישע באַנדע" איז ער געפאָרן אויף גאַסטשפּילן אין אַמע־ריקע און האָט זיך דעם 9טן אויגוסט 1939 צוריקגעקערט קיין פוילן און איז אָנגעקומען אין וואַרשע אויף דער סאַמע שוועל פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין זיין בוך באַשרייבט לעדערמאַן די נאַצישע פאַרכאַפּונג פון פוילן, דאָס אַנטלויפן קיין ביאַליסטאָק, דאָס דאָרטיקע לעבן, די אַרעסטן און תפיסות, יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג אין לאַגער, דאָס שפּיטאָל און די קראַנקע, די אַמנעסטיע פאַר פוילישע בירגער, דאָס פאַרשיקט ווערן קיין אשכאבאד, מארי און אין סאמארקאנד.

דער מחבר באַגעגנט זיך אויף די וועגן מיט יידישע קינסטלער און באַ־שרייבט זייער לעבן, זייערע געפילן און האַנדלונגען.

דוד מאַטים

די וועלט פון טשאַרלי טשאַפּלין

איקוף פאַרלאַג, ניו יאָרק 1959, [160 זייטן]

דאָס איז אין יידיש דאָס ערשטע און איינציקע בוך וועגן דאָזיקן וועלט־באַרימטן פילם־קינסטלער, בעת אין ענגליש זיינען וועגן אים פאַראַן צענד־ליקער ביכער, אייניקע ביכער אין רוסיש און אין אַנדערע שפּראַכן און אַזוי אויך אַ בוך אין העברעיש.

דאָס בוך אַנטהאַלט 9 קאַפּיטלעך. דאָס לעצטע קאַפּיטל גיט אַ רשימה אין אַ קורצן אינהאַלט פון 80 פילמען, וואָס טשאַפּלין האָט געשאַפן.

די קאַפּיטלעך גיבן איבער די ביאָגראַפיע פון טשאַפּלינען, זיינע דער־גרייכונגען אויפן פילם־געביט, טשאַפּלין וועגן יידישע פּראָבלעמען, באַציונ־גען מיט יידישע קינסטלער און אַ פאַרגלייך צווישן טשאַפּלין און שלום־עליכם.

דאָס בוך ברענגט אויך בילדער פון טשאַפּלין אין זיינע אינטערע־סאַנטסטע ראָלן.

יעקב מאַנסדאָרף און זיין דור

רעדאַקציע־קאָלעגיע: דר. מ. דוואָרזשעצקי, מ. צאַנין, ראובן רובינשטיין

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון דער קולטור־פעדעראַציע און הסתדרות עברית אין יאָהאַנעסבורג און פון דעם יעקב מאַנסדאָרף־פאָנד אין ראָדעזיע, ישראל, [264 זייטן]

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין צוויי טיילן.

דער ערשטער נעמט אַריין אַרטיקלען פון ר. רובינשטיין, מ. צאַנין, י. מ. ניימאַן, העניך קאָן, זלמן הירשפעלד, דר. מ. דוואָרזשעצקי, א. סוצקעווער, י. פּאַפּיערניקאָוו, מלך ראַוויטש, ב. פעדער, מענדל מאַן, כיל אַראָנסאָן, אברהם מאָרעווסקי, א. דאָרף, ישראל אַשענדאָרף, י. פּאָנער, האַננאַ קאָוואַ, א. ליס, מ. שור, דוד וואָלפע, ז. לייבאָוויטש, שמואל גאָץ, א. וואָלף־יאַסני, א. קאַר־פינאָוויטש (אין יידיש), און נתן גורן, משף, מ. בן־משה, און דר. י. שור (אין העברעיש), מיט אָפּשאַצונגען וועגן מאַנסדאָרף. (1955 — 1902).

דער צווייטער טייל, וואָס עפנט זיך מיט אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון מאַנסדאָרף, געשריבן פון זיין פרוי מרים, נעמט אַריין עטלעכע אַרבעטן פון מאַנסדאָרף אויף קולטור־ליטעראַרישע טעמעס, באַזונדערס וועגן יידישן טעאַטער.

דאָס בוך איז אויסערגעוויינלעך רייך אילוסטרירט מיט גרופּן־בילדער, אויפפירונגען און מאַנסדאָרף אין ראָלן.

DAS MOSKAUER
JÜDISCHE AKADEMISCHE THEATER

VERLAG / DIE SCHMIEDE / BERLIN

1 9 2 8

[דאָס מאָסקווער יידישע אַקאַדעמישע טעאַטער. פֿאַרלאַג
„די שמידע", בערלין, 1928]

דאָס דייטשע בוך, אַרויסגעגעבן אין דער צייט פֿון די גאַסטשפּילן פֿון
מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער אין דייטשלאַנד, אַנטהאַלט די אַרטיקלען:
ערנסט טאָלער — „אַ גרוס פֿון יידישן מלוכה־טעאַטער", יאָזעף ראָטה —
„דאָס מאָסקווער יידישע טעאַטער" און אַלפֿאָנז גאָלדשמידט — „דאָס יידישע
טעאַטער אין מאָסקווע", ווי אויך בילדער פֿון דעם יידישער מלוכה טעאַטערס־
אויפֿפֿירונגען פֿון שלום־עליכמס „200,000", י. ל. פּרצס „ביינאַכט אויפֿן אַלטן
מאַרק", זשול ראָמענס „טרואַדעק" און אברהם גאָלדפֿאַדנס „די כישוף־
מאַכערין".

אברהם מאָרעווסקי

שיילאָק און שעקספּיר

זיבן קאַפּיטלען שעקספּיראָלאָגיע

אַרויסגעגעבן פון דער געז' „פריינד פון יידישן טעאַטער"

לכבוד דעם 30 יאָריקן יובל פון אַברהם מאָרעווסקי

ווילנע, 1937 [95 זייטן]

דאָס בוך עפנט זיך מיט אַ „געצוואונגענע דערקלערונג" אין וועלכער דער מחבר שרייבט, אַז שוין 30 יאָר ווי ער קלייבט צו ברענגען צום אויסדרוק אָט די אָפּהאַנדלונג זיינע. נאָך אין 1906 האָט ער, אונטערן איינדרוק פון שילד־קרויטס שפּילן „שיילאק" אונער דער רעזשי פון מאקס ריינהאַרדט, גענומען שטודירן „שיילאק" און דערפילט אַ סתירה מיטן טעקסט און דערנאָך אָנגע־שריבן אויף רוסיש אַן אַרטיקל „די ראָלע פון „שיילאָק", אַ האַנטבוך פאַרן שוישפּילער". וואָס איז ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. ערשט ווען ס'איז אַרויס אין צפון אַמעריקע אַ פאַרבאָט צו שפּילן „שיילאָק" אַלס אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, האָט ער אין 1933 אין משך פון 7 טעג אָנגעשריבן די 7 קאַ־פּיטלען.

די 7 קאַפּיטלען וואָס טיטולירן זיך: פאָרורטיילן, גלעטגייציקייט, זיין אָדער ניט זיין, מעטאַמאָרפאָזן, פאָרציאַ, פאַרברעכן, לצנות און יושר, די געשטאַלט, פאָסטסקריפּטום, אין וועלכע עס ווערן אויך ציטירט געוויסע שטעלן פון „שיי־לאָק", באַצוועקן צו קאָנסטאַטירן, אַז עס איז אַ ליגן, אַז די פּיעסע איז אַן אַנטיסעמיטישע און אַז שעקספּיר האָט געהאַט שלעכטע כונות לגבי יידן מיט שילדערן שיילאָקן, ווי ס'איז אָנגענומען.

מאָרעווסקי זעט אין דער פּיעסע פּונקט דעם היפּוך — אַ פילאָסעמיטישע שטעלונג לגבי יידן.

דאָס בוך איז אויך אין 1967 (נאָך דעם מחברס טויט) דערשינען אין ענגליש אין סט. לואיס.

SHYLOCK and SHAKESPEARE
By Abraham Morevski
Translated by Miran Ginsburg
Fireside Books
St. Louis, Missouri (1967, 95 pp.)

מיט אַ פאָרוואָרט פון מ. פערענסאָן, פון איבערזעצער און אַ בריוו פון מחבר צום איבערזעצער.

אברהם מאָרעווסקי

אהין און צוריק

זכרונות און רעיונות פון אַ יידן — אַן אַקטיאָר

ערשטער באַנד, פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1958 [373 זייטן]

צווייטער באַנד, פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1959 [297 זייטן]

דריטער באַנד, פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1960 [530 זייטן]

פערטער באַנד, פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, [1963, 413 זייטן]

דער שוישפּילער אברהם מאָרעווסקי איז גלייכצייטיק אויך געווען אַ שרייבער, אָפּגעבנדיק זיך כמעט נאָר מיט טעאַטראַליע און איבערזעצונגען, אויסער זיין אָריגינעלע אַרבעט „שיילאָק און שעקספּיר" (זע זייט 115).

שוין אין עלטער פון 20 יאָר האָט ער געגומען שרייבן זיין ביאָגראַפיע. 20 יאָר שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן שרייבן זיין לעבנס-געשיכטע און אָפּ־געדרוקט בערך 25 אַרטיקלען אין דער בוענאָס-איירעסער „די פּרעסע". הגם באַקומען אַן עכט-יידישע דערציונג, האָט ער פון דער פּריעסטער יוגנט גע־צויגן צום רוסישן טעאַטער און געוואָרן אַ רוסישער שוישפּילער, שפּעטער איבערגעגאַנגען צו דער יידישער בינע אין פּוילן.

נאָכן פאַרברענגען 17 יאָר אין סאָוויעט-רוסלאַנד, קערט ער זיך צוריק, נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה, קיין פּוילן און דאָרט טרעט ער צו אַרויסצו־געבן זיינע זכרונות, וואָס זיינען, ווי זיין שטייגער, געשריבן מיט פּאַטאָס, עגאָצענטריש, אָבער גלייכצייטיק פירן זיי דעם יידישן לעזער אַריין אין פאַר־אים פרעמדע וועלטן; אין דער רוסישער טעאַטער-וועלט און באַקענען אים מיט די גרויסע מייסטערס פון דער דייטשער בינע.

דער מחבר גיט אויך אָפּ אַ סך פּלאַץ צו זיין קאַריערע אויף דער יידישער בינע, גאַנץ באַזונדערס זיין אַקטואירן אין דער „ווילנער טרופּע" און זיינע גאַסטשפּילן אין צפון און דרום אַמעריקע.

צו זיין שפּעטערדיקן פּעריאָד אין יידישן טעאַטער אין פּוילן און זיין אַקטיוויטעט אין סאָוויעטנפאַרבאַנד איז ער אין די זכרונות נאָך ניט דער־גאַנגען.

אַ טייל פון די זכרונות איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש.

פּערעץ מאַרקיש

מיכאָעלס

מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע 1939 [55 זייטן]

די אַרבעט איז דערשינען אין 3000 עקז. עס איז אַן אַנאַליז פון מי־כאָעלסן אין זיינע הויפּט־ראָלן. דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט מיכאָעלסעס ערשטע שריט אויף דער בינע ביז זיינע קרעאַציעס אין „קעניג ליר" און „טביה". דער מחבר באַהאַנדלט אויך מיכאָעלסעס רעזשי־אַרבעטן און דאָס פּראָבלעם צי מיכאָעלס איז אַ דראַמאַטישער אָדער אַ קאָמעדיע־שוישפּילער.

דאָס בוך איז אילוסטרירט מיט אַ בילד פון מיכאָעלס און דעם שוישפּילער אין די ראָלן פון „ר' אַלטער", „יכנ"הז", „יעקל שאַפּשאָוויטש", „האָצמאַך", „שימעלע סאָראָקער" (מיט לאה ראָטבוים), „מנחם מענדל", „בנימין דער דריטער", „אחיתופל", „פּראָפעסאָר טרואַדעק", „יוליס", „דער טויבער", „קעניג ליר", „זיוול אָוואַדיס" און „טביה".

[עס איז אויך פאַראַן אַ בוך אין רוסיש וועגן מיכאָעלסן פון י. ליובאַ־מירסקי און אַ זאַמלונג אין יידיש פון מיכאָעלסן וועגן טעאַטער].

יובל זאַמלבוך

לכבוד דעם 50 יאָריגן געבורטסטאָג פון

דר. א. מוקדוני

אַרויסגעגעבן פון „א. מוקדוני יובילײ קאָמיטעט"

30 מערץ 1927, ניו יאָרק [24 זייטן זשורנאַל־פאָרמאַט]

דאָס זאַמלבוך אַנטהאַלט אַרטיקלען פון ש. ראָזענפעלד, ש. ניגער, דר. א. קאַראַלניק, דער לעבעדיגער, מ. עלקין, יעקב מעסטעל, מאַרק שווייד, אַברהם טייטלבוים, מאָריס שוואַרץ, מאַקס גאַביל, יעקב קאַליך, יוסף רומשינסקי און באַגריסונגען פון אַ ריי טעאַטראַלן, ווי אויך צייכנונגען פון בעל־היובל פון די קינסטלער א. אייזענבערג, ז. מאוד, א. ריבאַק, און אַברהם מאַניעוויטש.

דר. א. מוקדוני

טעאַטער

ניו יאָרק, 1927, [290 זייטן]

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם מחברס יובילײ־קאָמיטעט. עס איז אַ זאַמלונג פון זײַנע געדרוקטע אַרטיקלען, רעצענזיעס און עסייען וועגן טעאַטער בכלל און יידיש טעאַטער בפרט.

די כאַראַקטעריזירטע פּאָרטרעטן זײַנען וועגן: א. ר. קאַמינסקאַ, אַברהם פישזאָן, בינע אַבראַמאָוויטש, אַננאַ אַפּעל, מאַלי פּיקאָן, מאָריס שוואַרץ, יעקב בן־עמי, מוני וויַזענפריינד, לודוויג זאַץ, מאַרק שווייד, איזידאָר קעשיער, אהרן לעבעדיעוו און ב. גאָרין.

אין זײַן אַרײַנפיר זאָגט דער מחבר: „דער יובילײ־קאָמיטעט האָט מיר פאָרגעלייגט צו געבן אַן אויסוואַל פון מײַנע טעאַטער־אַרטיקלען פאַר אַ בוך פון אַ באַשטימטער גרויס. איך האָב געמוזט פון פיל הונדערטער אַרטיקלען אויסקלייבן בלויז עטלעכע צענדליק. ...איך האָב געמוזט דורכלאָזן דעם „רוסישן פעריאָד". איך האָב ניט געקאָנט אָפּהיטן דאָס, וואָס איך האָב געשריבן אין רוסלאַנד אין דער צייט פון מלחמה און רעוואָלוציע... אין דעם דאָזיקן בוך זײַנען אַרײַן אַ טייל פון די אַרטיקלען, וועלכע איך האָב געשריבן אין אַמעריקע פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר. איך האָב אַרײַנגעגעבן בלויז אַ טייל פון די אַרטיקלען פון וועלכע עס איז מער ניכר מײַן שטעלונג צו פאַרשיידענע טעאַטער־פּראָבלעמען. ...איך האָף, אַז דאָס צווייטע בוך, וואָס איך גרייט צום דרוק, וועט דערגענצן דאָס ערשטע בוך".

[קיין צווייט בוך פון דעם כאַראַקטער איז מער ניט אַרויס].

דר. א. מוקדוני

יצחק לייבוש פרץ און דאָס יידישע טעאַטער

איקוף פאַרלאַג 1949 [ניו יאָרק, 271 זייטן]

דער מחבר גיט קודם כל אַ פּאָרטרעט פון י. ל. פּרץ. נאָך אַן אַריינפיר אַנאַליזירט ער פּרצס פּיעסן „אַמאָל איז געווען אַ מלך", „וואָס אין פידעלע שטעקט", „די גאָלדענע קייט", „אין פּאָליש אויף דער קייט", „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", פּרצס איינאַקטערס. ער ברענגט עטלעכע קאַפּיטלעך זכרונות וועגן פּרצן און דאָס יידישע טעאַטער, ווו עס ווערט אַרויסגעבראַכט דער פּלאַן פון שאַפן אַ קינסטלעריש יידיש טעאַטער און דער באַצי צו דער פּרץ הירשביין־טרופּע. ער כאַראַקטעריזירט פּרצן אַלס טעאַטער־קריטיקער און פאַרענדיקט מיט אַ קאַפּיטל זכרונות ווי אַזוי פּרץ דערציילט אַ פאָלקס־טימלעכע געשיכטע.

דר. א. מוקדוני

אין וואַרשע און אין לאָדזש

(מיינע באַגעגענישן)

באַנד צוויי. ביבער־סעריע דאָס פוילישע יידנטום. באַנד 111.

אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס איירעס, 1955.

זז. 137־292 זיינען טיטולירט „יידיש טעאַטער אין וואַרשע און אין לאָדזש" (פון 1909 ביז 1915) און זיי זיינען אַן איבערחזרונג פון אַ טייל מאַטעריאַלן, וואָס זיינען אַריין אין מחברס בוך „יצחק לייבוש פרץ און דאָס יידישע טעאַטער", אויסגעברייטערטע און אַ ריי קאַפּיטלעך, באַזונדערס וועגן אַברהם פישזאָן, דאָס „מוראַנאָווער שטעלכל" און „עליזעאום", דער קולטור־ניוואָ פון די יידישע אַקטיאָרן, אסתר־רחל קאַמינסקאַ, די קורצע שותפות פון ליטעראַטור און טעאַטער, „דער פריינד" און דער טעאַטער־שטורעם אין 1910, די אַנטוישונג און דער אַמעריקאַנער פעריאָד, די יידישע טעאַטער־געזעלשאַפט, א. וויַיטער איבער דער מדינה, קלאַראַ יאַנג, פעני וואַדיאַ עפּ־שטיין, יידיש טעאַטער אין לאָדזש. ר. זאַסלאַווסקי, ב. טאָמאַשעווסקי, דוד קעסלער און מאָשקאָוויטש.

[די אַרבעט איז לכתחילה געווען געדרוקט אין „אַרכיוו פאַר דער געשיכ־טע פון יידישן טעאַטער און דראַמע", אַרויסגעגעבן אין 1930 דורך „ייוואָ"].

יהושע מזח

במת ישחק או משא גיא חזיון

וואַרשאַ, 1889 [40 זייטן]

דאָס ערשטע און איינציקע בוך אין העברעיש וועגן יידישן טעאַטער. עס באַהאַנדלט און קריטיקירט זייער שטאַרק גאָלדפאַדנס טעאַטער און פּיעסן בכלל און גאַנץ באַזונדערס די פאָרשטעלונגען אין וואַרשע.

א. מידע

עפּיזאָדן פון יידישן טעאַטער

ערשטער באַנד — 3טע אויפלאַגע, בוענאָס איירעס 1954 [112 זייטן]

די ערשטע אויפלאַגע איז אַרויס אין 1952.

דאָס איז אַ זאַמלונג פון פאַרשיידענע אַרטיקלען, וועלכע זיינען טיילוויז פריער געדרוקט געוואָרן אין דער פּעריאָדישער יידישער פּרעסע.

א. מידע האָט אָנגעהויבן צו שפּילן ווי אַ „ליבהאָבער", איז דערנאָך גע־וואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער יידישער אַקטיאָר און קומענדיק אין אַרגענטינע, איז ער דאָרט געוואָרן אַ טעאַטער־דירעקטאָר און געבראַכט אַהין די פּאָפּו־לערסטע סטאַרס פון צפון אַמעריקע.

דער מחבר הייבט אָן מיט זיינע עפּיזאָדן אַלס וואַנדערנדער אַקטיאָר, גייט איבער צו איינדרוקן פון אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער בעת זיינע באַזוכן אין ניו־יאָרק און שילדערט שפּעטער, דורך עפּיזאָדן, די באַזוכן פון די שוי־שפּילער און גאַסטראָלערן יצחק דייטש, מילי ציפּקוס, סיידי שיינגאָלד און סעם אויערבאַך, א. מאָרעווסקי, לואיס קרעמער, מאָריס שוואַרץ, קלאַראַ פרידמאַן, יוסף בולאָוו און ליובא קאַדישזאָן, סעמיועל גאָלדענבורג.

אין בוך זיינען אויך אַריין די אַרטיקלען: „אַ משפּט איבער „סטאַריזם" פונם יידישן טעאַטער", „אַ געיעג נאָך גאַסטראָלערן", „דער בעל שם טוב און די אַקטריסע" און „צווישן טויטע אַקטיאָרן".

דאָס בוך ברענגט פאָטאָגראַפיעס פון די באַהאַנדלטע אַקטיאָרן.

נחמן מייזיל

אברהם גאָלדפאַדען דער פאָטער פון׳ם ייִדישן טעאַטער

גראָשן־ביבליאָטעק נר. 197, וואַרשע, 1935 [63 זייטן]

די ערשטע סעפּאַראַטע אויסגאַבע אין ייִדיש פון גאָלדפאַדענס ביאָגראַפיע. דער מחבר שרייבט אין זיין הקדמה:

„... גאָלדפאַדען איז נאָך אַלץ לעבעדיק און צאַפּלדיק פאַר דעם ייִדישן טעאַטער ... גאָלדפאַדען איז נאָך אַלץ אַ קוואַל פון וועלכן מען הערט ניט אויף צו שעפּן און צו שעפּן — אַזוי אין ניו־יאָרק, אַזוי אין מאָסקווע און אַזוי אין וואַרשע. אַברהם גאָלדפאַדען איז נאָך ווייט ניט בלויז געשיכטע. ער איז נאָך אין פיל הינזיכטן דער הייַנט און אפשר אויך דער מאָרגן פונם ייִדישן טעאַטער. ...אַ רייך, אינטערעסאַנט און טראַגיש לעבן האָט אַ. גאָלדפאַדען אַדורכגעמאַכט אין זיין טעאַטער, וואָס איז געווען ענג פאַרבונדן מיט זיין פערזענלעכקייט, מיט זיין לעבן, מיט זיין גאַנץ וועזן“.

די ביאָגראַפיע איז כמעט אינגאַנצן געבויט אויף גאָלדפאַדענס אויטאָביאָגראַפיע מיט הוספות פון גאָרינס טעאַטער־געשיכטע. די ביאָגראַפיע באַרירט זייער ווייניק גאָלדפאַדענס פּיעסן און דעם קאַמף, וואָס דאָס ייִדישע טעאַטער האָט געהאַט אויסצושטיין פאַר זיין עקזיסטענץ.

די זעלבע בראָשור איז אין 1938 אַרויסגעגעבן געוואָרן, מיט קליינע ענדערונגען, אין ניו־יאָרק, אין קאָאָפּעראַטיוון פאָלקס־פאַרלאַג פון אינטער־נאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

מאָררים מייער

אידיש טעאַטער אין לאָנדאָן

1942 — 1902

[לאָנדאָן, 1942, 336 זייטן]

דאָס בוך איז אַרויס אין שייכות מיט מייערס 40 יאָר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין לאָנדאָן, וואָס איז געפייערט געוואָרן דורך אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך געגרייט אַרויסצוגעבן דעם שרייבערס נאָך אַ באַנד וועגן ליטעראַטור, ליטעראַטן און יידישע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פירער. די אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען אין דעם בוך זיינען פריער געדרוקט געוואָרן אין דער אָרטיקער יידישער פּרעסע, באַזונדערס אין „די צייט", וואָס מייערס האָט רעדאַקטירט.

אין דער הקדמה באַהאַנדלט דער מחבר די פּראָבלעמען פון קולטור, טעאַטער, קונסט און קריטיק, דעם אָנהייב פון יידישן טעאַטער און זיין אַנטוויקלונג, אַן אַריינפיר צו דער יידישער טעאַטער־געשיכטע פון לאָנדאָן און זיין אָנטייל אין דעם און די אָרטיקע דראַמאַטיקער.

דאָס בוך אַנטהאַלט אָפּשאַצונגען וועגן אברהם גאָלדפאַדן, יעקב גאָרדין, פּרץ הירשביין, מאַרק אַרנשטיין, שלום אַש, אָסיפּ דימאָוו, דוד פּינסקי, לעאָן קאָבריך, ז. ליבין, י. ל. פּרץ, ש. אַנסקי, ה. לייוויק, י. י. זינגער און דוד בערגעלסאָן און זייערע דראַמאַטישע ווערק, וועגן איבערזעצונגען אין יידיש און פּראָבלעם־פּיעסן, היסטאָרישע און פאַרשיידענע פּיעסן, די געשיכטע פון פּייבמאַן יידיש פאָלקס טעאַטער און רעצענזיעס און כאַראַקטעריסטיקעס וועגן אַ סך יידישע שוישפּילער און קאָנצערטיסטן, וועלכע האָבן געשפּילט אָדער גאַסטראָלירט אין לאָנדאָן אין משך פון די 40 יאָר.

מיכאָעלס דער אַקטיאָר

מאָסקווע, „דער עמעס",

ריגע, פּאַרטיי פאַרלאַג, 1940 [122 זייטן מיט בילדער]

[פאַרצייכנט לויט „פרסומים יהודיים בברית המועצות", ירושלים, תשכ"א]

מיכאָעלס

1948 — 1890

[רעדאַקטירט פון **אליהו פאַלקאָוויטש**

מאָסקווע, „דער עמעס", 1948 [174 זייטן]

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן צו מיכאָעלס אָנדענק, און אַנטהאַלט אַרטיקלען וועגן אים פון א. פאַדיעוו, דער נסתר, א. ערענבורג, אי טאמיראָוו, פ. גאָוויצקי, פּרץ מאַרקיש, אי פעפער, ב. זוסקין, י. דאָברושין, מ. בעלינקי און י. נוסינאָוו.

[פאַרצייכנט לויט „פרסומים יהודיים בברית־המועצות", ירושלים תשכ"א].

שלוימע מיכאָעלס

אַרטיקלען, שמועסן, רעדעס

פאַרלאַג היימלאַנד בוענאָס איירעס 1961 [308 זייטן]

אין פאָרוואָרט פון אַקטיאָר י. זאַוואַדסקי ווערט געזאָגט:

„אין דאָזיקן בוך זיינען צונויפגעזאַמלט ש. מיכאָעלסעס אייניקע אַרויס־זאָגונגען און טעקסטן פון זיינע רעדעס. עס גייען אויך אַריין אַרטיקלען וועגן אים. ...דאָס אַלץ איז ווייניק, ניט גענוג, אַז עס זאָל זיך באַקומען דאָס געשטאַלט פון יענער וווּנדערלעכער, איינאונאיינציקער דערשיינונג, וואָס איר נאָמען איז — מיכאָעלס".

כ. רודניצקי אין אַ דערקלערונג וועגן דער ליטעראַרישער ירושה פון מיכאָעלס, וועלכע ער האָט צונויפגעשטעלט, זאָגט:

„אין מיכאָעלסעס אַרטיקלען און רעדעס ווערט זייער אַקטיוו, מיט אַי־בעראַשנדיקער קאָנקרעטקייט, אַרויסגערוקט דער פּרינציפּ פון אידעישקייט אין קינסטלערישן שאַפן. ברענגענדיק אָן אַ שיר ביישפּילן, באַווייזט מיכאָעלס ווי אַזוי די אידעע דרינגט אַריין אין דעם קינסטלערישן געוועב פון דער גע־שטאַלט, ווי אַזוי זי דריקט זיך אויס אין דער סצענישער אויפפירונג פון דעם שוישפּילער, מיט וואָס פאַר'ע מיטלען און מעטאָדן עס באַנוצט זיך דער אַק־טיאָר אויף איבערצוגעבן די באַלעבנדיקע אידעע צום צושויער־זאַל. ...(ער) פלעגט אָבער זעלטן געפינען צייט פאַר ליטעראַרישער אויספאָרמירונג פון זיינע געדאַנקען. זייער ווייניק איז די צאָל מיכאָעלסעס אַרטיקלען, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין צייטונגען און זשורנאַלן. דער וויכטיקער טייל פון מיכאָעלסעס ירושה באַשטייט פון סטענאָגראַפישע פאַרצייכנונגען פון זיינע לעקציעס, שמועסן, רעפעראַטן. ... דעם צונויפשטעלער איז ניט זעלטן אויסגעקומען צו מאַכן קירצונגען אין די סטענאָגראַמעס, אין די ער־טער, ווו צוליב ניט פולקייט פון דער פאַרצייכענונג ס'ווערט שווער צו פאַר־שטיין מיכאָעלסעס געדאַנק. עס איז אויך נאַטירלעך, אַז די סטענאָגראַפישע נאָטיצן האָבן געפאָדערט געוויסע סטיליסטישע קאָרעקטורן".

[ס'איז ניט קלאָר צי אַלץ, וואָס ווערט געבראַכט אין בוך ווי לעק־ציעס פון מיכאָעלסן איז געשריבן געוואָרן פון אים אין יידיש אָדער טיילווייז אין רוסיש, ווייל זיי זיינען אָפט געהאַלטן געוואָרן פאַר אַזעלכע, וואָס האָבן קיין יידיש ניט פאַרשטאַנען].

דאָס בוך איז געטיילט אין דריי טיילן:

דער ערשטער טייל „אידעישקייט און קינסטלערישקייט" נעמט אַריין 9 אַרטיקלען.

דער צווייטער טייל אונטערן נאָמען „די אַרבעט פון אַקטיאָר" — 7 אַר־טיקלען.

דער דריטער טייל „מאַטעריאַלן פון פאַרשיידענע יאָרן — 13 אַרטיקלען.

דאָס בוך פאַרענדיקט זיך מיט צוויי אַרטיקלען וועגן מיכאָעלסן פון פּ. א. מאַרקאָוו און ב. י. זינגערמאַן און באַמערקונגען צום טעקסט.

JAMES MILLER

THE DETROIT YIDDISH THEATER

1920 To 1937

Wayne State University Press

Detroit 1967 (196 pp.)

[דזשעימז אַלבערט מיללער

דער דעטראָיטער יידישער טעאַטער

1920 ביז 1937

וועין סטעיט יוניווערסיטי פּרעס, דעטראָיט, 1967, 196 זייטן]

דזשעימז אַלבערט מיללער איז אַן איריש־קאַנאַדישער קריסט, וואָס איז געווען, ווי אַ דעקאָראַטאָר, פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער אין דעטראָיט א״ד פון אַברהם ליטמאַן. ער האָט פאַר זיין דיסערטאַציע אָנגעשריבן דאָס בוך, וואָס דער אוניווערזיטעט האָט אַרויסגעגעבן, געבנדיק אים דעם דאָקטאָר־טיטל.

אין זיין הקדמה שרייבט דער מחבר:

„עס זעט אויס ווי אַ לאַנגע צייט ווען אין אָנהייב האַרבסט 1924, האָט מיך דער איצט־פאַרשטאָרבענער קאַרל גילסאָן, דעקאָראַטאָר פון מאַדזשעסטיק טעאַטער, אינפאָרמירט, אַז איך קאָן קריגן אַרבעט אין יידישן טעאַטער אויף 2814 העיסטינגס סטריט. אין דאָזיקן קליינעם טעאַטער האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף דער וווּנדערפולער וועלט פון אַברהם גאָלדפאַדן, שלום אַש, יעקב גאָרדין און שלום־עליכם. . . . דאָס בוך רעקאָרדירט, אויף וויפל מען האָט געקאָנט פעסטשטעלן, 14 יאָר טעטיקייטן פון ליטמאַנס טרופּע. דער מאַנגל פון אָפּהיטן רעקאָרדס פון יענער צייט איז תמיד געווען אַ שטערונג פאַר היסטאָריקער און האָט אויך געבראַכט שאָדן פאַר מיין אַרבעט״.

דער מחבר רעכנט אויס אַ גאַנצע ריי פּערזאָנען און אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אים געהאָלפן אין דער אַרבעט, דערונטער די יידישע אַקטיאָרן יוניע, דעם טעאַטראַל העררי וויינבערג און דעם „היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער זלמן זילבערצווייג פאַר דער וויכטיקער הילף און דערמוטיקונג״.

דאָס בוך, וואָס עפנט זיך מיט אַ בילד פון טעאַטער־דירעקטאָר אַברהם ליטמאַן, אַנטהאַלט די קאַפּיטלעך: אַריינפיר, דער אָפּשטאַם פון יידישן טעאַטער, דער יידישער ישוב אין דעטראָיט, גאַסטראָלירנדיקע טרופּעס אין דעטראָיט, די ערשטע סטאַבילע טרופּע פון 1920, דער סעזאָן 1924־1925 אין יידישן פּלעיהאַוז, סעזאָן 1925־1926 אין יידישן פּלעיהאַוז, דאָס אַריבערגיין אָפּטאַון — אין מאַדזשעסטיק, סעזאָן 1926־1927, פּיפּלס טעאַטער אויף צוועלפטע גאַס, שלוס, דער יידישער טעאַטער גילד אין דעטראָיט, ביאָגראַפיעס פון דער אָריגינעלער ליטמאַן־טרופּע אין יידישן פּלעיהאַוז אין סעזאָן 1924־1925, אַ סטאַטיסטיק פון די פאָרשטעלונגען אין ליטמאַנס פּיפּלס טעאַטער פאַר די סעזאָנען 1924־1925 ביז 1936־1937, רשימה פון קוואַלן און אינדעקס.

דאָס איז דאָס איינציקע בוך פון דעם כאַראַקטער וועגן יידישן טעאַטער אין דער פּראָווינץ.

MARIAN MELMAN
Teatr Zydowski w Warszawie w Latach Miedzywojennych
Warszawa II Rzeczypospolita, Tom I Warszawa 1968

מאיר מעלמאן

[דאָס יידישע טעאַטער אין וואַרשע צווישן די צוויי מלחמות]

[ספּעציעלער אָפּדרוק פון דעם בוך, זייטן 400 — 361]

דאָס איז, אין פּויליש, די ערשטע גרעסערע אַרבעט וועגן יידישן טעאַטער בכלל און וועגן יידישן טעאַטער אין פּוילן בפרט. דער מחבר אונטער־שטרייכט, אַז עס רעדט זיך נאָר וועגן וואַרשע, הגם יידיש טעאַטער האָט מען געשפּילט אין פּוילן אין צענדליקער גרעסערע און קלענערע שטעט. [אויספירלעך וועגן דעם אין יידישן בוך „יידישער טעאַטער אין אייראָפּע צווישן ביידע וועלט־מלחמות", פּוילן. ניו־יאָרק, 1968, אַרויסגעגעבן פון „יידישן קולטור־קאָנגרעס"].

דער מחבר הייבט אָן מיט אַ זייער קורצע באַמערקונג וועגן דער געשיכטע פון יידיש טעאַטער בכלל. ער דערמאָנט, אַז הגם עס ווערט אָנגענומען, אַז דאָס יידישע טעאַטער איז געשאַפן געוואָרן דורך אַברהם גאָלדפאַדן אין רומעניע אין 1876, האָט מען אין וואַרשע שוין געשפּילט יידיש טעאַטער אַ סך פריער (צום באַדויער גיט ער ניט אָן אַ סך גאָר אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דעם) און דערנאָך גייט ער איבער צום יידישן טעאַטער־וועזן אין דער צייט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות (1914 און 1939). ער מיידט כמעט אויס צו שרייבן וועגן דעם פּאַרוויילונגס, מעלאָדראַמאַטישן און אָפּערעטן־טעאַ־טער, און שטעלט זיך כמעט נאָר אָפּ וועגן ליטעראַרישן טעאַטער מיט קורצע איבערזיכטן וועגן די טעטיקייטן פון דער „ווילנער טרופּע", „וויקט", אידאַ קאַמינסקאַ און זיגמונט טורקאָוו־טרופּעס און שפּעטער אידא קאַמינסקאַס טרופּע אַליין, דאָס טעאַטער פאַר יוגנט „יונג טעאַטער", דאָס „קינסטלערישע טעאַטער", ווי אויך די קליינקונסט־טרופּעס „אַזאַזעל", „אררט", „סמבטיון". „יידישע באַנדע" און די פאַרשיידענע גאַסטראָלערן פון אַמעריקע און אַנ־דערע לענדער. ער דערמאָנט די וויכטיקסטע שוישפּילער (אויסלאָזנדיק מאָ־ריס ליאַמפּע און ר. שושנה און די גאַסטראָלן פון נעלי קעסמאַן).

באַזונדערס וויכטיק זיינען זיינע פאַרש־אַרבעטן אויפן געביט פון דער באַזונדערשאַפט אין פאַרגלייך צו די פּוילישע טעאַטערס, דער טיפּ יידישער טעאַטער־באַזוכער, די ספּעציפישע באַדינגונגען פון די אונטערנעמער און דעם אופן פון האָנאָראַר פון די אַקטיאָרן און די שטיצעס, וואָס דאָס יידישע טעאַטער האָט באַקומען פון דער יידישער און פּוילישער געזעלשאַפטלעכ־קייט. ער רעכנט אויס די אַרטיקע רעזשיסאָרן, מאָלער און דראַמאַטיקער, און רעדט אויך אַרום די ראָל פון אָרטיקן יידישן אַרטיסטן־פאַריין.

יעקב מעסטל

אונדזער טעאַטער

פאָלקס־ביבליאָטעק, אַרויסגעגעבן דורך דער שרייבער־סעקציע ביים איקוף, ניו־יאָרק, 1943 [200 זייטן]

דער אינהאַלט פון בוך באַשטייט פון אַן אַריינפיר, גרעסערע אָפּהאַנדלונגען „פון פורים־שפּיל ביז קונסט־טעאַטער", דער קריזיס, מאָדערנער טעאַטער און טעאַטער פאַר מאַסן.

אַ גרינטלעכע אָפּהאַנדלונג, אין אַ געקירצטער פאָרם, פון דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, אַן אַנאַליז פון דעם געשפּילטן רעפּערטואַר, די באַציונג צו רעזשי, מחבר, קריטיק און דעם אופן פון שפּילן. אַ גענויע אינטערפּרעטאַציע פון דער ווירקונג פון אַלגעמיינעם טעאַטער אויפן יידישן.

דער מחבר קומט צום אויספיר, אַז דער איינציקער אויסוועג פון קריזיס אין יידישן טעאַטער איז דאָס שאַפן אַ יידיש פאָלקס־טעאַטער.

דאָס בוך האָט אויך אַ זוכצעטל פון די באַהאַנדלטע פּערסאָנאַזשן און פּיעסן.

יעקב מעסטל

70 יאָר טעאַטער־רעפּערטואַר

(צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע)

איקוף פאַרלאַג, ניו יאָרק, 1954 [112 זייטן]

דאָס בוך, וואָס איז לכתחילה געווען געדרוקט אין פאָרטזעצונגען אין „יידישע קולטור", איז געשאַפן געוואָרן פון מחבר אין שייכות מיט די צו־געגרייטע פייערונגען פון 300 יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע.

דער מחבר ווייזט אָן, אַז אין צווי גאָר וויכטיקע ענגלישע ביכער וועגן טעאַטער אין אַמעריקע, ווערט דאָס יידישע טעאַטער כלל ניט דערמאָנט. ניט קיין סך בעסער איז באַהאַנדלט געוואָרן די יידישע דראַמע. קיין ספּעציעל בוך וועגן יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר אין אַמעריקע איז ניט בנמצא, און אין די דערשינענע יידישע טעאַטער־ביכער איז דער רעפּערטואַר ניט פול־שטענדיק פאַרצייכנט.

דער מחבר שטעלט זיך אויך אָפּ וועגן פּראָבלעם פון דערפאָלג און ניט־דערפאָלג פון אַ געשפּילטער פּיעסע, און ווייזט אָן, אַז ס'ווערן דאָ פאַרצייכנט קודם כל די מער כאַראַקטעריסטישע פונם שפּיל־רעפּערטואַר. דערביי ווערט מער געלייגט אַכט צו פאַרצייכענען וואָס פולער דעם בעסערן רעפּערטואַר, און ווי, ווייט־מעגלעך, די פּיעסן פון „ניט־ליטעראַרישן"־רעפּערטואַר. די רשימה נעמט נאָר אַריין דעם רעפּערטואַר פון פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, און דאָס אויך נאָר פון דער שטאָט ניו־יאָרק, ווייל וואָס שייך אַמעריקע, איז ניו־יאָרק, מיט זעלטענע אויסנאַמען, דאָס דעצידירנדע אָרט פון יידישן טעאַטער.

דאָס בוך טיילט זיך אויף פאָלגנדיקע עסייען: די גאָרדין עפּאָכע, פאַר און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, יידישער קונסט־טעאַטער, דער „אַרטעף" און אַנדערע טעאַטערס, פעריאָד אַרום דער צווייטער וועלט־מלחמה, קורצער סך־הכל.

דאָס בוך פאַרענדיקט זיך מיט אַ זוך־צעטל (לויטן א׳ב) פון די בינע־מחברים און אַ זוך־צעטל פון פּיעסן: א) געזאַנג־פּיעסן און מעלאָדראַמעס, ב) דראַמעס און קאָמעדיעס און ג) איבערזעצונגען.

יעקב מעסטל

ליטעראַטור און טעאַטער

איקוף פאַרלאַג, ניו־יאָרק 1962, [346 זייטן]

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן ווי אַ זאַמלונג פון פאַרשידענע צע־זייטע און צעשפּרייטע עסייען, אַרטיקלען און קריטיק אין דער יידישער פּעריאָדיקע, ווי די גייסטיקע ירושה פון פאַרשטאָרבענעם יעקב מעסטל. עס נעמט אַריין פיר כאַראַקטעריסטיקעס און אָפּשאַצונגען וועגן מעסטלען פון נחמן מייזיל, זלמן זילבערצווייג, נ. בוכוואַלד און שרה קינדמאַן־מעסטל.

אויסער אַ בלאַט זכרונות פון מעסטלס יונגע יאָרן אין גאַליציע און זיינע אַ קורצע שילדערונג פון דריי באַזוכן אין אַרגענטינע אין שייכות מיט יידיש טעאַטער, אַנטהאַלט עס אַ ריי עסייען וועגן ליטעראַטור און ליטעראַטן, ווי ז. וויינפּער, ב. עפּעלבוים, אַ פּרץ־בוך, אַמעריקע אין יידישן וואָרט, די דיכ־טער מ.־א. סול, ברוך אוליצקי, געטע און שילער און וועגן די דראַמאַטורגן שלום־עליכם, דוד פּינסקי, לעאָן קאָברין, שלום אַש, פּרץ הירשביין, פּ. בימקאָ, חיים סלאָוועס, הענריק איבסען, בערנאַרד שאָו, קליפאָרד אָדעטס, ראָבערט עמיאָט, שערווּד, יודזשין גלאַטסטאָן, אָ׳נעיל, אַרטור מילער און אַרטיקלען וועגן סאָוויעטישן איינפלוס אויפן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, צום 75 יאָריקן יובל פון יידיש טעאַטער, בראָדוויי — סעקאָנד עוועניו, צוויי פּיעסן וועגן מכשפה־געיעגן, פיר יידישע דראַמעס פון דער היטלער־צייט, און וועגן די שוישפּילער יעקב אַדלער, פּאול מוני־וויזענפריינד און לאַזאַר פריד.

מערקוריאַזן

פון וואָלף מערקור

דער **הומאָר**־יסטאָקראַט פון יידישן וואָרט. **פוילע**־זאָפּיעס, **בולבע**־אָגראַפיעס, פער־**זנב**־יקאַציעס.

הדיוט־יזמען, **פתי**־מיזמען און **מזיק**־אַלישע **רכילות**־אָפּיעס
צו לייענען מיט אַן אויפגעזיפּערטן מח.

פערלאַג — נעבעכאַליין. פילאַדעלפיאַ 1948 [256 זייטן]

מיט קליינע אויסנאַמען איז דאָס בוך געווידמעט יידיש טעאַטער, טעאַטראַלן און שוישפּילער. אין קורצע סקיצן, אין לידער און עפּיגראַמען, מיט אַ סך שפּראַך־חידושים, ווערן אויף אַ הומאָריסטיש־סאַטירישן אופן געשילדערט סצענעס, עפּיזאָדן, מעשות און צוגעטראַכטע בילדער פון טעאַטער־לעבן ווי אויך כאַראַקטעריסטיקעס פון טעאַטראַלן.

אויך די בילדער זיינען ניט קיין נאַטירלעכע, נאָר אימפּרעסיעס, צייכענונגען, קאַרטונס און קאַריקאַטורן פון איידא העכט, דזשעקאָבי, לאָלאַ, בען, לואי מאַרקאָוויטש, נאַטאַל סוזאַן, לודוויג זאַץ און דזשעיק ספּענסער. עס זיינען אויך פאַראַן איניקע פאָטאָגראַפיעס פון שוישפּילער.

וואָלף מערקור

וזענט האָבן אויערן

אַרויסגעגעבן פון ליטעראַריש־טעאַטראַלישן קאָמיטעט

ניו יאָרק, 1968.

הגם דאָס בוך איז ניט דורכויס וועגן טעאַטער, אַנטהאַלט עס אָבער עטלע־כע גרעסערע אַרבעטן, וואָס האָבן אַ דירעקטן שיכות מיט יידיש טעאַטער, ווי „בישקאָ“, „פון האָראָדענקאָ ביז האָליווּד“ (וועגן אַלעקסאַנדער גראַנאַך), „צווי בערג“, „זלמן קיכאָט און סאַנטשאָ מערקור“ (וועגן מחבר און זלמן זילבערצווייג), אַ רעצענזיע וועגן דיוויד ליפּסאָנס בוך אין ענגליש „יידיש טעאַטער אין אַמעריקע“, „דאָס דערמאָנט מיך“ (וועגן מאָריס שוואַרץ).

דאָס בוך איז אילוסטרירט מיט בילדער און קאַריקאַטור־צייכענונגען.

קלמן מרמר

יעקב גאָרדין

צו זיין 100סטן געבוירנטאָג

(1858 — 1868)

איקוף פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1953 [250 זייטן]

דאָס איז די ערשטע מאָנאָגראַפיע וועגן יעקב גאָרדין, זיין לעבן, זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט, זיין דראַמאַטורגיע, זיין באַטייט און ראָל אין יידישן טעאַטער, געשילדערט דורכן אינהאַלט פון זיינע פיעסן און אילוסט־רירט מיט אַ ריי פּערסאָנאַזשן פון זיינע פיעסן, דורכגעפירט דורך באַרימטע יידישע שוישפּילער.

די מאָנאָגראַפיע, וואָס איז פריער געדרוקט געוואָרן אין פאָרטזעצונגען אין „מאָרגן פרייהייט״, נעמט אויך אַריין גרעסערע אַרבעטן פון יעקב מעסטל (יעקב גאָרדינס פיעסן אין פילם, ראַדיאָ און אויף פאַרשיידענע שפּראַכן), נחמן מייזיל (יעקב גאָרדין אויף רוסיש, פויליש און העברעיש), אַ צוגאָב (צו דער ביבליאָגראַפיע אין „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער) גאָרדין־בי־בליאָגראַפיע און אַ זוכצעטל פון די פּערזאָנען, וואָס ווערן אָנגעגעבן אין דעם בוך.

[אַ מער אויספירלעכע מאָנאָגראַפיע, לויט נייערע פאָרשונגען, איז זלמן זילבערצווייגס בוך „די וועלט פון יעקב גאָרדין״].

משה נאַדיר

מײנע הענט האָבן פֿאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט

װעגן ביכער, שרײַבער און טעאַטער.

געקליבענע װערק, דריטער באַנד

װילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. קלעצקין, 1927 [221 זײטן]

די רעצענזיעס זײַנען װעגן די פּיעסן: „מלחמה־כּלות“, „פּאָר אירע קינ־דער“, „העדא גאַבלער [ענגלישע אויפפירונג], „דער גײסט פֿון שטאָט“, „טיר נומער דרײַ“, „דער יידישער גלויבן“, „אַפּ טאָון און דאַן טאָון“, „די װעלט אין פלאַמען“, „קאָרעץ“ [ענגליש טעאַטער]; „מאָטקע גנב“, „פֿאַרלוירענע יוגנט“, „דער פּרײַז פֿון זינד“, „מלחמה־מאַמעס“, „די שקלאַפֿן פֿון פֿאָלק“, „װער איז דער טאַטע“? „אײביקע זינד“ און “NEW” װעגן די שוישפּילער מאָלי פּיקאָן און מאָריס שװאַרץ.

ה. לייוויקס גולם

פון דר. ש. סיימאָן

אַרויסגעגעבן פון פערלאַג אידיש לעבן. ניו יאָרק 1927, [31 זייטן]

דער מחבר האַלט, אַז „דער גולם", איז טיף, שווער און סימבאָליש. געוויס קאָן דאָס אַלץ פאַרעכנט ווערן אַלס אַ מעלה. אָבער דער „גולם" האָט אַ גרויסן חסרון — אומקלאָרקייט און נעבלדיקייט.

דער מחבר האַלט, אַז כדי צו באַנעמען לייוויקס ווערק, דאַרף מען עס לייענען 4 מאָל. דאָס ערשטע מאָל ווערט מען פאַרכאַפּט פונם סיפור המעשה. דאָס צווייטע מאָל ווערט מען פאַרכאַפּט פון די טיפע דראַמאַטישע סצענעס. דאָס דריטע מאָל הייבט מען שוין אָן באַמערקן די קאַמפן, וואָס די העלדן גייען דורך און די שיינקייט און סימבאָלישקייט פון יעדן זאַץ און ערשט ביים פערטן מאָל הייבט מען אָן זען דעם צוזאַמענבונד פון די באַזונדערע סצענעס און מ׳דערזעט דאָס קונסט־ווערק.

די בראָשור גיט איבער מיט געהעריקע ציטאַטן דעם אינהאַלט פון לייוויקס „גולם".

שלמה עטינגער

קאָמעדיע, לידער, משלים און קאַטאָווועסלעך

פראַגמענטן פון פאָרש־אַרבעטן צו דער כאַראַקטעריסטיק און זכרונות

אַריינפיר און רעדאַקציע פון שמואל ראָזשאַנסקי

1טער באַנד פון ציקל מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור
2טע אויפלאַגע

אַרויסגעגעבן פון יוסף ליפשיץ־פאָנד פון דער ליטעראַטור־געזעלשאַפט
ביים ייוואָ אין אַרגענטינע [בוענאָס איירעס, 1965]

דאָס בוך עפנט זיך מיט ביאָגראַפישע שטריכן און אַ גרעסערן אַריינפיר „שלמה עטינגער און זיין ביישטראָג פאַר דער יידישער ליטעראַטור" פון רע־דאַקטאָר שמואל ראָזשאַנסקי, דערנאָך קומען עטינגערס פּאָעמע „דאָס ליכט", קאַטאָווועסלעך, עפּיגראַמען און משלים, די קאָמעדיע „סערקעלע" און אַ ריי אָפּשאַצונגען פון מאַקס וויינרייך, יודא א. יאָפע, א. קאָפּעל [דר. א. מוקדוני], אַברהם יעקב פּאַפּערנאָ, מ. ווינער, אַ ביבליאָגראַפיע, צונויפגעשטעלט פון יעפים ישורין און נאָכבאַמערקונגען ווי אויך אייניקע אילוסטראַציעס.

ב. פײגענבױם

צו וואָס טויג אַ טהעאַטער

היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני, ניו יאָרק, 1909 [14 זייטן]

דאָס איז אַ סעפּעראַטע אויסגאַבע פון דער עסיי, וואָס איז געווען צוערשט געדרוקט אין דעם זאַמלבוך „דיא אידישע ביהנע", וואָס י. קאַצענעלענבאָגען האָט אין 1897 אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק.

די עסיי, וואָס איז אַממערסטן באַגרינדעט אויף די טעאַטער־פּראָבלעמען, וואָס עס באַהאַנדלען אויגוסט ווילהעלם פאָן שלעגעל אין זיין ווערק „פאָר־טרעגע איבער דער דראַמאַטישע קונסט און ליטעראַטור", פרידריך שילער און אפרים גאָטהאָלד לעסינג אין „האַמבורגער דראַמאַטורגיע", וויל דערקלערן די וויכטיקייט פון טעאַטער אַלס אַ גרויס גייסטיק פאַרגעניגן, וואָס בעסערט אויס דעם מענטשן און באַפרידיקט זיין „געטלעכע" נשמה. דער שרייבער פאַ־לעמיזירט אויך מיטן פרומען יידישן עלעמענט, וואָס איז קעגנעריש צום טע־אַטער־וועזן ווי צו אַ גרויסע עברה, און וואַרפט אָפּ דעם געדאַנק, אַז דאָס באַזוכן טעאַטער באַפרידיקט נידריקע תאוות.

И. ФАЙЛЬ

ЖИЗНЬ ЕВРЕЙСКОГО АКТЕРА

ВСЕРОССИЙСКОЕ ТЕАТРАЛЬНОЕ ОБЩЕСТВО
МОСКВА 1938

[א. פייל]

דאָס לעבן פון אַ יידישן אַקטיאָר

אַרויסגעגעבן אין רוסיש פון דער „אַלרוסישער טעאַטראַלער

געזעלשאַפט", מאָסקווע, 1938, 98 זייטן]

אין דער הקדמה פון פאַרלאַג ווערט געזאָגט, אַז אין רוסיש איז כמעט גאָרניט דאָ קיין ליטעראַטור וועגן יידישן טעאַטער, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַלזייטיק בילד פון דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור. פיילס בוך איז דאָס ערשטע מאַטעריאַל, וואָס וועט אויף דעם געביט העלפן דעם קומנדיקן היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער.

דער מחבר, געבוירן 1886 אין הרובעשאוו, לובלינער גובערניע, פוילן, שילדערט ווי ער האָט אין לאָדזש אָנגעהויבן זיך באַטייליקן אין יידישע ליבהאָבער־גרופּן, דערנאָך מיט יונגע אָנפאַנגנדיקע אַקטיאָרן איבער דער פּראָווינץ, ביז ער טרעט אַריין אין וואַרשע אין דער טרופּע פון ספּיוואַקאָווסקי־סעם אַדלער, גייט דערנאָך איבער אין די טרופּעס פון סאַבסיי, זשיטאָמירסקי, פישזאָן, קאַמינסקי, גענפּער א׳אַ. ביז נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע הייבט ער אָן אַרבעטן טיילמאָל אַלס אַקטיאָר, טיילמאָל אַלס אַדמיניסטראַטאָר.

דער מחבר גיט אויך קורצע ביאָגראַפיעס פון אַ ריי אָנגעזעענע אַקטיאָרן, וועמענס בילדער און ראָלן ער ברענגט אויך אין בוך, און באַגלייט זיי מיט קורצע כראָנאָלאָגישע דאַטעס וועגן פאַרשיידענע יידישע טרופּעס.

פינף און צוואנציק יאָר
פאָלקס־בינע

אַרויסגעגעבן צום פינף און צוואַנציג יאָריגן יובליי־פייערונג פון דער דראַמאַטישער אינסטיטוציע פון אַרבייטער רינג, ברענטש 555

[ניו יאָרק] מאי 1940 [192 זייטן]

רעדאַקציע: יעקב פישמאַן, ב. לעווין, ב. סטאַבינאָוויץ.

אין אַריינפיר צום בוך ווערט געזאָגט:

„מיט דעם בוך ציט די פאָלקס־בינע אונטער דעם סך־הכל פון פינף־און־צוואַנציק יאָר אַרבעט אַלס דראַמאַטישע אינסטיטוציע פון אַרבעטער רינג און אַלס קולטור־אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק, פאַר פינף און צוואַנציק יאָר האָט די פאָלקס־בינע ערלעך און געטריי געטאָן איר אַרבעט אויף דעם ליטעראַריש־דראַמאַטישן פעלד, בייגעטראָגן אַ גרויסן חלק צו דער פאַרשפרייטונג פון דער יידישער און ניט־יידישער ליטעראַרישער דראַמע צווישן דער יידישער באַפעלקערונג ניט נאָר אין ניו־יאָרק נאָר אויך אין די אַרומיקע שטעט".

דאָס בוך נעמט אַריין באַגריסונגען און אָפּשאַצונגען וועגן דער „פאָלקס־בינע" פון דער נאַצ. עקז. פון אַרבעטער רינג, ראובן גוסקין, ג. כאַנין, ב. געבינער, שטאַט־קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, פּרץ הירשביין, אַברהם רייזען, מענדל עלקין, יעקב מעסטעל, יעקב קרעפּליאַק, לייב קאַדיסאָן, שלמה עדעלהייט, ב. י. גאָלדשטיין, שלום ראַזען, לואיס מען, באָריס לעווין, ביינוש סטאַבינאָוויטש, בנימין קרעמער, אַברהם גאָלדפאַדנס ליד „שבת, יום טוב און ראש חודש", און די געשיכטע פון דער „פאָלקס־בינע", געשריבן פון איר רעזשיסער יעקב פישמאַן.

דאָס בוך אַנטהאַלט אויך די בילדער און ביאָגראַפיעס פון די שפּילער און די רעזשיסערן, די באַאַמטע און רעדאַקטאָרן פון יובל־בוך ווי אויך ביל־דער פון אַנסאַמבלען און אויפפירונגען און די פאָטאָגראַפיעס פון גרעסטן טייל שרייבער פון בוך.

פּערציק יאָר פֿאָלקסבינע

אַרויסגעגעבן צו דעם פּערציק יאָריקן יובל פֿון דער דראַמאַטישער אינסטיטוציע ביים אַרבעטער־רינג, ברענטש 555.

[ניו יאָרק] ווינטער 1955 [207 זייטן]

רעדאַקציע: יעקב פישמאַן, לואיס מאַן, ביינוש סטייבין.

אין פֿאָרוואָרט פֿון דער רעדאַקציע ווערט געזאָגט, אַז „אין דעם בוך ... וועט דער לייענער און פֿריינד פֿון אונדזער דראַמאַטישער גרופּע ביים אַרבעטער־רינג, געפֿינען בילדער און עפּיזאָדן צו דער געשיכטע פֿון דער פֿאָלקסבינע. אין די זכרונות פֿון י. פישמאַן, ב. לעווין, ל. מאַן און מ. אַדלער זיינען פֿאַרצייכנט, חוץ דאַטעס און פֿאַקטן, אויך די ליידן און ראַנגלענישן, וואָס די פֿאָלקסבינע־מיטגלידער, שוישפּילער און טוער, זיינען דורכגעגאַנגען אין לויף פֿון די פֿיר צענדליק יאָר. דער לייענער וועט אויך צווישן די שורות קאָנען אַרויסלייענען דאָס ביסל נחת און פֿרייד וואָס יעדער פֿאָלקסבינע־מיטגליד האָט געהאַט בעת אַן איינגעגעבענע, געראָטענע טעאַטער־אויפֿפֿירונג.“

דאָס בוך נעמט אַריין באַגריסונגען פֿון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו פֿון אַרבעטער רינג, י. ט. צוקערמאַן, גען. עקז. פֿון יידיש. נאצ. אַרבעטער־פֿאַרבאַנד, ר. ארנאו, דוד ליכט, ניו־יאָרקער שטאָט קאָמיטעט, שלום ראָזען און וו. סטוירן, אַרטיקלען פֿון נ. כאנין, ב. געבינער, מאָריס אדלער, ב. סטייבין, געשיכטע — פֿון דער פֿאָלקסבינע פֿון יעקב פישמאַן, ב. לעווין און לואיס מאַן, ביבליאָגראַפֿיע, אויפֿפֿירונגען פֿון דער פֿאָלקסבינע, די שוישפּילער, אַרטיקלען וועגן מרדכי יחסן, בעל דידזשאַ און דזשוליא לעווין, צבי שטאָק וועגן איבערזעצונגען, און ביאָגראַפֿיעס און בילדער פֿון די שפּילער.

דאָס בוך האָט אויך אילוסטראַציעס פֿון אויפֿפֿירונגען, יובילײ־קאָמיטעט, אַנסאַמבל, די באַאַמטע און רעדאַקציע־קאָלעגיע.

[אויספֿירלעכע טעטיקייט פֿון דער „פֿאָלקסבינע“ זע אין פֿערטן באַנד פֿון „לעקסיקאָן פֿון יידישן טעאַטער“].

לעאַ פינקעלשטיין

צווישן די שורות פון לייוויקס „גולם“

וואַרשע, 1925 [37 זייטן]

די בראָשור גיט אַן אַנאַליטישע איבערזיכט איבער לייוויקס פּאָעטישע דראַמע, איבערגעבנדיק אויך איר אינהאַלט. דער מחבר שרייבט:

„מיר האָבן פאַר זיך אַ ריין יידיש ווערק, וואָס פאַרנעמט זיך בעיקר מיט דעם תכלית פונם מענטשן און זיין אינדיווידועלן אָדער קאָלעקטיוון פאַרנעס, וואָס בינדט זיך שוין מיטן פאַרשלייערטן באַגריף פון משיחיזם. ...קאָנ־סטרוקטיוו גענומען, הינקט די דראַמאַטישע פּאָעמע אַ ביסל אונטער. דער פּלאַן איז נישט אינגאַנצן גראָדווייק. ...דעריבער פעלט דער קאָמפּאָזיציע פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע איינהייטלעכקייט און פריער פאַר אַלעם לײדן די באַזונדערע בילדער אויף דיספּראָפּאָרציע. ...די גאַנצע אַרט האַנדלונג איז איינגערעמט אין לויטערע און קלאָרע עפּישע שילדערונגען. הגם די צייכענונגען זיינען מאַנאָטאָניש, קומען דאָך די געשטאַלטן, פאַר זיך, אַרויס פּלאַסטיש, דאַקעגן די דראַמאַטישע קאָליזיעס זיינען צו ווייניק סובטעל. ...אָריגינעל איז אויך לייוויק דערמיט וואָס ער האָט נישט אויסגענוצט אין דער גאַנצער לענג דעם עראָטישן מאָמענט, וואָס וואָלט זיך קינסטלעריש געלאָזט דאָ פיין איינפלעכטן. ... די שפּראַך איז קלאָר און לויטער ווי פרישע קוואַל־וואַסער. דער אַרט דערציילן אַ כראָנאָלאָגיש־עפּישע מיט אַ שטאַרק לירישע באַפאַרבונג. ...ווען לייוויק זאָל זיך ...בעסער אָנשטעקן מיט פּרצס בינדיקן זאַץ, אָפּגעהאַקטקייט, און דער עיקר מיט דעם קורץ־אָטעמדיקן פערז, וואָלט דאָס ווערק דערמיט אַ סך געוווּנען“.

לעאָ פינקעלשטיין

דאָרטן און דאָ

וועגן דעם דערציילער און דראַמאַטיקער פּ. בימקאָ

פאַרלאַג: גרשון פּאָמעראַנץ עסיי־ביבליאָטעק

טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, 1950 [192 זייטן]

דער שרייבער באַהאַנדלט און אַנאַליזירט בימקאָס שאַפונגען, באַזונדערס זיינע דראַמעס. דאָס בוך נעמט אַרום די ביז־דעמאָלט דערשינענע 8 בענד פון בימקאָן.

פינקעלשטיין גיט איבער דעם אינהאַלט פון בימקאָס דראַמעס און כאַראַקטעריזירט די העלדן און די סוזשעטן.

[דאָס איז שוין דער צווייטער בוך וועגן בימקאָן אַלס דראַמאַטיקער. זע אהרן בעקערמאַנס בוך אויף דער זעלביקער טעמע].

LE THEATRE JUIF

DAS LE MUNDE

Paris (1931)

[דאָס יידישע וועלט־טעאַטער]

דאָס בוך, אין פראַנצויזיש, נעמט אַריין, צווישן אַנדערע, אַרטיקלען פון פּאַסקאַל זייסעט וועגן פורים־שפילן, בען לאַזאַר וועגן גאָלדפאַדן און גאָרדין, יעקב אַפּענשלאַג וועגן וואַרשעווער יידישן טעאַטער (אסתּר־רחל קאַמינסקאַ, „ווילנער טרופּע“, „סקאַלאַ“־טעאַטער). נ. ברינד וועגן יידישע טעאַטער־טרופּעס אין ווין, דר. א. מוקדוני וועגן יידישע טעאַטער אין אַמעריקע. דער־נאָך גייען אַרטיקלען וועגן „הבימה“ און וועגן ישראל־טעאַטער־פּראָבלעמען, וועגן די פראַנצויזישע קינסטלעריננס ראַשעל און סערא בערנאַרד, דעם דייטש־יידישן רעזשיסער מאַקס ריינהאַרדט, דעם יידיש־ענגלישן אַקטיאָר עדמונד קין, אַן אַרטיקל וועגן יידן אין דער פראַנצויזישער דראַמאַטורגיע, פילם און טעאַטער־דעקאָראַציעס און אַן אַרטיקל פון לעאָ פּויכטוואַנגער וועגן יידיש־דייטשע דראַמאַטורגן.

פ. פרידמאַן

הינטער־קוליסן מאַסקעס

איינלייטונג פון נ. וויינינג

וואַרשע 1925 [ניט פּאַגאַנירט, 92 זייטן]

דאָס בוך אַנטהאַלט צוויי אָפּטיילונגען: בינע און פעדער. אין ביידע ברענגט פרידמאַן צייכנונגען פון אַ גאַנצע ריי קינסטלער; די אַקטיאָרן לעדערמאַן, לאַנדוי, פישער, וויינטרויב, ליפּמאַן, פיינשטיין, קייזעראָוויטש, ראָטמאַן, קאַליש, הויזווירט, סאַנדלער, נאָזשיק, גאָרבאַרזש, מאָרעווסקי, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, קרעלמאַן, פרידמאַן, קערמאַן, קראַנץ, טאַרלאָ, קורץ. יעדער אין עטלעכע ראָלן. די שריפטשטעלער: שלום אש, י. אָפּאַטאָשו, אַברהם גאָלדבערג, ש. גילבערט, יוסף העפטמאַן, מ. מ. הורוויטש, מ. וואַנווילד, אַ. זאַק, י. טונקעלער, ב. יאָושזאָן, מ. לייזעראָוויטש, יואל מאַסטבוים, אַברהם מאָרעווסקי, ב. מיכאַלעוויטש, נחמן מייזיל, ה. ד. נאָמבערג, ז. סעגאַלאָוויטש, י. פּערלע, א. קאַציזנע, א. קליינמאַן, ב. קרעמער, מאַרק ראַקאָווסקי, נ. שוואַלבע, י. שטערן און דער רעזשיסער דוד הערמאַן, יעדער אין אַ געוויסער פּאָזע.

אין זיין אַריינפיר זאָגט נ. וויינינג:

„דער פּאָרטרעט אָדער די פּאָרטרעט־צייכענונג וועט קיינמאָל נישט פאַרטרעטן ווערן דורך דעם פאָטאָגראַפירטן בילד ווייל די פאָטאָגראַפיע שאַפט דעם טיפּ, דער פּאָרטרעט דעם כאַראַקטער. די פאָטאָגראַפיע גיט די פאַראַלגעמיינערונג, דער פּאָרטרעט דאָס אינדיווידועלע. ...דער כאַראַקטער ...איז דער פּראָדוקט פונם פאַרבאָרגענער לעבנס־שטראָם, וואָס וואַרפט אַרויס אויף זיין אויבערפלאַך שלענגלדיקע מאַסקעס, וועלכע פאַרענדערן זיך אין יעדער רגע אָדער פאַרשטייפן זיך עקשנותדיק מיטן גרים פונם טונקעלן סוד. אין דעם דאָזיקן שטראָם פון פאַרענדערונגען וואַרפט אַריין דער צייכענער זיין ווענדקע און שלעפט אַרויס די מאַסקעס, וואָס לאַכן און שרעקן, וואָס שפּילן מיט פאַרביקייט און פאַרנעפּלען מיט שוואַרצע וואַלן. און דער באַצווינגער פון דער אַוועקפליענדיקער רגע איז פ. פרידמאַן".

פרייע יודישע פאָלקסביהנע

פרעסעשטימען

פאַרלאַג פונם גרינדונגס־קאָמיטע פון דער יודישער קינסטלער־ביהנע,

געז. מ. ב. ה., וויען [1921, 15 זייטן]

PRESSESTIMMEN [82 זייטן]

ביידע אָפּטיילונגען אין יידיש און אין דייטש עפענען זיך מיט אַן אויפרוף וועגן שאַפן אַן אייגענעם בנין פאַרן יידישן טעאַטער אין ווין מיט וועלכן די געזעלשאַפט פירט אָן, און אַן אַפּיל פאַר מיטגלידערשאַפט אין דער פאָרם פון אַקציעס צו 10 טויזנט קראָנען.

די בראָשור איז אַ זאַמלונג פון רעצענזיעס פאַרן ערשטן האַלבן יאָר פון דעם טעאַטער (יאַנואַר־יוני 1921), לויט וועלכן ס׳איז צו זען, אַז מיטן אָנטייל פון דעם שפּעטער־באַרימטן יידישן שוישפּילער דר. פּאול באַראַטאָוו (דעמאָלט בן־צבי) זיינען א׳ר פון עגאָן ברעכער און יצחק דייטש אויפגעפירט געוואָרן די פּיעסן „גאָט פון נקמה“ פון שלום אַש, „דער אומבאַקאַנטער“, „די יתומה“ און „דער פרעמדער“ פון יעקב גאָרדין, „תקיעת כף“ פון פרץ הירשביין, „יעקל דער שמיד“ פון דוד פּינסקי, „די יידן“ פון יעווגעני טשיריקאָוו, „שמע ישראל“ פון אָסיפּ דימאָוו און „בערטשיק“ פון לעאָן קאָברין.

אין דעם יידישן טייל ווערן ציטירט רעצענזיעס פון מ. ר־טש [מלך ראַוויטש], ש. י. דאָרפזאָהן און נ. ראָזענפעלד. אין דייטשן טייל — פון זיגפריד שמיץ, וואָלטער, ז. פּ. פינקעלשטיין, פרעד העלער, מאַקס פליישער, הערמאַן מענקעס, קאַרל לאַפּיטע, האַנס ליבעשטעקל, און אַ גאַנצע ריי רעצענזיעס געצייכנט בלויז מיט איניציאַלן אין דער וויכטיקסטער לאָקאַלער דייטשער פּרעסע.

בנציון פאַלעפּאַדע

זכרונות

פון אַ האַלבען יאָרהונדערט אידיש טעאַטער

בוענאָס איירעס 1946 [462 זייטן]

דאָס בוך, אַרויסגעגעבן פון אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט אונטערן פּאַט־ראָנאַט פון יידישן אַקטיאָרן פאַריין, צום 70טן געבוירנטאָג פון מחבר, צו דער פייערלעכער יובילײ־פאַרשטעלונג דעם 30 מערץ 1946 אין טעאַטער „סאָליעל" (בוענאָס איירעס), איז צוגעטראָגן געוואָרן דעם מחבר ווי אַ פאָלקס־מתנה.

פאַלעפּאַדע האָט אין 32־1931 געדרוקט זיינע זכרונות אין דער אַרטיקער צייטונג „די פּרעסע" און איבערדרוקנדיק זיי אין דעם בוך, האָט ער אויך צו זיי צוגעגעבן זיינע איבערלעבונגען פאַר די ווייטערדיקע יאָרן.

אין זיין הקדמה שרייבט ער:

„איך וויל זיך באַמיען צו שאַפן פון מיינע איבערלעבונגען אַ גאַנצע זאַך, אַ בוך, וואָס זאָל שילדערן צייט און סביבה, אין און אַרום יידישן טעאַטער פון די לענדער, שטעט און שטעטלעך, וו איך האָב אַקטואירט און איך לאָז פריי אַראָפּטריפן פון מיין האַרץ די אַלע עמפּינדונגען און ציטערנישן, וואָס עס האָט דורכגעפּילט אין משך פון אַזויפיל יאָרן און זאָל כאָטש מיט מיין בוך בלייבן אַ זכר פון מיינע אַריבער פופציק יאָר יידיש טעאַטער, וואָס איך האָב מיט מיין אַקטואַציע אַלס בינע־קינסטלער, צוליב מיינע ספּעציעלע שווע־רע באַדינגונגען (וואָס ווערן דערמאָנט אין בוך) נישט געקאָנט דערגרייכן".

דאָס בוך נעמט אַרום פאַלעפּאַדעס טעאַטראַלע טעטיקייט איבער אוקראַינע, רוסלאַנד, גאַליציע, רומעניע, פּוילן און אַרגענטינע.

דאָס בוך איז אילוסטרירט מיטן בעל יובלס בילדער אין פּערזענלעכן לעבן, אין ראָלן און פון פאַרשיידענע טעאַטראָלן.

SO LAUGH A LITTLE

By **MOLLY PICON**

As told to **ETH CLIFFORD ROSENBERG**

Paper Back Library, Nnc. New York (1966, 160 pp.)

[„לאַך אַביסל"

פון **מאַלי פּיקאָן**

ווי דערציילט **עט קליפאָרד ראָזענבערג**

פּעיפּערבעק לייברערי, אינק., ניו־יאָרק 1966, 160 זייטן]

דאָס בוך איז געשריבן אין ענגליש פון עט קליפאָרד ראָזענבערג לויט ווי מאַלי פּיקאָן האָט איר דערציילט.

אין איר פאָרוואָרט דערציילט מאַלי, אַז ווען זי האָט אין 1921־1919 געשפּילט אין באָסטאָן, פלעגט צו איר אַריינקומען אַ פרוי, אַ באַזיצערין פון אַ גראָסערי־סטאָר. וועלכע פלעגט איר תמיד מכבד זיין מיט צוקערלעך. יאָרן־שפּעטער, ווען זי האָט גאַסטראָלירט אין באָסטאָן מיט „מילך און האָניג", האָט זיך די פרוי ווידער צו איר באַוויזן. זי האָט איר דערמאָנט אין איר באָבען. ווען זי האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט פאַר באַקאַנטע, האָט מען איר געגעבן די אידעע צו באַשרייבן אין אַ בוך איר באָבען, אַ פרוי מיט אַ סך הומאָר און איינפאַלן, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען צו איר, מאַלין, אַלס שויש־פּילערין.

מאַלי דערציילט וועגן איר פאַמיליע, איר דעביוט אין טעאַטער, איר קאַריערע אויף סעקאָנד עוועניו, באַווירצט מיט „חכמות" און וויצן.

[אָנהייב טיילן פון דעם בוך האָבן זיך געדרוקט אין יידיש אין „טאָג־מאָרגען־זשורנאַל".]

JULIAN MESSHER, INC.

New York (1962, 175 pp.)

שלום פּערלמוטער

יידישע דראַמאַטורגן און טעאַטער קאָמפּאָזיטאָרס

איקוף־פֿאַרלאַג, ניו־יאָרק 1952 [398 זייטן]

דאָס בוך עפֿנט זיך מיט אַן הקדמה פֿון דר. יעקב שאַצקי און אַ פֿאָר־וואָרט פֿון מחבר.

דאָס בוך האָט זיך פֿריער געדרוקט אַלס באַזונדערע אַרטיקלען אין „פֿאָרווערטס".

די אַרבעטן אין דעם בוך, מיט אַ קליינעם צוגאָב פֿון פּערזענלעכע עפּי־זאָדן, זיינען אַ קאָמפּילאַציע פֿון גאָרינס, רייזענס און דעם „טעאַטער לעק־סיקאָן"־אַרטיקלען וועגן די באַטרעפֿנדע.

דאָס בוך אַנטהאַלט די ביאָגראַפֿיעס און די דראַמאַטורגישע טעטיקייט פֿון 49 דראַמאַטורגן, געטיילט אין צוויי טיילן — ביז יעקב גאָרדין און פֿון אים אָן. אין ערשטן טייל גייען אַריין די דראַמאַטורגן און פּיעסן־שרייבער: דר. שלמה עטינגער, ישראל אַקסענפֿעלד, אַברהם־בער גאָטלאָבער, אַברהם גאָלדפֿאַדן, יאָזעף לאַטיינער, משה האָרוויץ, שמ״ר, יוסף־יהודה לערנער, ראובן וויסמאַן, משה־לייב ליליענבלום, רודאָלף מאַרקס, באָריס טאָמאַשעווסקי, אַנשל שאָר, זיגמונט פֿיינמאַן, דר. יהודה־לייב לאַנדוי און משה זייפֿערט. אין צווייטן טייל: יעקב גאָרדין, יעקב טער, שלום־עליכם, יצחק אויערבאַך, דוד־משה הערמאַלין, אַברהם־מיכל שאַרקאַנסקי, מאַקס געביל, דוד פּינסקי, משה ריכטער, איזידאָר זאָלאָטאַרעווסקי, נחום ראַקאָוו, לעאָן קאָברין, משה קאַטץ, ז. ליבין, מאָריס גיסנעט, שלום אַש, ז. קאָרנבליטה, משה שור, מאַרק אַרנשטיין, י. ל. פּרץ, פּרץ הירשביין, ש. אַנסקי, גרשם באַדער, הערי סעקלער, אַברהם שאָמער, אָסיפּ דימאָוו, מאָריס שוואַרץ, ה. קאַלמאַנאָוויטש, פּ. בימקאָ, ה. לייוויק, חנא גאָטעספֿעלד, י. י. זינגער, לייב מלאַך.

אין דער אָפּטיילונג וועגן קאָמפּאָזיטאָרס, וואָס עפֿנט זיך מיט אַן אַריינ־פֿיר פֿון יוסף רומשינסקי, קומען אַריין די ביאָגראַפֿיעס פֿון זיידל העלמאַן, מאַקס אַוראַמאָוויטש, אליהו־זלמן יאַריכאָווסקי, זעליג מאָגולעסקאָ, דוד הירש, דוד מייעראָוויטש, אהרן פּערלמוטער, חנא וואָלפֿסטאַל, יודעלע בעלזער, הער־מאַן וואָהל, פּערלמוטער און וואָהל, לואיס פֿרידזעל, יוסף ברודי, יוסף רומשינסקי, שלום סעקונדאַ, פּרץ סאַנדלער, אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי, לעאָ ליאָוו, אייב עלשטיין, הערי לעפּקאָוויטש, פֿיליפּ לאַסקאָווסקי, איליאַ טרי־לינג, יאָשע קרייצבערג. די אָפּטיילונג שליסט זיך מיט אַ נאָכוואָרט פֿון גרשם באַדער.

אברהם גאָלדפאַדען

מיינע מעמואַרען און זיינע בריעף

פון י. פערקאָף

פּריז... ווילפיעל איינער קען געבען.

לאָנדאָן, 1908 [30 זייטן צו 2 עמודים]

דער מחבר אונטערשטרייכט, אַז ער האָט ביז 1900 נאָר געהערט וועגן גאָלדפאַדן, און פערזענלעך איז ער מיט אים באַקאַנט און באַפריינדט געוואָרן ערשט אין די יאָרן 1907־1900 דורכדעם וואָס ער, אַלס פאָטאָגראַפיסט, איז גערופן געוואָרן צו פאָטאָגראַפירן אַ גרופּע דעלעגאַטן צום ציוניסטישן קאָנגרעס (צווישן זיי ג.). זייער פריינטשאַפט האָט דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז ג. האָט בערך אַ יאָר צייט געוווינט ביי פערקאָפן און ס׳איז צווישן זיי אָנגעגאַנגען אַ לעבהאַפטע קאָרעספּאָנדענץ.

דער מחבר ציטירט אייניקע גאָלדפאַדנס בריוו און בויט דורך זיי אויף די כאַראַקטעריסטיק פון גרינדער פון יידישן טעאַטער. ער אילוסטרירט אויך דאָס ביכל מיט בילדער און אַ פאָטאָגראַפירטן בריוו פון גאָלדפאַדן.

די הכנסה פון דעם ביכל באַשטימט דער מחבר פאַר גאָלדפאַדנס אַלמנה וועמענס בילד און בריוו ער דרוקט אויך אין דעם ביכל, וואָס ער עפנט מיט זיינע אַ פאַראָדיע אויף גאָלדפאַדנס ליד „אַ פאַסטוכל“:

אַ פאַסטוכל ביזטו געווען אַמאָל
אין דעם יאַמער־טאָל
געזונגען לידער אָן אַ צאָל
פאַר דיין פאָלק ישראל.

און אַז דו ביזט אַלט געוואָרן
איז דיר געבליבן צו שנאָרן
האָסט דיין קול פאַרלאָרן
ס׳איז דיר געגאַנגען שלעכט

אָבי קיין ברויט צו בעטן
קראַנקערהייט געשטריטן
שטילערהייט געליטן
געאַרבעט ווי אַ קנעכט.

שלמה פריזאַמענט

בראָדער־זינגער

מיט איינלייטונגס־ווערטער פון **זלמן הירשפעלד** און **זיגמונט טורקאָוו**

אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

ביכער־סעריע דאָס פוילישע יידנטום, באַנד 151.

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו, פאַרלאַגס־לייטער: אברהם מיטלבערג

בוענאָס איירעס, 1960 [238 זייטן]

זלמן הירשפעלד שילדערט פריזאַמענטן ווי אַ יורש פון די אַמאָליקע בראָדערזינגער.

זיגמונט טורקאָוו, וועלכער האָט אויפגעפירט אַשענדאָרפס און פריזאַמענטס מוזיקאַלישע פּיעסע „די בראָדערזינגער״, כאַראַקטעריזירט זיי און פריזאַמענטס ראָל אין דער פּיעסע.

שלמה פריזאַמענט ברענגט אַ קורצע געשיכטע פון די בראָדערזינגער.

דאָס בוך ברענגט 54 לידער, געזונגען פון די בראָדערזינגער, מיט נאָטן, טייל קאָמפּאָזיציעס פון פריזאַמענט. לסוף עטלעכע געגראַמטע מאָנאָלאָגן פון ש. פריזאַמענט.

נח פּרילוצקי

יידיש טעאַטער

1912 — 1905

באַנד 1, פערלאַג א. אַלבעק, ביאַליסטאָק, 1921 [159 זייטן]

באַנד 2, פערלאַג א. אַלבעק, ביאַליסטאָק, 1921 [125 זייטן]

נח פּרילוצקי איז פּאַקטיש דער ערשטער יידישער טעאַטער־קריטיקער אין פּוילן. ער האָט אויך אין דער זעלביקער צייט געטאָן פאָרש־אַרבעטן בנוגע דעם יידישן טעאַטער.

ביידע בענד נעמען אַריין קריטיקס, עסייען און אָפּשאַצונגען, וועלכע ער האָט פריער פאַרעפנטלעכט אין דער יידישער פּעריאָדיקע.

דער ערשטער באַנד איז צעטיילט אויף דריי ענינים: אַלגעמיינעס, וואָס באַהאַנדלט אונדזער טעאַטער־קריטיק, קריזיס פון אונדזער דראַמאַטישן טעאַ־טער, פיר יאָר יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד און פּוילן, דער יידישער אינטע־ליגענט און דאָס יידישע טעאַטער, ביי „זיי" און ביי אונדז, די רעכטלעכע לאַגע פון יידישן טעאַטער, יעקב גאָרדין; וואָס נעמט אַריין אַ נעקראָלאָג, מ. ליליענבלום און יעקב גאָרדין, יעקב גאָרדין און זיין סעקטע, יעקב גאָרדינס ודוי, „מירעלע אפרת" אין פּעטערבורג און אין וואַרשע, די אויפפירונגען פון „די שבועה", „אָן אַ היים" און „געברידער לוריע", און, וואָס זאָגן פרעמדע וועגן יעקב גאָרדין; שלום־עליכם אַלס דראַמאַטורג [די ערשטע אַרבעט אויף דעם געביט].

דער צווייטער באַנד עפנט זיך מיט אָפּשאַצונגען וועגן שפּילן פון די שוישפּילער יעקב ליבערט, פעני וואַדיא־עפּשטיין, מאָריס מאָשקאָוויטש, דוד קעסלער, פרוי מ. לאָבעל, בועז יונגוויץ, מ. מייערסאָן און מישע פישזאָן, דער צווייטער טייל פון דעם באַנד ברענגט רעצענזיעס אויף די אויפפירונגען פון „דודס פידעלע", „דר. יאָזעלמאַן", רחל קאַמינסקיס בענעפיס, „די שוועס־טער" פון פּרץ, „יעקל דער שמיד" פון פּינסקי, „דער אינטעליגענט" פון הירשביין, „דער יחוס" פון אש, „שיילאָק", ישראל" פון אַנרי בערנשטיין, דער כח פון טפשות, „עווא", „שושנה די צנועה" און „ציגיינער באַראָן".

נח פּרילוצקי

פאַרוואָס איז דאָס יידישע טעאַטער אויפגעקומען אַזוי שפּעט?

וווילנע (ווילניוס), 1940 [136 זייטן]

דאָס איז אַ סעפּעראַטער אָפּדרוק פון דער אַרבעט, געדרוקט אין אַלמאַנאַך „אונטערוועגנס". דאָס בוך באַשטייט פון 7 קאַפּיטלען.

די ערשטע 4 קאַפּיטלען באַהאַנדלען די אַנטשטייונג פון טעאַטער ביי די אומות העולם. אין די לעצטע 3 קאַפּיטלען ווערט געצויגן אַ פּאַראַלעל צווישן דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דעם וועלט־טעאַטער (דער רעליגיעזער קולט און די קירכן־פאַרשטעלונגען אין פאַרגלייך מיט די יידישע חתונה־מנהגים, דראַמאַטישע עלעמענטן אין דער יידישער ליטורגיע, פּורים־מנהגים און „פּורים־שפּיל" ביזן אויפקום פון גאָלדפאַדן־טעאַטער).

פּרילוצקי איז שטאַרק מחולק מיט דר. שיפּער, וועלכער האַלט, אַז דאָס אַנטשטייען פון יידישן טעאַטער דאַרף מען זען אין די „פּורים־שפּילן". פּ. באַטראַכט די „פּורים־שפּילן" ווי בלויז צופעליקע, ניט־סטאַבילע פאַרשטעלונגען, און דעם אָנהייב פון יידישן טעאַטער ערשט אין גרונטלייגן פון גאָלדפאַדנס בינע אין 1876.

[די הויפּט־טעזיסן אויף וועלכע ער בויט זיין מיינונג זע אין פּרילוצקיס ביאָגראַפיע אין „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", דריטער באַנד, זייטן 1884־1879.]

נחמיה צוקער

פיר דורות אידיש טעאַטער

די לעבנס־געשיכטע פון **זינא ראַפּעל**

אייגענער פאַרלאַג, בוענאָס איירעס 1944

[צוויי טיילן, 478 זייטן]

די צוויי ביכער זיינען געשריבן געוואָרן אויפן גרונט פון שמועסן מיט דער שוישפּילערין און פרעסע־אָפּרופן.

די ביכער, וועלכע זיינען זייער רייך אילוסטרירט, דער עיקר מיט דער שוישפּילערין אין פאַרשיידענע ראָלן, פאַמיליע־בילדער און געוויסע שוי־שפּילער מיט וועלכע עס איז איר אויסגעקומען צו שפּילן אין איר רייכער קאַריערע, נעמט אַרום די געשיכטע פון 4 דורות אַקטיאָרן, אירע עלטערן, יעקב און איטע־פייגל ציפּקוס, זינע און אירע דריי מענער: טעקס, ראַפּעל און פעלץ, אירע קינדער, די איידעמס און אייניקלעך.

עס קומען אויך אַריין קורצע שילדערונגען און כאַראַקטעריסטיקעס וועגן אַ סך שוישפּילער מיט וועלכע עס איר אויסגעקומען צו שפּילן, פריער אַלס סובּרעטין־פּרימאַדאָנע ביז שפּעטער אַלס דראַמאַטישע אַקטריסע און צום סוף אַלס מוטער־ראָליסטקע.

די ביכער זיינען דערשינען נאָך דער אַקטריסעס טויט.

אלחנן צייטלין

בוך און בינע

וואַרשע, 1939

דאָס בוך פון דעם קדוש אלחנן צייטלין איז דערשינען אויף דער סאַמע שוועל פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און איז כמעט אַן אוניקום. ס'איז באַקאַנט, אַז קיין אַמעריקע איז אָנגעקומען בלויז איין עקזעמפּליאַר צו ש. ניגער, און געפינט זיך איצט, צוזאַמען מיט זיין גאַנצער ביבליאָטעק, אין „ייוואָ" אין ניו יאָרק.

דאָס בוך אַנטהאַלט אַ נאָר קליינעם טייל פון צייטלינס אַרטיקלען וועגן יידישע ביכער און וועגן יידישן טעאַטער, באַזונדערס וועגן טעאַטראַלן, וועלכע ער האָט פריער פאַרעפנטלעכט אין דער יידישער פּעריאָדיקע.

לעאָן קאָברין

ערֹאינערונגען פון א אידישען דראַמאַטורג

אַ פערטל יאָרהונדערט אידיש טעאַטער אין אַמעריקאַ.

אַרויסגעגעבן פונ'ם קאָמיטעט פאַר קאָברינ'ס שריפטען.

[ניו יאָרק, 1925, ערשטער באַנד, 224 זייטן. צווייטער באַנד, 192 זז.]

ביידע בענדער נעמען אַריין פּערזענלעכע דערפאַרונגען, איינדרוקן, שילדערונגען און כאַראַקטעריסטיקעס פון די שוישפּילער, דראַמאַטורגן און טעאַטראַלן יואל ענטין, ב. מ. שמ״ר, יעקב גאָרדין, קעני ליפּצין, דוד קעסלער, זיגמונט מאָגולעסקאָ, בערטאַ קאַליש, יעקב פּ. אַדלער, סערא אַדלער, באָריס טאָמאַשעווסקי, אַברהם גאָלדפאַדן, בעסי טאָמאַשעווסקי, מאָריס מאָשקאָוויטש און סאַמועל טאָרענבערג. עס קומען אויך אַריין אָפּהאַנדלונגען וועגן „די פרייע יידישע פאָלקס־בינע״, דאָס טעאַטער פון לאַטיינער און פּראָפ. הורוויץ, און קאָברינס ערשטע פּיעסע „מינאַ״.

די כאַראַקטעריסטיקעס וועגן די שוישפּילער זיינען על פּי רוב געבונדן מיט זייער שפּילן אין קאָברינס פּיעסן.

אין בוך זיינען אויך אַריין די בילדער פון די דערמאָנטע אַקטיאָרן און שרייבער.

דער מאָסקווער קונסט טעאַטער

פון אַב. קאַהאַן

אַרויסגעגעבען פון דער שיקאַגא'ר אַרבייטער קולטור ליעג

1923 [64 זייטן]

דאָס איז אַ זאַמלונג רעצענזיעס, וואָס דער מחבר האָט פריער געדרוקט אין „פאָרווערטס" בעת די גאַסטשפּילן פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער אין ניו־יאָרק, און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן בעת די טרופּע האָט גאַסטראָלירט אין שיקאַגע.

דער מחבר גיט קודם כל בקיצור די געשיכטע פון דעם טעאַטער, דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע „צאַר פיאָדאָר איוואַנאָוויטש", אַ רעצענזיע וועגן דער אויפפירונג פון אַט דער פּיעסע, אַן אָפּהאַנדלונג וועגן מאָסקווין און קאַטשאַלאָוו אין דער ראָל פון „צאַר פיאָדאָר", דעם אינהאַלט פון גאָרקיס „נאַ דניע" און אַ רעצענזיע וועגן דער אויפפירונג פון דער דראַמע, דעם אינהאַלט פון טשעכאָווס „קאַרשן גאָרטן" און אַ רעצענזיע וועגן דער אויפ־פירונג פון דער פּיעסע, דעם אינהאַלט פון טשעכאָווס פּיעסע „דריי שוועס־טער" און אַ רעצענזיע וועגן דער אויפפירונג פון דער פּיעסע.

דאָס איז דאָס איינציקע בוך אין יידיש וועגן דעם מאָסקווער קונסט־טעאַטער און איז אילוסטרירט.

אב. קאַהאַן

ראַשעל

אַרויסגעגעבען פון „פאָרווערטס", ניו יאָרק 1938 [338 זייטן]

מחוץ צענדליקער אַרטיקלען וועגן דער באַרימטער פראַנצויזישער בינע־קינסטלערין ראַשעל (אַ יידישקע), איז דאָס בוך דאָס ערשטע וועגן איר אין יידיש.

דער מחבר האָט זי קיינמאָל ניט געזעען שפּילן, אָבער זי האָט אים שטאַרק פאַראינטערעסירט, און ער האָט גענומען לייענען די ביכער וועגן איר. כדי פעסטצושטעלן ווי אַזוי די וועלט וואָלט זי אויפגענומען היינטיקע צייט, האָט ער באַשלאָסן צו טאָן מער פאָרש־אַרבעט וועגן איר אופן שפּילן און די ראָלן, וואָס זי האָט פאָרקערפּערט, און דאָס האָט אים דערפירט צום באַשלוס אָנצושרייבן איר ביאָגראַפיע, וועלכע ער האָט פריער פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס".

כדי קלאָרער אַרויסצוברענגען איר אופן שפּילן און אירע טעאַטראַלע שאַפונגען, האָט דער מחבר פון בוך אויך אַריינגעפירט, אין זיין איבערזעצונג, די הויפּט סצענעס פון 4 דראַמאַטישע ווערק אין וועלכע ראַשעל האָט אָפּגעהאַלטן אירע גרעסטע טריומפן. דאָס בוך נעמט אַריין אַ סך רעצענזיעס וועגן איר שפּילן און אויך עפּיזאָדן און מעשות וועגן איר שטורמיש פּריוואַט לעבן, און איז אילוסטרירט מיט אינטערעסאַנטע בילדער פון דער העלדין פון דעם בוך.

[אַ מאָנאָגראַפיע פון ראַשעל האָט אויך געפּרוווט אָנשרייבן דער יידישער שוישפּילער אַברהם טייטעלבוים, אָבער מער ווי צו 2 קאַפּיטלעך אין „באָדן" [1935־36], וואָס זיינען אויך דערשינען סעפּעראַט, איז ער ניט דערגאַנגען. אַן אַנדערע ביאָגראַפיע פון יחזקאל קאָרנהענדלער איז דערשינען אין פּאַריז אין 1958].

פערלאַג „ביכער פאַר אַלע" וואַרשע

א. י. קאַמינסקי

יידישע אַקטערען אויף דער רייזע

אַ קאָמעדיע אין 3 אַקטען

פרייז 15 קאָפּ. וואַרשע, 1908 [64 זייטען]

די קאָמעדיע איז פריער געווען געדרוקט אין „ראָמאַן־צייטונג", וואַרשע, נו' 16־10, 1907. זי שילדערט דאָס שווערע וואַנדער־לעבן פון יידישע אַקטיאָרן, וועלכע פאַרפאָרן אין אַ קליין שטעטל שפילן אין אַן אכסניה. זיי קאָנען אָבער ניט אַראָפּנעמען פון וואָגן זייער באַגאַזש מיט די זאַכן צום שפילן, ווייל זיי זיינען געקומען מיט אַ בעל־עגלה, וועלכן זיי זיינען שולדיק 23 רובל און דערצו מאָנט נאָך דער אַקטיאָר, דער קאָמיקער זיסמאַן, 15 רובל, וואָס ער האָט געבאָרגט. חברה אַקטיאָרן זיינען טויט־הונגעריק, האָבן אָבער ניט קיין פרוטה ביי דער נשמה. זיי ווערן אויפגעריכט פון צוויי צוגערייזטע פון רוסלאַנד, וואָס ברענגען זיי עסן און באָרגן זיי געלט פאַרוואָס זיי ווילן אָבער פאַרפירן ראָמאַנסן מיט די אַקטעריסעס. נאָכן שפילן אייניקע מאָל אין שטעטל, פאַרווערט די רעגירונגס־מאַכט די פאָרשטעלונגען, ווייל זיי שפילן ניט אויף דייטש. די אַקטיאָרן מוזן איבעררייסן די פאָרשטעלונג און ווילן אַנטלויפן פון שטעטל בלייבנדיק בעלי חובות, אָבער דער ליבהאָבער־אַרטיסט לויפמאַן פאַרפירט אַ ראָמאַן מיטן בעל אכסניהס טאָכטער דינה, און זי גיט אים אַוועק אירע אָפּגעשפּאָרטע 80 רובל. איר פאָטער געפינט אָבער אויס, אַז צווישן זייער באַגאַזש איז אויך זיין טאָכטערס, מאַכט ער אַ סקאַנדאַל, מענטשן קומען זיך צוזאַמען, דערונטער אויך פּאָליציי און די אַקטיאָרן זיינען אין סכנה אַרעסטירט צו ווערן.

ז א ַ מ ל ה ע פ ט

צום 20 יאָריקן סצענישן יובל פון

אידע קאַמינסקי

אַרויסגעגעבן פון דער ג' „פריינד פון יידישן טעאַטער" און יובל־

קאָמיטעט, ווילנע, דעצעמבער 1936 [50 זייטן]

דאָס זאַמלהעפט אונטער דער רעדאַקציע פון ש. דרייער, א. מאַרק, ה. מאַץ, מ. מעלמאַן און י. טעפער, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן בעת די גאַסט־שפּילן פון אידאַס טרופּע אין ווילנע.

אויסער אייניקע פאָטאָגראַפיעס ווערן געגעבן קורצע אָפּשאַצונגען פון א. מאַרק, ז. רייזען, י. טעפער, א. מאַרעווסקי, ל. הערבסט־סטאַוו, ה. לעווין, ד. בערעזאָווסקי, מ. אַרנשטיין, ב. האַראָוויץ, א. צייטלין, ד. בירנבוים, ה. אַבראַמאָוויטש און ה. בלאַנקשטיין, די באַגריסונג פון יובל־קאָמיטעט, די יובל־פייערונג, אויסצוגן פון דער פרעסע און באַגריסונגען.

אידאַ קאַמינסקאַ

50 יאָר קינסטלערישע טעטיקייט

דערשיינט אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון יובל־קאָמיטעט אין פאַרלאַג „יידיש בוך“.

[וואַרשע, 1968, אַלבאָם־פאָרמאַט, 84 זייטן יידיש, 23 זייטן פאָטאָגראַפיעס און בילדער, 94 זייטן פויליש]

דער יידישער טייל אַנטהאַלט אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען פון זיגמונט טורקאָוו, דוד ספאַרד, יאָנאַס טורקאָוו, שלמה בעליס, יעזשי זאַוויעסקי, סטאַניסלאַוו וויגאָדסקי, יוליאַן סטריקאָווסקי, אַנדזשעי ווראָבלעווסקי, חיים סלאָוועס, אַלעקסאַנדער באַרדיני, י. טשעפּאַנסקי, יאַן קאָט, יאַן פּאַוועל גאַווליק, עוגעינאַ כיגרין און אַ ביאָגראַפיע פון דער יובילאַרין פון מ. מעלמאַן.

אַלע אַרטיקלען זיינען אויך געדרוקט אין אַ פּוילישער איבערזעצונג.

די דראַמאַטישע קונסט

לעקציעס און דיסקוסיעס

פון ז. קאַרנבליטה

ניו־יאָרק, 1928 [245 זייטן]

דער מחבר, אַ ידישער שרייבער און דראַמאַטורג, האָט דעם אינהאַלט פון בוך פריער פאַרעפנטלעכט אין המשכים אין „פרייע אַרבייטער שטימע“.

דאָס ערשטע טעאָרעטישע ווערק איבער דראַמע אין ידיש. דער צוועק איז איבערצוגעבן „די אייביקע אַלטע אמתן וועגן דער דראַמאַטישער קונסט אַזוי קלאָר, אַז יעדער מענטש מיט דורכשניטלעכער אינטעליגענץ זאָל זי גרינטלעך באַנעמען, און אַנטפּלעקן פאַרן לייענער די פאַרבאָרגענע פונדאַמענטן אויף וועלכע די אמתן זיינען געגרונטפעסטיקט... אַריינצופירן דעם לייענער הינטערן פאַרהאַנג און אים וויזן דעם קוואַל פון דער געטלעכער חכמה פון וואַנען עס שטראָמען אַרויס די פּרינציפּן פאַר דער דראַמע, וואָס זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן פון דעם גרויסן גריכישן חכם אַריסטאָטעל“. **דער מחבר האַלט, אַז** „קיינער דאַרף ניט דערוואַרטן, אַז ווען ער וועט איבערלייענען דאָס בוך, וועט ער קאָנען זיך אַוועקזעצן און אָנשרייבן אַ דראַמע. ... אָן איינגעבוירענעם טאַלענט קאָן מען ניט טאָן קיין שעפערישע אַרבעט, אָבער דעם, וואָס איז באַגאַבט, וועלן די לעקציעס און דיסקוסיעס באַלייכטן דעם וועג און אים פאַרהיטן פון פאַרבלאָנדזשן אין אַ זומפּ, ווי דאָס טרעפט צו אָפט אַפילו מיט גרויסע טאַלענטן. ...די הויפּט־שטרעבונג איז דעם דאָזיקן [אינטעליגענטן טעאַטער־ליבהאָבער) אומשאַצבאַרן טעאַטער־גייער צו מאַכן פאַר אַ זעלבסטשטענדיקן מבין אויף אַ פּיעסע כדי ער זאָל ניט קאָנען פאַרפירט ווערן פונם אומאויפריכטיקן אָדער אַליין־פאַרפירטן קריטיקער, אָנצונעמען פאַר הויכער קונסט יעדע פּרעטענציעזע זינלאָזיקייט, און כדי ער זאָל וויסן וואָס צו מאָנען פונם בעסערן יידישן טעאַטער“.

אין 41 קאַפּיטלעך ווערן באַהאַנדלט די פּיעסן „שיילאָק“ און „ליר“ פון שעקספּיר, „גאָט, מענטש און טייוול“, „מירעלע אפרת“ און „חאַשע די יתומה“ פון גאָרדין, „מאָשקע חזיר“ פון בערקאָוויטש, „לא תחמוד“ (פון גאָלדפאַדן), אין דער מאָדערניסטישער אויפפירונג אין קונסט־טעאַטער, „דער פריילעכער חזן“ פון משה ריכטער און „אַמעריקאַנער חסידים“ פון גאָטעספעלד.

יחזקאל קאָרנהענדלער

ראַשעל

איר קונסט, איר לעבן, איר ייִדישקייט

פאַרלאַג „ייִדיש", פּאַריז, 1958 [158 זייטן]

דאָס בוך, מיט איניקע אילוסטראַציעס, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צום 100־טן יאָרצייט נאָך דער קינסטלערינס טויט. דער מחבר ווייזט אָן, אַז הגם ראַשעל איז געשטאָרבן אין יונגען עלטער פון 37 יאָר, איז וועגן איר געשאַפן געוואָרן אַזאַ רייכע ליטעראַטור פון אירע צייט־מיטמענטשן, וואָס באַשעפּטיקט די וועלט ביזן היינטיקן טאָג.

דאָס בוך שילדערט ראַשעלס גורל, אָנהייבנדיק פון דער דראַמאַטישער שול ווו זי האָט באַקומען אירע ערשטע לעקציעס, די טעאַטערס ווו זי האָט געשפּילט, די ווינונגען ווו האָט געלעבט און איר קבר.

דער מחבר שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ וועגן איר צוגעבונדנקייט צום ייִדישן פאָלק.

[זע אַנדערע ביכער אין ייִדיש וועגן ראַשעל פון אב. קאַהאַן און אַברהם טייטעלבוים].

זאַמלבוך צום חנוכת הבית
אידישען קונסט טעאַטער

מאָריס שוואַרץ — דירעקטאָר

1918 — ניינטער יאָר — 1926

[ניו יאָרק, 1926, 43 זייטן יידיש, 5 זייטן ענגליש, זשורנאַל־פאָרמאַט]

די אויסגאַבע עפנט זיך מיט אַ בילד פון דער נייער היים פון יידישן קונסט־טעאַטער, דערנאָך גייען די אַרטיקלען: „דער יידישער קונסט טעאַטער" פון מאָריס שוואַרץ, „די קולטור־מיסיע פון יידישן טעאַטער" פון ש. ניגער, „דער יידישער קונסט־טעאַטער" פון דר. א. מוקדוני, „גאָלדפאַדן און דער מאָדערנער יידישער טעאַטער" פון דר. יעקב שאַצקי, באַגריסונגען פון דר. מ. ווייכערט, מאָריס מייער, י. ל. פרץ שרייבער פאַריין, י. ד. בערקאָוויטש, אָסיפ דימאָוו, יהואש, ה. לייוויק, דוד פינסקי, לעאָן קאָברין, יונה ראָזענפעלד, אברהם רייזען, דער יידישער טעאַטער־מוזיי, יידישע אַקטיאָרן יוניאָן, אַרטעף, מאַדיאַקאָט, אב. קאַהאַן, ס. דינגאָל, יעקב פישמאַן, ל. קעסנער, „די אידישע וועלט" (פילאַדעלפיע), דר. א. מאַרגאָלין, „קאַנאַדער אָדלער" (מאָנטרעאָל), „די אידישע וועלט" (קליוולאַנד), „אידישער זשורנאַל" (טאָראָנטאָ), „פרייע אַרבייטער שטימע", „דער אידישער אַרבעטער", „דער גרויסער קונדס", אַרטיקלען פון דעם בויער פון טעאַטער, לואיס נ. יאַפפע און אַן אַרטיקל פון מאָריס שוואַרץ וועגן אים. אין ענגליש זיינען געדרוקט באַגריסונגען פון גרויסע פערזענלעכקייטן, צווישן אַנדערע פון דר. חיים ווייצמאַן, הערמאַן בערנשטיין און דעיוויד בעלאַסקאָ, און דאָס פּראָגראַם פון דער אויפפירונג „דאָס צענטע געבאָט" פון אברהם גאָלדפאַדן.

די אויסגאַבע איז זייער רייך אילוסטרירט מיט די בילדער פון מאָריס שוואַרץ, אברהם גאָלדפאַדן, די מיטגלידער פון דער טרופּע, דער „קונסט־רינג", די מאָלער, מוזיקער, כאָרעאָגראַפן, די בילדער פון די דראַמאַטורגן וועמענס פּיעסן דאָס טעאַטער האָט אויפגעפירט, מאַסן־סצענעס פון דעם טעאַטערס אויפפירונגען.

די ענגלישע אויסגאַבע ברענגט אויך אַן אַרטיקל „די צוקונפט פון דער טעאַטער־קונסט אין אַמעריקע" פון ריטשאַרד באָלעסלאַווסקי, דער אינהאַלט פון „די 10 געבאָט" און דאָס פּראָגראַם.

טעאַטער־בוך

לכבוד דער נייער הייב

עלפטער סעזאָן 1929 — 1928

(ערשטער סובסקריפּשאָן יאָר)

מאָריס שוואַרץ — דירעקטאָר

[ניו יאָרק, 1928, 49 זייטן יידיש, 7 זייטן ענגליש, זשורנאַל־פאָרמאַט]

די אויסגאַבע, וואָס איז געווידמעט דער אויפפירונג פון מאָריס שוואַרצס דראַמאַטיזאַציע פון שלום אַשס ראָמאַן „קידוש השם“, עפנט זיך מיט ש. ראַס־קינס אַ צייכענונג פון מאָריס שוואַרץ, דערנאָך גייען די אַרטיקלען: „ערב דער אויפפירונג פון „קדוש השם“ פון מאָריס שוואַרץ, „אַש׳ס „קדוש השם“ אין ליכט פון געשיכטע“ פון דר. יעקב שאַצקי, „אויף קדוש השם“ פון דר. א. קאָראַלניק, „דער געזעלשאַפטלעכער טעאַטער“ פון דר. א. מוקדוני, „אַן אידעאַל פובליקום“ פון א. גלאַנץ. „דער קונסט־טעאַטער און דאָס יידישע קינד“ פון אפרים אויערבאַך, „ווען זאָל אַ קריטיקער שרייבן“ פון דער לע־בעדיקער, „אַזאַ חוצפה . . .“ פון א. מאָרעווסקי; אַרטיקלען וועגן רעפּערטואַר פון „יידישן קונסט־טעאַטער“: „מנחם מענדל מיעהופּעץ“ פון ש. ניגער, „מיין רעזשי־בוך פון „אָטעלאָ“ פון גלאַגאָלין, „לייוויקס ׳גולם׳ פון ק. מרמר „טשעכאָווס ׳וואַסערפויגל׳ פון מנחם באָריישא, „יעקב גאָרדין“ פון יואל ענטין, „פּרץ הירשביין אין דעם אידישן קונסט־טעאַטער“ פון ל. קעסנער, „וועגן סעקלערס דראַמע“ פון דר. א. מ. און דאָס פּראָגראַם פון „קדוש השם“. די אויסגאַבע ברענגט אויך ש. ראַסקינס אַ צייכענונג פון שלום אַש, אַן אויפרוף וועגן יידישן קונסט־טעאַטער, באַגריסונגען פון אב. קאַהאַן און מאָריס שוואַרץ, 8 צייכענונגען פון ס. אָסטראָווסקי פון כאַראַקטערן אין „קדוש השם“, די בילדער פון דער טרופּע, פּאַרוואַלטער און טעכנישן פּערסאָנאַל, די מאָלער, מוזיקער, מחברים, און צוויי מוזיקאַלישע פראַגמענטן (נאָטן) פון יוסף אחרון, און אין ענגליש דאָס פּראָגראַם און דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע.

MALKAH RABELL

EL TEATRO JUDIO MODERNO

Del Teatro de la Universidad de México
Textos

(México, 1965, 104 pp.)

[מלכה ראַבעל

דאָס מאָדערנע יידישע טעאַטער

[אויסגאַבע פון טעאַטער פון מעקסיקאַנער אוניווערסיטעט]

[מעקסיקע, 1965, 104 זייטן]

דאָס איז דאָס ערשטע און איינציקע בוך אין שפּאַניש וועגן יידישן טעאַטער.

די פאַרפאַסערין איז אַ טאָכטער פון די יידישע אַקטיאָרן לעאָן און בעטי ראַבינאָוויטש און אַן אייניקל פון די נעסטאָרן פון יידישן טעאַטער — לאה און אַבאָ קאָמפּאַנעעץ. זי איז אַ שרייבערין און אַ לעקטאָרין וועגן ליטעראַטור און טעאַטער. דער אינהאַלט פון דעם בוך איז דורך איר פריער געגעבן געוואָרן אין לעקציעס אין אוניווערזיטעט.

דאָס בוך האָט פאָלגנדיקע קאַפּיטלעך: גאָלדפאַדן און דער אָפּשטאַם פון מאָדערנעם יירישן טעאַטער, יעקב גאָרדין, דער רעפאָרמאַטאָר פון יידישן טעאַטער; פאַנטאַזיע און רעאַליטעט אין פּרץ הירשביינס דראַמעס; דער יידישער מיסטישער טעאַטער.

דאָס בוך באַהאַנדלט אויך דאָס העברעישע טעאַטער אין קאַפּיטל „טעאַטער אין ישראל און די העברעישע דראַמאַטורגיע” און עס ברענגט אַ פּירוש אויף געוויסע ספּעציפישע יידישע און העברעישע אויסדרוקן אין בוך.

דאָס בוך איז זייער רייך אילוסטרירט מיט יידישע און העברעישע שוישפּילער אין ראָלן.

דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט און טעאַטער אין אַרגענטינע

פון **שמואל ראָזשאַנסקי**

געזאַמלטע שריפטן. ערשטער באַנד. בוענאָס איירעס 1941 [263 ז.]

פון זייט 194 ווידמעט דער מחבר זיין בוך צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אַרגענטינע, אָנהייבנדיק פון זיין סאַמע גרינדונג. ער ברענגט ניט נאָר טרוקענע היסטאָרישע פאַקטן און דאַטעס, נאָר אַנאַליזירט דעם מהות פון דאָרטיקן טעאַטער־וועזן, די השפעה פון יידישן טעאַטער, די באַ־דינגונגען פאַר אָרטיקע אַקטיאָרן און די גאַסטראָלערן פון אויסלאַנד און נעמט אויך אַריין אין דער אַרבעט די אַקטיוויטעטן פון ניט־פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער.

ל. רובינשטיין

דראַמקרייז

האַנטבוך פאַר דראַמאַטישע קרייזן

מאָסקווע, צענטר פאַרלאַג, 1925 [135 זייטן]

[פאַרצייכנט לויט „פרסומים יהודיים בברית המועצות״, ירושלים, תשכ״א]

[זע אויך „האַנטבוך פאַר אַקטיאָרן״ פון הבל בוזגאַן, „וועגווייזער פאַר דראַמאַטישע קרייזן״ פון יאָנאַס טורקאָוו, און „וויאַזוי צוגרייטן אַ ספּעקטאַקל״ פון י. לובאָמירסקי].

דאָס רומשינסקי־בוך

אַרויסגעגעבן לכבוד זיין 50סטען געבורטסטאָג

רעדאַקטירט פון: מ. אַשעראָוויטש, צ. ה. רובינשטיין, ז. זילבערצווייג, וויליאַם עדלין, ח. עהרענרייך, י. קירשענבוים.

סעקרעטאַר פון רעדאַקציע־קאָלעגיום — ש. פערלמוטער.

ניו יאָרק, דעם ניינטן אַפּריל 1931 [126 זייטן]

דאָס בוך, אין זשורנאַל־פאָרמאַט, עפנט זיך מיטן יובילאַרס בילד, די רשימה פון יובל־קאָמיטעט, בילדער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון יובילי און אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון יובילאַר, געשריבן פון זלמן זילבערצווייג, אַר־טיקלען און באַגריסונגען וועגן יובילאַר פון זלמן רייזען, אב. קאַהאַן, דר. א. מוקדוני, ראובן גוסקין, יעקב קאַליך, ב. וולאַדעק, צ. ה. רובינשטיין, מ. אַשעראָוויטש, מאָריס שוואַרץ, דר. יעקב שאַצקי, יעקב קירשענבוים, יעקב ראַפּאַפּאָרט, שלום פערלמוטער, ב. באַטוויניק, גרשם באַדער, חיים עהרענ־רייך, אַנשל שור, באָריס טאָמאַשעווסקי, שלום סעקונדע, יעפים ישורין, ל. מלאָטעק, מאַקס גאָלדינג, און מ. א., ביאָגראַפישע דאַטעס פון רומשינסקיס לעבן און שאַפן, אַ ליד פון י. ל. וואַסילקאָווסקי, 26 אַרטיקלען פון רומשינסקי און זיינע אַפּאָריזמען, אַ מאָנטאַזש פון זיינע געדרוקטע נאָטן, און אין ענגליש אַרטיקלען פון הערי הירשפילד, אייזיק גאָלדבערג, נעיט דזשעי פערבער, אירווינג פראַנקאָ גאָלדמאַן און דר. ש. אירוויִנג.

דאָס בוך האָט אויך קאַריקאַטור־צייכענונגען פון בעל־יובל און זיינע פּיעסן.

יוסף רומשינסקי

קלאַנגען פון מיין לעבן

אַרויסגעגעבן דורך דער סאָסייעטי פון יידישע קאָמפּאָזיטאָרן.

פאַרלאַג א. י. בידערמאַן, ניו־יאָרק 1944 [832 זייטן]

דאָס בוך, זייער רייך אילוסטרירט מיט פאַמיליע־בילדער און פאָטאָגראַ־פיעס פון פאַרשיידענע טעאַטראַלן, איז פריער טיילווייז, אַלס באַזונדערע אַרטיקלען, געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס" און דערנאָך קאַפּיטלעכווייז אין „טאָג", און איז אַרויס צו זיין 50־טן געבוירנטאָג.

דער מחבר באַשרייבט דאָ זיין יוגנט, זיין אַריינקומען אין דער מוזיקאַ־לישער וועלט סיי אַלס דיריגענט, סיי אַלס קאָמפּאָזיטאָר, שפּעטער אַלס טע־אַטער־דירעקטאָר. עס איז אָנגעפּיקעוועט מיט די פאַרשיידנסטע טשיקאַוו־סטע און סענסאַציאָנעלסטע עפּיזאָדן און פּאַסירונגען, גלייכצייטיק מיט כאַ־ראַקטעריסטיקעס וועגן די שפּיצן־קעפּ אין דער יידישער און ניט־יידישער טעאַטער־וועלט און ברענגט אויך אָפּשאַצונגען וועגן אַ באַטייטנדע צאָל יידי־שע טעאַטער־מענטשן מיט וועלכע דער מחבר איז געקומען אין ענגען קאָנטאַקט.

מאדאם פעני ריינהארט

אלס קינסטלערן — אלס מענטש

אין דער אפשאצונג פון אירע פריינט

ארויסגעגעבן פון דער פעני ריינהארט יובילײ קאמיטע

לאס אנגעלעס, קאליפארניע, 1941 [45 זייטן יידיש, 31 זייטן ענגליש]

דאס בוך עפנט זיך מיט אן אריינפיר פון יובילײ־קאמיטעט: לואיס סילווערבערג, דזשוליוס לעווינ, דזשוליוס נאטאנזאן און מאקס ליכטער, דערנאך קומט א ביאגראפיע פון דער יובילארשע פון לייזער מעלצער, א געווידמעט ליד פון שלמה שמולעוויטש, אפשאצונגען און זכרונות פון י. ש. נאומאוו, ל. בלאנק, מענדל טעפליצקי, דזשוליוס נאטאנזאן, הרב בנימין מארקוס, מ. פריימאן, באגריסונגען, לידער פון ראזא נעוואדאווסקא און ח. גאלדאווסקי, און באגריסונגען.

אין דער ענגלישער אפטיילונג קומען אריין אפשאצונגען פון ראביי י. ט. לאוב (ברודער פון דער יובילארשע) און ראביי דר. ס. מ. נעכעס, לידער פון ב. ל. גאראן און דזשעק גרינבערג.

דאס בוך האט אויך בילדער פון דער יובילארשע און פאמיליע און די שוישפילערין אין ראלן.

דר. יעקב שאַצקי

צושטייער צו דער געשיכטע פון דעם פאַר גאָלדפאַדענישן טעאַטער

סעפּעראַט־אָפּדרוק פון „יידיש טעאַטער", בוך 4 - 3 ווילנע 1926 וואַרשע.

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין [זז. 299 - 277]

דער מחבר גיט איבער, לויט די זכרונות פון מנשה מרגלית, די שילדערונג פון אַ יידישער פאַרשטעלונג אין בערדיטשעוו אין 1854. עס האַנדלט זיך וועגן דער פּיעסע „קהל אין אַ שטעטל" פון תלמיד פון דער שול וואָלף קאַמראַש [זע זיין ביאָגראַפיע אין „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", זייט 2506]. מרגלית גיט אָן אַלס מחבר פון דער פּיעסע דעם תלמיד פון דער שול חיים בראַמבערג און דעם נאָמען פון דער פּיעסע אַלס „די אַלמנה".

דאָס צווייטע קאַפּיטל איז געווידמעט יידיש טעאַטער אין וואַרשע פאַר גאָלדפאַדן, וועגן די באַמיונגען אין 1840 פון דוד העלין צו געבן 15 דראַמאַטישע פאַרשטעלונגען, וואָס זיינען ניט דערלויבט געוואָרן, און דאַן פון 1866 ווען מ'האָט יאָ געשפּילט, און פון 1868 ווען ס'האָט געשפּילט אַ טרופּע אונטער דער דירעקציע פון בעלאו [זע די ביאָגראַפיע פון בעללויה, הירש גדלי' אין „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", באַנד 1, זז. 93-192].

אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע

יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט

טעאַטער־מוזיי א׳נ פון אסתר־רחל קאַמינסקי

רעדאַקטאָר: ד״ר יעקב שאַצקי

ערשטער באַנד

ווילנע־ניו יאָרק, [ווילנע, 1930, 536 זייטן גרויסן פאָרמאַט]

דאָס איז דער ערשטער פרווו צו פאַרפיקסירן מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידישע טעאַטער, הן בנוגע דער דראַמאַטורגיע, הן בנוגע דער לעבעדיקער בינע. דאָס האָט געזאָלט ווייטער פאָרגעזעצט ווערן און די רעדאַקציע האָט אַפילו שוין אַריינבאַקומען מאַטעריאַלן פאַרן צווייטן באַנד, וואָס איז אָבער קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

דאָס מאַטעריאַל אין דעם באַנד איז אויסערגעוויינלעך רייך און פאַרשיידנאַרטיק. צו די גרעסערע זאַכן געהערן: „טעקסטן און קוועלן צו דער געשיכטע פון טעאַטער, פאַרווײַלונגען און מאַסקאַראַדן ביי יידן״ פון ש. ערנסט, „בדחנים און לצים ביי יידן״ פון י. ליפשיץ, איציק איכעלס קאָמעדיע „ר׳ הענאָך אָדער וואָס טוט מע דאַמיט״ מיט אַן אַריינפיר פון ז. רייזען, אַן אחשורוש־שפּיל, מיט 100 יאָר צוריק פון דר. י. שאַצקי, ישעיה גוטמאַנס (י. מ. פינקעלשטיין) פיעסע „די דריי שוועסטערקינדער״ מיט אַן אַריינפיר פון דר. מ. ווײַנרייך, דוד קעסלער פון מ. אָשעראָוויטש, דר. מוקדונים טעאַטער־זכרונות, צענדליקער קלענערע רעצענזיעס, באַמערקונגען און באַריכטן, און אברהם גאָלדפאַדנס העברעישער איינאַקטער „דוד במלחמה״ מיט אַן אַריינפיר פון ד״ר יהושע בלאָך.

דאָס בוך אַנטהאַלט אויך זייער אינטערעסאַנטע בילדער און פאָטאָגראַפיעס, וואָס האָבן אַ גרויסע באַטייטונג צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער.

הונדערט יאָר גאָלדפאַדען

רעדאַקטירט פון **דר. יעקב שאַצקי**

אַרויסגעגעבן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט ניו יאָרק, 1940

[194 זייטן]

די זאַמלונג אַנטהאַלט פאָלגנדיקע אַרבעטן: דר. יעקב שאַצקי — גאָלדפאַדן אין וואַרשע, פּראָפ. מאיר באַלאַבאַן — זכרונות וועגן יידישן טעאַטער אין לעמבערג און א. גאָלדפאַדן, נ. מייזיל — דאָקומענטן צו גאָלדפאַדנס ביאָגראַפיע, ז. שייקאָווסקי — גאָלדפאַדן אין פּאַריז, ש״ס ראָמאַן — די ערשטע רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער אין רומעניע, א. ר. מלאכי — גאָלדפאַדן־מאַטעריאַלן, מרדכי קאָסאָווער — די ערשטע גאָלדפאַדן ביאָגראַפיע, י. ש. — אַ צענזור־דערלויבעניש אויף גאָלדפאַדנס פּיעסע, דר. יעקב שאַצקי — גאָלדפאַדנס אַ לידער־זאַמלונג אין כתב־יד, נאָטיצן: מכח זילבערבושס זכרונות וועגן גאָלדפאַדענען, לערנערס הקדמה צו „אוריאל אַקאָסטאַ״, דוד אַפּאָטעהקער וועגן גאָלדפאַדנס לידער און 29 בריוו פון אַברהם גאָלדפאַדן און 1 בריוו פון זיין פרוי פּאַולינע. די בריוו זיינען פריער אין ערגעץ ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן און זיי ווערן דאָ געבראַכט מיט אַן אַריינפיר און דערקלערונגען פון דר. שאַצקי.

ר. שושנה-קאַהאַן

אין פייער און פלאַמען

טאָגבוך פון אַ יידישער שוישפּילערין

מיט אַ פאָרוואָרט פון פ. בימקאָ

אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע.

ביכער־סעריע דאָס פוילישע יידנטום, באַנד 51.

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו, פאַרלאַגס־לייטער: אַברהם מיטלבערג.

בוענאָס איירעס, 1949 [399 זייטן]

דאָס בוך, וואָס נעמט אַרום די צייט פון 5 סעפּט. 1939 (עטלעכע טעג נאָכן נאַצישן איבערפאַל אויף פוילן) ביזן 22 אָקטאָבער 1946, שילדערט, אין דער פאָרם פון כראָניק, וואָס די שוישפּילערין איז זיך אויסגעשטאַנען, און, צוזאַמען מיט איר, אַ גאַנצע ריי אַנדערע יידישע קינסטלער, זינט דעם אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זייער אַנטלויפן פון פוילן, דאָס וואַנדערן איבער רוס־לאַנד, שפּעטער זייער אויפהאַלט אין יאַפּאַן און לסוף אין כינע.

דאָס בוך איז געשריבן ממש מיט בלוט, שילדערנדיק דאָס פאַרשווינדן פון דער שוישפּילערינס צוויי זין און דעם טויט פון איר מאַן, דעם שריפטשטעלער לאַזאַר קאַהאַן, און די אומשטענדן אונטער וועלכע עס איז איר אויסגעקומען צו שפּילן יידיש טעאַטער אין כינע.

יוסף שיין

אַרום מאָסקווער יידישן טעאַטער

[פּאַריז, 1964, 260 זייטן]

דער מחבר, אַ מיטגליד פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, באַשרייבט אין זיין בוך אייניקע אויפפירונגען אין דעם טעאַטער, ווי „די כישופמאַכערין", „דאָס גרויסע געווינס", „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", „מסעות בנימין השלי־שי" און „דער טויבער".

ער שילדערט דערביי זייער וואַרם די רעזשי־אַרבעט פון אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי, די סטודענטן פון טעאַטער, אַ באַזוך פון ל. מ. קאַגאַנאָוויטש אין טעאַטער, דאָס „פאַרשווינדן" פון מיטגלידער פון דער טרופּע, דעם מאָרד און די לויה פון מיכאָעלס.

ער כאַראַקטעריזירט דעם מאָלער ראָבערט פאַלק, דערציילט וועגן דער באַציונג צווישן סערגיי אייזענשטיין און סטאַלין, שילדערט קאָנסטאַנטין סטאַניסלאַווסקי און דעם מחברס טרעפונג מיט דער „הבימה".

דאָס בוך, וואָס איז זייער רייך אילוסטרירט, עפנט זיך מיט דער פאַקסי־מיליע פון צוויי בריוו פון מאַרק שאַגאַל צום מחבר און אַ וואַרעמען אַרטיקל וועגן שאַגאַלן און דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער.

ד״ר יצחק שיפּער

געשיכטע פון יידישער טעאַטער־קונסט און דראַמע

פון די עלטסטע צייטן ביז 1750

פאַרלאַג „קולטור־ליגע״, וואַרשע,

ערשטער באַנד, מיט 19 בילדער, [1923, 210 זייטן]

צווייטער באַנד, מיט 22 בילדער, [1925, 270 זייטן]

דריטער באַנד, מיט 16 בילדער, [1928, 310 זייטן]

דאָס איז די ערשטע און איינציקע וויסנשאַפטלעכע געשיכטע פון דעם פאַרגאָלדפאַדן־יידישן טעאַטער.

דר. שיפּער פּאָלעמיזירט מיטן צוגאַנג, אַז ערשט אין דער מאָדערנער צייט האָט זיך אויסגעשיילט די אַנטשטייונג פון דער טעאַטער־קונסט ביי יידן. ער שרייבט:

„שוין דערמיט אַליין, וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט אַלס ציל פון דער פאָרשונג צו שילדערן די געשיכטע פון דער יידישער טעאַטער־קונסט און דראַמע פון די עלטעסטע צייטן אָן ביז צו דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט, טרעטן מיר אַרויס קעגן די אַלע באַרופענע און נישט־באַרופענע שרייבער, וואָס זיי ווייסן ניט אָדער ווילן ניט וויסן וועגן יידישע דראַמאַטיקער און אַקטיאָרן פון די עלטערע צייטן״.

דער מחבר טרעט אַרויס קעגן די טעאָריעס פון די ראַסן־טעאָרעטיקער, אַז צוליב דעם, וואָס יידן, ווי בכלל די גאַנצע סעמיטישע ראַסע, האָבן אַ ברויזנדיקן, עקספּלאָדירנדיקן טעמפּעראַמענט און זיינען „בטבע״ ניט פעיק גייסטיק זיך צו קאָנצענטרירן, פעלט ביי זיי די דראַמאַטישע שאַפונג, וואָס איר יסוד איז גייסטיקע קאָנצענטראַציע. ער האַלט אויך ניט פון די אַנדערע וויסנשאַפטלער, וואָס ווייזן אָן, אַז צוליב רעליגיעזע מאָטיוון האָט זיך ביי יידן ניט געקאָנט אַנטוויקלען קיין פּלאַסטישע קונסט, אַריינגערעכנט די טעאַ־טער־קונסט, וואָס איז ענג צונויפגעבונדן מיטן בילדלעכן, פּלאַסטישן. אויך איז ער ניט מסכים מיט דער טעאָריע, אַז אין משך פון דעם לאַנגן גלות־לעבן

זיינען יידן געווען אַקטיאָרן אין לעבן און האָבן זיך ניט גענייטיקט צוליב דעם אין טעאַטער־שפּיל.

וועגן דעם מעטאָד און איינטיילונג פון זיין אַרבעט, שרייבט דער מחבר:

„דער שווערגעוויכט פון אונדזערע פאָרשונגען איז געלייגט אויף דער דראַמע אין דער **יידישער שפּראַך** און אויפן טעאַטער מיט וועלכן זי האָט זיך צונויפגעוועבט. כדי אָבער געהעריק צו באַלייכטן די וואָרצלען און די אַנט־וויקלונג פון דער יידישער דראַמע און יידישן טעאַטער, האָבן מיר געמחט אויסברייטערן די ראַמען פון אונדזער פאָרשונג. מיר האָבן זיך פון איין זייט אָפּגעשטעלט אויף דער דראַמאַטישער קונסט, וואָס יידן האָבן געשאַפן אין העברעיש און אין פרעמדע שפּראַכן, ווי אויך אויף די יידישע אויפטוען אין פרעמדע טעאַטערן, און פון דער אַנדערער זייט האָבן מיר ברייטער געמוזט באַהאַנדלען פראַגן, וואָס געהערן צו דער אַלגעמיינער געשיכטע פון דער דראַמע און טעאַטער. ...אין זייער אַ סך פאַלן איז געווען פאַר אונדז די אַלגעמיינע געשיכטע פון דער דראַמע און טעאַטער דער וויכטיקסטער און כמעט דער איינציקער אָנלען, אויף צו באַשטימען די אַנטשטייונגס־צייט פון געוויסע יידישע פּיעסן און דערקלערן דעם כאַראַקטער פון טעאַטער אין וועלכן מ׳האָט זיי אויפגעפירט. אַלס ביישפּיל דערמאָנען מיר דעם רייכן רע־פּערטואַר פון די „פּורים־שפּילן״, וואָס האָבן זיך דערהאַלטן ביזן היינטיקן טאָג, ס׳רוב אַ דאַנק דער מינדלעכער טראַדיציע״.

דער מחבר באַרירט אויך די פראַגע פאַרוואָס זיין ווערק שטעלט זיך אָפּ ביים יאָר 1750:

„דער סוף פּונקט פון אונדזערע פאָרשונגען איז נישט קיין צופעליקער. ביז אַן ערך דער מיט 18טן יאָרהונדערט האָט געבליט די אַנאָנימע יידישע פאָלקס־דראַמע און דאָס אמתע יידישע פאָלקס־טעאַטער. אויבן אָן שטייט די **דיכטונג**, ווייט אין הינטערגרונט — דער **דיכטער**. מיט דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט, ווען די עמאַנציפּאַציע הייבט אָן אויפצורודערן אַלץ־ברייטערע יידישע פאָלקס־שיכטן, ענדערט זיך גרינטלעך דער כאַראַקטער סיי פון דער יידישער דראַמע, סיי פון דעם טעאַטער. דער **דראַמאַטישער דיכ־טער** שטעלט זיך אין פאָדערגרונט. די דיכטונג הערט אויף צו זיין אַנאָנים. דאָס טעאַטער הערט אויף צו זיין אַ דערגאַנצונג צו דער שול אָדער שולע. עס ווערט דער שפּיגל פון נייע יידישע מענטשן, וואָס דערווייטערן זיך אַלץ מער פונם אַלטפרענקישן, פרומען יידישן לעבן״.

שלום-עליכם

בלאָנדזשענדע שטערן

דער ראָמאַן האָט זיך געדרוקט אין 1909 אין ניו־יאָרק אין „מאָרגען זשורנאַל“ און גליײַכצײַטיק אין פּוילן (פריער אין „די נייע וועלט“ און דערנאָך — דער צווייטער טייל — א׳ב „גע ונד“ אין „דער מאָמענט“), און איז באַלד אַרויסגעגעבן געוואָרן אַלס בוך פון „מאָרגען זשורנאַל“, און דערנאָך, ווי דאָס רוב פון שלום־עליכמס ווערק, איבערגעדרוקט געוואָרן אַ סך מאָל אין פאַרשיידענע אויפלאַגעס.

דער נאָמען „בלאָנדזשענדע שטערן“, וואָס שלום־עליכם האָט געגעבן די יידישע אַקטיאָרן, איז פאַרבליבן ווי זייערס אַ קען־צייכן. דער ראָמאַן איז איבערזעצט געוואָרן אין אַ סך שפּראַכן און איז מערמאָל דראַמאַטיזירט און אויפגעפירט געוואָרן.

אין דעם ראָמאַן דערציילט שלום־עליכם ווי אין דעם רומענישן שטעטל האָלאַנעשטי געפינט זיך אַ חזן, וואָס האָט אַ טעכטערל רייזעלע, וועמען דער רבונו של עולם האָט באַשאָנקען מיט אַ פּרעכטיקע שטימע. אין זעלבן שטעטל קומט צו פאָרן אַ יידישע וואַנדער־טרופּע מיט אַ קראַנקן יאַדישלעוואַטן כאַ־ראַקטער־קאָמיקער בערנאַרד האָלצמאַן, וועלכן די טרופּע רופט „האָצמאַך“. די טרופּע שפּילט אין שטאַל פון דעם פערד־סוחר ראַפאַלאָוויטש. ראַפאַלאָ־וויטש האָט אַ יונגעלע, לייבעלע, וואָס איז פאַרליבט אין אָט דער רייזעלען. פּונקט אַזוי ווי רייזעלע האָט אַ פּרעכטיק קול צום זינגען, אַזוי האָט לייבעלע אַ נייגונג צו דעקלאַמאַציע און דראַמע. האָצמאַך באַשליסט אַרויסצוגנבענען אָט די צוויי יונגע קינדער און זיי מאַכן פאַר יידישע אַקטיאָרן. ער טוט אַזוי. ער גנבעט זיי אַוועק, מאַכט זיי פאַר יידישע אַקטיאָרן. פון לייבעלען ווערט דער גרויסער דראַמאַטישער אַקטיאָר לעאָן ראַפאַלאָוויטש. רייזעלע ווערט אָבער דורך אַ צופאַל אָפּגעריסן פון לייבעלען. אין איר פאַרליבט זיך דער יונגער מוזיקער גרישע סטעלמאַך (אַ רמז אויף אַ באַרימטן יידישן מוזיקער), וועלכער ווערט וועלט־באַרימט. ער מאַכט אויך וועלט־באַרימט רייזעלען, וועלכע הייסט שוין ראָזאַ ספּיוואַק. לייבעלע קאָן זי אָבער ניט פאַרגעסן אויף די אַלע וואַנדער־וועגן, וואָס די יידישע אַקטיאָרן מאַכן דורך איבער רומע־ניע, רוסלאַנד, שפּעטער לאָנדאָן און לסוף אַמעריקע. ערשט דאָ קומען זיך ביידע פאַרליבטע ווידער צונויף אַלס גרויסע יידישע שוישפּילער.

BERNARDO EZEQUIEL KOREMBLIT

BEN - AMI

EL ACTOR ABISMAL

Prólogo de CESAR TIEMPO

Editorial STEFAN ZWEIG

Buenos Aires

(1946, 129 pp.

[בערנאַרדאָ יחזקאל קאָרעמבליט

בן עמי, דער טיפער אַקטיאָר

אַריינפיר פון צעזאַר טיעמפאָ

בוענאָס איירעס, [1946, 129 זז.]]

דער שרייבער שטעלט זיך אָפּ אין זיין שפּאַניש בוך אויף די דריי גאַסטשפּילן פון בן־עמין אין בוענאָס איירעס ווו ער איז אויפגעטראָטן מיטן גרעסטן דערפאָלג אין די פּיעסן „די גייסטער" פון איבסען, „דער אידיאָט" פון דאָסטאָיעווסקי, „גרינע פעלדער" פון פּרץ הירשביין און „שמשון און דלילה" פון סווען לאַנגע. ער שילדערט בן־עמין ווי דעם גרויסן אינטעליגענטן, טאַלענטפולן שוישפּילער וועלכן ער באַטראַכט אַלס נאָכפאָלגער פון באַרימטן אַלעקסאַנדער מאָיסי.

ער וויזט אָן, אַז בן־עמי ברענגט אַרויס אין זיינע ראָלן מענטשלעכעליידן, פרייד, טרויער, ליבע, צאַרטקייט, איפּערזוכט, ווײַגעשרײ, אָבער אַלץ אָן שום איבערטרייבונג, נאָר נאַטירלעך, אמתדיק, ערלעך, אויפריכטיק, טיף מענטשלעך. ער איז פיין, אינטעליגענט, אַריסטאָקראַטיש, אַן אַקטיאָר פון אמת, רירנד, איבערצייגנד, און פאַרדינט די אָנערקענונג אַלס ערשט־ראַנגיקער קינסטלער.

דער מחבר שילדערט אויך בן־עמיס קינדער־יאָרן, זיין היים, זיין דערציונג, די סביבה און ווי אַזוי ער איז צוגעקומען צו ווערן אַ שוישפּילער.

ITZHAK TURKOW-GRUDBERG:

ABRAHAM GOLDFADEN, EL PADRE DEL TEATRO IDISH.

Editado por el Ejecutivo Sudamericano del Congreso Judío Mundial, Bs. Aires, 1969.

[יצחק טורקאָוו-גרודבערג

אברהם גאָלדפאַדן — פאָטער פון יידישן טעאַטער

ארויסגעגעבן פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק
ביים לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישן וועלט־קאָנגרעס
בוענאָס איירעס, 1969.]

שוין נאָכדעם ווי דאָס דאָזיקע בוך „האַנטבוך פון יידישן טעאַטער", איז אַריין אין דרוק, איז אָנגעקומען די ידיעה אַז אין בוענאָס איירעס איז אַרויס די דאָזיקע בראָשור אין שפּאַניש.

פאַר דער שפּאַנישער מאָנאָגראַפיע איז וואַרשיינלעך שטאַרק אויסגענוצט געוואָרן דעם מחברס פריערדיקע בראָשור וועגן גאָלדפאַדן (זע ז. 48). זי הייבט זיך אָן ניט מיט די דירעקט ביאָגראַפישע דאַטעס וועגן גאָלדפאַדן, צו וועלכע זי קערט זיך ערשט שפּעטער צוריק, נאָר מיט גאָלדפאַדנס אַריינ־טרעטן אין דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, ווו ס'קומט אים אויס צו שפּילן די טיטל־ראָל פון דר. עטינגערס „סערקעלע". עס גייט דורך דעם פּעריאָד ווען ס'איז אומעגלעך געווען צו קריגן פרויען צו שפּילן אויף דער בינע, גאָלדפאַדנס דיכטערישן און זשורנאַליסטישן פּעריאָד, גאָלדפאַדנס גרינדן דאָס סטאַבילע יידישע טעאַטער אין רומעניע, דערנאָך אין רוסלאַנד, דעם רעפּערטואַר, וואָס ער האָט געשאַפן, די אַקטיאָרן, וועלכע ער האָט דערצויגן, זיין אָנוועזנהייט אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1900 אין לאָנדאָן, דאָס קומען אין אַמעריקע, די קראַנקהייט און דאָס אָפּשטאַרבן ביז דעם פאַקט, אַז סיי אין יאסי (רומעניע) סיי אין תל אביב (מדינת ישראל) געפינען זיך גאַסן, וואָס טראָגן דעם נאָמען פון אברהם גאָלדפאַדן.

אברהם גולדפאדן

שירים ומחזות

ההדיר והקדים מבוא

ראובן גולדברג

ספריית „דורות", הוצאת מוסד ביאליק, ירושלים [1970, 217 זז.]

[אבֿרהם גאָלדפֿאַדן

לידער און פּיעסן

צונויפֿגעשטעלט, מיט אַן אַריינפֿיר, ראובן גאָלדבערג

ביבליאָטעק „דורות", אַרויסגעגעבן פֿון ביאַליק אינסטיטוט, ירושלים.]

ראובן גאָלדבערג, וועלכער האָט דאָס בוך צונויפֿגעשטעלט און רע־דאַקטירט, באַמערקט:

„אבֿרהם גאָלדפֿאַדנס רייכע שאַפֿונג אין יידיש, האָט פּאַרטונקלט זיין באַשיידענעם ביישטייער צו דער העברעישער ליטעראַטור און אים אַריינ־געשטופּט אין אַ ווינקל. אָט דער אויסקלייב פֿון די שריפֿטן פֿון דעם פֿאָטער פֿון יידישן טעאַטער, האָט דעם צוועק אויסצולייזן פֿון פֿאַרגעסנ־הייט זיין העברעישע ירושה אין פּאָעזיע און אין פּיעסן, און דערצו זיינען צוגעגעבן געוואָרן אין איבערזעצונג איניקע פֿון זיינע שאַפֿונגען".

אויסער אַן אַריינפֿיר אין וועלכן, געשטיצט אויף אַ סך קריטיקער און צייט־מענטשן פֿון גאָלדפֿאַדענען, גיט גאָלדבערג אַ סקיצירטע ביאָ־גראַפֿיע און אָפּשאַצונג וועגן די לייסטונגען פֿון גאָלדפֿאַדענען פֿאַרן יידישן טעאַטער און אין דער העברעישער און יידישער ליטעראַטור, ווערן איי־בערגעדרוקט ג.׳ס לידער אין זיין העברעישע אויסגאַבע פֿון „צצים ופרחים", זיין אָריגינעל אין העברעיש געשריבענער איינאַקטער „דוד במלחמה", ג׳ס הקדמה צו דער צווייטער אויסגאַבע פֿון „צצים ופרחים", די פּיעסע „שולמית" אין דער העברעישער איבערזעצונג פֿון יעקב לערנער, און 5 גאָלדפֿאַדן־לידער, איבערזעצט אויף העברעיש דורך חיים ראַבינזאָן.

ביישטייערער און אַבאָנענטן

אויף דער ווענדונג פון יובל־קאָמיטעט ביי דער ייווא האָבן זיך אָפּגע־רופן פאָלגנדיקע ביישטייערער און אַבאָנענטן אין די לענדער און שטעט:

אַרגענטינע

ראזשאנסקי שמואל

בראַזיל

ייווא־קאָמיטעט

דעטראָיט

הערמעלין אירווינג
וויינבערג הערי, דזשעני
לאמעד לואיס
ליטוואַק יצחק
לייקין ב. מ.
מילער דזשעימז
פרידמאַן משה, שרה
שייוער פאנדעישאן

ווערמאַנט

הירשביין־שומיאַטשער אסתר

ווענעזועלאַ

פריילין מרדכי

לאָס אַנדזשעלעס

אדערבערג משה
איידנער הערי
אַלעקסאַנדער, עוועלין
אסטראוו ראוז
אַפּטייקער אסתר
בוירק לעאָן
בונין ז.
בוקרינסקי הערמאַן
בייראק דארא
בערקאָוויטש י.
בריינין שמואל
ברייס תנחום
גאָלדמאַן דוד
גארפיעלד נייטאן, מערי
גליקמאן בערנארד
גרעי דזשאן
דזשייקאבסאן בערנארד
האפשטיין מ.
הירשביין־רויזענבלאט צוויג
הערשבערג מרים
וואנאמייקער באשקע
וויטמאַן פאולין
ווייס יעקב, וויערא
זאר הערי
זיגעלבוים אברהם
זילבערצוויג צילע
זילבערצוויג, אבשלום, אהובה
זינגער שלמה
טאפט נייטאן
טילעס י.
טרייבוש שמעון ע״ה
ל. א. יידישער קולטור־קלוב
לאָקס אייב, פּרענציס
לובלינער מיכל דר.
ליבערמאַן, אַדאָלפֿאָ
לייענער שמחה
לעדערמאַן מאיר ע״ה
לעוו זיגמונט
לעסין טשאַרלז י.
לערער זלמן

מאקאווסקי י.
מארדען אליהו
מארסעל דוד
מוראווטשיק מ.
מילער יוליוס
נוטקעוויטש סערגעי
ניומאַן אידיט
(אין אָנדענק פון יעקב ניומאן ע״ה)
ניזשינסקי מר. און מרס.
סאווגאוו א.
סאלעס וואָלף
סאפיאן פעי
סאפקין בען,
סטענצאר איזידאר
פּאַטער האוארד, ראָזאַנאַ
פּאַניץ יוסף, פייגעלע
פלאטקין דען (פּאלם ספרינגס)
פּארבער מאָריס ע״ה
פּודענבערג פּייגע
פעיר בען, שרהלע
פעיר לאורא, ראני
פּראנצבלוי ש.
צוקערמאַן שלמה
קאַהאַן דזשעק
קאוונער שמואל
קאפלאן משה
קאַץ טעאָדאָר
קארן אייב
קארן יוסף
קוירטמאַן אהרן
קארסאן אַלעקס
ראבין אַלעקס, שפרה
ראטבלאט הערי
ראָטענבערג אפרים אשר, הרב
רויזענבלאַט מלכה
רויטבלום יצחק, זהבה
ריטשמאַן מערי
שאר וויליאם
שארף שמחה, שארי
שאַרקי אַלען, נינא
שוואַרץ שמעון ל.
שוואַרצקאָפּ אַלעקס,
שוגער קארל, דר.
שטיין מר. און מרס.
שטראַסבערגער מאַקס
שפּיגעלמאַן מר. און מרס.
שראגע דוד

מילוואָקי

וויינגאַרד פעני
ווינשעל הערי
ליכט דוד

מדינת ישראל

כספי נתן, אלישבע

מעקסיקע

א. אליפז
אשכנזישע קהילה (קולטור דעפּ׳.)
מראָטנער אניטאַ, משה
יונגסטער שרה, הערמאַן
לובינסקי לעאָן, געניא
פּינטעל מאַנועל
שטאַבינסקי דאָריס

ניו יאָרק

אבראמסאָן ה.
אַרבעטער רינג
באזשיק מאַקס, רייזל
באנטשעק שמואל, גנענדל
גאָלדבערג ב. צ.
דזשאַנאָווסקי אַברהם
דזשאקלין שרה
דיקשטיין ש.
וואַקסבערג ה.

זינשטיין שלמה
טאַפּסקי טשאַרלז
טאַפּסקי שמואל
טויב אירווינג
טיקמאַן יעקב, סאָניא
טראַי בעני, מאלי
יידישע אַקטיאָרן יוניאָן
יידישער אַרבעטער קאָמיטעט
יידישע טעאַטריקל עלייענס
יידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד
מאליק יודזשין
מילמאַן ש.
מערקור וואָלף
סקולניק מנשה, אננא
פּען קלוב
פּעטרושקא משה
פּרייס מיכאל, גיזעלא
פישער משה
פערשקא חיים, שרה
פריינד פון יידישער וועלטלעכער דערציונג
קעניגסבערג לעאָן
ראָזען הערשל
ראָטפּוירל הערי
שייפער לאה

סאַן פראַנציסקאָ

גאַרפינקל מאַקס

פלאָרידאַ

גינגאָלד בערנאַרד
האָניגבוים מאָריס
לוקשטיין יוסף
נעשקין סעם
פינקעלשטיין יצחק
קאַוונער ב. (י. אדלער)

פענסילווייניאַ

לעווין ל.
פורמאַן חיהלע, ארי

פערו

מעקלער ב.

פראַנקרייך

שעפּנער אסתר

שיקאַגאָ

בראַנשטיין מאַקס
דובאַוו יעקב, שרה
האַלפּערן־גיומאַן, דינה

דער קאָמיטעט און דער מחבר זאָגן דערמיט אַלעמען אַ האַרציקן יישר־כוח.

e) Folklore

50, 56, 66, 13, 137.

g) Plays

163, 46.

h) Novels

183, 35.

i) Econography

53, 149.

5, 95, 108, 16, 173, 2, 144, 145, 90, 28, 93, 94, 17, 167, 168, 33, 34, 128, 98, 169, 123.

b) Biography

51, 54, 99, 124, 85, 57, 138, 70, 71, 13, 153, 2, 93, 95, 143, 58, 80, 174, 17, 28.
151, 175, 73-75, 45, 100, 116, 31, 102, 117, 29, 30, 179, 18, 77, 111, 113, 94, 56, 59-67, 158, 87, 162.

c) Critique

1, 3, 8, 12, 16, 20, 24, 37, 42, 44, 81, 88, 101, 104, 107, 110, 113, 119, 120, 121, 122, 128, 133, 136 137, 135, 139, 140, 142, 146, 147, 159, 162, 166.

d) Recollection

EUROPE

50, 143, 120, 121, 58, 80, 45, 73-75, 116, 31, 30, 29, 6, 82, 38, 113, 178.

ARGENTINE

158, 151, 123.

U. S. A.

50, 70, 69, 71, 138, 57, 160, 59-67, 2, 95, 174, 109, 93, 118, 55, 152, 94.
4, 5, 26, 47, 90, 53, 34, 33, 11, 52, 56, 77, 180.
12, 20, 21, 23, 24, 76, 88.

f) Theory

15, 16, 19, 43, 44, 72, 81, 89, 101, 105, 106, 115, 128, 142, 157, 166, 172.

This latter body of source material results in a huge anthology of Yiddish theatre. Taken separately, it is a special area of investigation that students and cultural researchers will find fruitful for further work.

In closing this prefatory section it may be illuminating to set forth a few numerical data — statistics so to speak — concerning the writings on the subject of Yiddish theatre.

155 books have been published in Yiddish. Another 4 in Russian, 2 in Hebrew, and a total of 21 in the various other diaspora languages of English, German, Polish, Spanish and French. These works have been generated by 128 authors and were subsequently printed by presses in Poland, America, Argentina, Mexico, Israel, Russia, France and Roumania.

The first known book on Yiddish theatre appeared in the year 1877-8. It was published simultaneously with the founding of the permanent Goldfaden Theatre in Roumania.

Thus, with this special platform of understanding now built, we are able to launch what we feel is the first definitive compilation of materials seeking to illuminate that important element of Jewish cultural development: Yiddish theatre.

It is an undertaking born of love and one which — even though extensive — will merely point the way for others to follow.

We commend these pages to you.

a) History

181, 176, 157, 27, 48, 54, 51, 9, 124, 123, 7, 11, 51, 98, 154, 26, 39, 85, 50, 1, 122, 7, 70, 71, 98, 13, 138, 57, 160, 59-67, 153.

140, 156, 155, 58, 80, 86, 118, 99, 119, 120, 163, 164, 116, 3, 92, 101, 117, 126, 107, 104, 178, 142, 78, 52, 56, 55, 31, 30, 29, 75-73, 45, 49, 36, 113, 177, 111, 18 77, 82, 78, 130, 97, 37, 149, 38, 6, 19, 91, 170, 4, 40, 133, 134, 137, 57, 159, 152, 177, 171, 172, 53,

this summary includes reference to books that were originally written in Yiddish on the subject of theatre in general.

The author has attempted to project the substance of each of these sources. They are classified according to an alphabetical roster of authors. To facilitate study, an additional system of classification was employed wherein the genre of the exposition follows the headings: History, Biography, Critique, Recollection, Folklore, Theory, Plays, Novels, Econography and books in Yiddish about Theatre in other languages.

As much as possible, the classification of this manual follows a chronological order according to events. This was consciously done in order to draw the attention of students, and casual readers alike, to the historical context of the events under discussion. Therefore, in each volume there appears a page number reference directing the reader to a detailed summary of that particular source.

The author also recognizes that many sources and references on the subject of Yiddish theatre are not limited to a single genre or categorical quality. Some blend many such elements. Therefore, these sources carry a multiple-reference wherein the larger numbers lead to the primary classification, and the smaller ones refer to corollaries. Thus, it is hoped, an effective system of cross-reference will have been created for easy location and retrieval.

In addition, the research effort leading to this publication also tapped much diverse information of a more informal nature. Included in this latter grouping are theatre and art journals, theatre programs, critical reviews, editorial articles which appeared in both the Jewish and general press, and innumerable anecdotal recollections gathered from Yiddish theatre enthusiasts, actors, and others whose special nostalgia for it has left them with memories worth relating.

effect relationships which exerted the negative influence on this vital art form.

Such tentative conclusions as have been offered, when thoroughly researched, often turn out to be founded upon the writer's conversation with an aging actor, or playwright, whose own information was a victim of purely personal perspective.

Despite the stormy rise and fall; the flowering and fallowing, one cannot minimize the truly substantial impact Yiddish theatre has had on Jewish cultural life. At the very least, it exists yet today as a subliminal awareness in the minds of those who would codify the qualities of Jewish interpersonal relations.

For this reason if none other, Yiddish theatre needs to be closely examined through the contemporary lens of cultural survival. Its exact role and its socio-political effect need a more well-defined analysis. In this way will a more complete presentation of total Jewish history be possible.

In addition, if such formal examination were to be made, research and study by others could build on this base, could elicit further fact, interpret further consequences, and thus create a body of advanced Jewish studies.

It seems therefore obvious that a guide, a handbook if you will, is needed.

This volume was planned as such a guide.

It offers itself as a manual, a sort of comprehensive compendium of the various formal and informal sources of information about the Yiddish theatre. To use the current vernacular, this book is a "roadmap" designed to point out the scenic and the historic, as well as to guide the searches of others in the discovery of the yet unknown.

Contained within these covers the reader will find a summary of obscure literature —such as it is— published in the languages of Yiddish, Hebrew, English, German, Polish, Russian, French and Spanish. Also,

PREFACE (*

The permanent Yiddish theatre will soon celebrate its centennial year; 100 continuous years of reflecting both the psyche and the soma of the Jewish ethnic mainstream.

In the beginning, there were humble origins indeed; just two amateur actors and a mere handful of spectators to provide the audience.

During the century that followed, it belied this simple start and grew to worldwide stature and influence.

Puberty and adolescence came slowly for Yiddish theatre. But, suddenly, with a major forward thrust, it rose to truly prominent heights. It developed not only a loyal sustaining audience, but accomplished actors, skilled playwrights, and a cadre of supportive enthusiasts.

Following that special "golden" period, a variety of unchronicled factors served to threaten the very existence of the previously flourishing Yiddish theatre. A regression followed. There were suddenly no playwrights, no actors, and no interested theatre-goers. The bloom on the flower that was a dynamic cultural art, faded almost as quickly as it grew.

The causes underlying this decline remain largely elusive due to the paucity of information sources. There is no definitive history of Yiddish theatre. Indeed, there are a sparse few sources of any kind, other than random individual recollection, from which to construct even reasonable speculation about the cause and

(* **English language translation by Miriam Robin Goodwin**

ZALMEN ZYLBERCWEIG

Editor of the

LEXICON OF THE YIDDISH THEATRE

6517 Drexel Ave

Los Angeles, Cal. 90048

ZALMEN ZYLBERCWEIG

MANUAL DEL TEATRO JUDIO

IMPRENTA MODERNA PINTEL, S. A.

Dr. Garciadiego 28, México 7, D. F.
Tels.: 578-47-53 y 578-0492

MEXICO
1970

GUIDE and MANUAL
TO
Yiddish THEATRE

by ZALMEN ZYLBERCWEIG

PUBLISHED BY THE ZYLBERCWEIG JUBILEE
COMMITTEE UNDER AUSPICES OF
LOS ANGELES YIVO

MEXICO CITY 1970